תשר״ק'ס
בעסטע
ערצעהלונגען

אויף דער זייט ים

מאנטעבלאט פרעססע

VELUT ARBOR ÆVO

Presented to the

LIBRARY *of the*

UNIVERSITY OF TORONTO

BY THE

BAYCREST CENTRE FOR
GERIATRIC CARE

72

תשר"ק'ס בעסטע ערצעהלונגען

Tashraks

IV.

אויף דער זייט ים

בילדער פון אונזערע געלע און גרינע

פון

ישראל י. זעווין

(תשר"ס, יודקאָוויטש)

פערלאַג תשר"ק נו יאָרק

LIBRARY
JAN 19 1994
UNIVERSITY OF TORONTO

Copyright 1910.
By Israel J. Zevin
(All rights reserved.)

אינהאַלטס-פּערצייכנים:

יום־טוב'דיגע ערצעהלונגען.

די תורה איז שטאַרקער פון דער יוניאָן 7
אַ סדר אין אַן אימיגראַנטען־האָטעל 14
אַ גאַסט צום סדר 21
די צוויי שכנים איבער'ן הויף 27
בלינצעס 32
„גרינעס" אויף שבועות 38
אַ שבועות'דיגער „על חטא" 47
ימים נוראים בילדער 53
דער „בעל תשובה" 61
געענדערט די פּראָגראַמע 68
צוויי יום כפורים 72
דזשאָהן מעק'קאַרטי'ס סוכה 75
דאָס מזל'דיגע חנוכה דרעהדעל 81

אַ מענשען'ס מזל.

אַז עס איז ניטאָ קיין מזל העלפט קיין נאָז 89
אַ פּיאַנאָ אָדער אַ נעה־מאַשין 95
אַ קעניג אין אַמעריקאַ 99
אַ „יהודי" מיט אַ אידען אין איין קאַר 107
גיין טעג 112

מיסטער קאָהען 119
אַ פּראַקטישע זאַך 124

אלץ פאר'ן שטיקעל ברויט.

אַ גרייז אין ציימונג 129
„וואונדערבאַר“ 134
שותפים 136
אונזערע רעדנער 139
אַלע האָבען געטרויערט 142
אויך מיר אַ איד 144

דעמענטיא אמעריקאנא.

דעמענטיא אמעריקאַנאַ 147
דער יצר הרע האָט געזיעגט 150
באָמבעס 156

יום-טוב'דיגע ערצעהלונגען

די תורה איז שטאַרקער פון דער יוניאָן

דער גאַנצער סכסוך האָט זיך אָנגעפאַנגען צוליעב נעללי׳ן. נעללי איז געווען אַן איירישע שיקסעל וואָס האָט געאַרבייט ביי מיסטער זעמעלמאַן. זעמעלמאַן איז געווען אַ בעוואוסטער בעקער אין בלעקבערי עוועניו, און בלעקבערי עוועניו איז דער צענטער פון אידישען קוואַרטאַל אין דער שטאָדט דריפּטאַון, וועלכע איז נים ווייט פון נויאָרק.

איהר פרעגט וואָס איז דער מעהר מיט נעללי׳ן? אַ קוק צו מהאָן אויף איהר איז זי אַזאַ שטילע, רוהיגע בעשעפעניס, דאָס זי מאַכט אויף אייך דעם איינדרוק אַז זי וועט אפילו אַ מאָסקיטאָ נים טשעפּען. נעללי׳ס מאַמע, וועלכע איז געווען אַן אלמנה, האָט דאָס רוב לעבען איהרען אָבגעוואוינט אין דעם אידישען קוואַרטאַל געטהאָן אַלערליי הויז־אַרבייט. זי האָט זיך געפיהלט זעהר היימ־ליך צווישען די אידישע ווייבער פון דריפּטאַון. מיסעס העננעסי (אַזוי האָט געהייסען נעללי׳ס מוטער) האָט געקענט ריידען אַביסעל אידיש, און שבת נאָכמיטאָג פלעגט מען זי זעהן שטעהן מיט אידישע ווייבער אין גאַס און שמועסען וועגען שטאָדטישע נייעס, וועגען דעם סיום התורה וואָס דאַרף פּאַרקומען, און דאָס גלייכען. מיסעס הענעסי פלעגט זיך מאַטערען צו ריידען אידיש אום לייכטער צו מאַכען איהרע געדאַנקען פאַר די אידישע ווייבער, און די ווייבער פלעגען זיך מאַטערען צו ריידען ענגליש כדי לייכטער צו מאַכען פאַר מיסעס הענגעסי.

נעללי האָט זיך געפיהלט גאַנץ היימליך אין אידישען קוואַר־טאַל. איהרע חבר׳טעס זיינען אַלע געווען אידישע מיידלעך, אין איהר עלטער, צווישען צוועלף און פערצעהן. ביי די אידישע קינ־דער איז דאָס געווען אַ זכיה וואָס זיי שפּיעלען זיך מיט אַ „קריס־טשען“, ווען דאָס איז דאָך לײדער אַזאַ פּעהלער אפילו ביי די ערוואַקסענע. און ביי נעללי׳ן איז עס געווען אַ זכיה דאָס די

קינדער פון יענע עלטערען ביי וועמען איהר מאמע וואשט וועש האלטען זי פאר זייער א גלייכען. און נעללי איז געוואקסען צו־זאמען מיט די אידישע קינדער, און האט זיך אויסגעלערנט זייערע מנהגים, זייערע תנועות, און אפילו דעם ניגון, דעם אידישען נגון, וואס הערט זיך ווען א אידיש קינד רעדט אפילו א שפראך וואס איז ניט זיין מאמע־לשון.

„זי האט עפעס א אידישע נשמה אין זיך".

„זי האט א אידישען אנבליק".

„זי איז גאר ניט עהנליך צו א שיקסעל".

אזעלכע בעמערקונגען פלעגען די וייבער מאכען וועגען דער־קליינער נעללי, די טאכטער פון דער איירישער אלמנה מיסעס העננעסי.

נו, האט עס איינמאל פאסירט, אז מיסעס הענעסי איז גע־קומען צו מיסטער זעמעלמאן, דער לענדלארד, אין וועמעס הויז זי האט געוואהנט, און איהם געבעטען ער זאל צונעהמען ארבייטען נעללי'ן אין זיין בעקעריי. מר. זעמעלמאן האט איהר געהייסען קומען.

אז נעללי איז אנגעקומען ארבייטען האט זי פון אנפאנג ניט געהאט קיין בעשטימטע ארבייט. מיסטער זעמעלמאן האט איהר־אמאל געהייסען צעהלען זעמעל, אמאל פאקען ביסקיטס אין קעס־טעלעך, און אמאל פלעגט ער זי שיקען אין קעלער אויסהעלפען ביי באקען זיסע קוכענס. די לעצטע ארבייט איז געווען נעללי'ן שטארק צום הארצען. זי האט ארויסגעוויזען א גרויסען חשק צו מאכען קוכען.

און דא האט זיך אנגעפאנגען דער סכסוך. די אנדערע אר־ביטער האבען געוואלט אז נעללי זאל ווערען א מיטגליעד פון זייער יוניאן, און אויב ניט וועלען זיי מיט איהר ניט ארבייטען.

„וואס יוניאן? ווער יוניאן?" האט אויסגעשריען מיסטער זעמעל־מאן. זי איז דאך נאר א קינד, א בייבי, זי איז אפשר אין גאנצען אלט א יאהר צוועלף!"

„ניין", האט געזאגט דער עלטסטער ארבייטער פון דער בע־קעריי. „נעללי אליין זאגט אז זי איז באלד פופצעהן".

„גרינהארנס וואס איהר זייט!" האט מר. זעמעלמאן אויס־

גערופען. „ווייסט איהר דען נישט אז דאָס האָב איך אליין איהר געהייסען אזוי זאָגען? דאָס איז כדי דער פאבריק־אינספעקטאָר זאָל מיר ניט מאכען קיין שטערונגען. איהר ווייסט דאָך, אז עס איז נעגען דאָס געזעץ צו בעשעפטיגען קינדער וואָס זיינען אונטער 14 יאָהר".

די ארבייטער זיינען פון דיעזער ערקלעהרונג ניט געוועזען צו־פריעדען. נעללי האָט אויסגעזעהן צו גרויס און צו קלוג פאר א מיידעל פון צוועלף יאָהר. אין אויסזעהן האָט נעללי געמאכט דעם איינדרוק פון א „מיס" וואָס הויבט שוין באלד אָן צו טראכטען וועגען אָנטהאָן א לאנגע קליידעל און וועגען א תכלית. איהרע האָאָר האָט זי שוין מעהר ניט געטראָגען אין א צעפעלע, נור איינ־געדרעהט פון הינטען אזוי ווי א קראנץ־קוכען און פון פאָרענט האָט זי געטראָגען א קליינעם פאָמפאדור וואָס איז געגאנגען ארויף, אזוי ווי דער וויערך פון א שארלאָט רוס. און א הוט האָט זי געטראָגען א גרויסען, מיט א לאנגען פעדער און מיט פאפיערענע בלומען וואָס פלעגען איהר געבען דעם אָנבליק פון א „יאָנג ליידי", א כלה־מויד.

עס איז ביי די ארבייטער געבליבען, אז דער פרעזידענט פון זייער יוניאָן זאָל קומען און בעשליסען אויב נעללי דארף ווערען א מיטגליעד פון דער יוניאָן, אָדער ניט.

דעם טאָג וואָס דער פרעזידענט האָט געדארפט מאכען זיין בעזוך, איז נעללי געקומען אין א קליידעל קירצער ווי אימער. איהרע האָאָר האָט זי פון הינטען געלאָזט הייגגען אין א צעפעלע, אין פראָנט האָט זי דעם פאָמפאדור אויסגעגלייכט און די האָאָר צוטהיילט מיט א „שרונד" אין מיטען. זי האָט געטראָגען זעקעלעך פון א פורפור קאָליר, און האָט געמאכט דעם איינדרוק פון א קליינע מיידעלע. די ארבייטער האָבען זיך איבערגעוואונקען און גע־שמייכעלט.

„דאָס איז זעמעלמאן'ס קאָפ", האָבען זיי געזאָגט צווישען זיך. „א קאפיטאליסט גיט זיך אן עצה".

מען ווייס ניט ווי אזוי דאָס איז געשעהן, אָבער דער פרע־זידענט איז דעם טאָג גראדע ניט געקומען. אָנשטאָט איהם איז גאָר געקומען א פאבריק־אינספעקטאָר! און אז דער אינספעקטאָר

האָט געפונען אין דער בעקעריי א קליינע מיידעלע מיט א צעפעלע און אין זעקעלעך ארבייטען האָט ער גענומען מאַכען גוואַלדען. מיסטער זעמעלמאַן האָט מיט איהם גע'טענה'ט אז די שיקסעל איז אלט פופצעהן יאָהר. „ווי אזוי?" האָט דער אינספעקטאָר גע־פרעגט. „זי זעהט דאָך אויס ניט מעהר ווי א קינד. זי דאַרף זיך שפּילען מיט א פּופּע, אָבער ניט ארבייטען אין א קעלער!"

מיסטער זעמעלמאַן האָט דעם אינספעקטאָר אָבגערופען אָן א זייט און איהם גענומען בערוהיגען. ער האָט דעם אינספעקטאָר פערשפּראָכען אין א פּאָאַר טעג צייט צו ברייננען א צייגניס פון די מעטריקעס פון סאַגיטעטס־ראטה, אז נעללי דאַרף באלד ווערען פופצעהן יאָהר אלט. דער אינספעקטאָר איז ארויס א ביסעל בערוהיגט.

א וואָך איז אריבער און דאַן איז דער פּרעזידענט פון דער יוניאָן געקומען. און אז ער איז אריין איז נעללי שוין געווען צוריק אין איהר לענגערער קליידעל, און די צעפּ איינגעקניפּעלט אין א קראַנץ קוכען און מיט א פּאָמפּאדור, ווי א „יאָנג ליידי". דער־פּרעזידענט האָט געוואָרענט מיסטער זעמעלמאַן, אז אויב ער וועט ניט לאָזען נעללי'ן זיך איינשליסען אין דער יוניאָן און איהר צאָה־לען א ריכטיגע יוניאָן געהאלט, וועט ער מוזען ערקלעהרען א סטרייק.

„זי איז דאָך אָבער נאָך א קליין קינד!" האָט גע'טענה'ט מיס־טער זעמעלמאַן. „איהר דאַרפט ניט קוקען אויף איהר גאַנג. אלע קליינע מיידלעך האָבען ליעב זיך צו קליידען אזוי ווי גרויסע. זיי האָבען קיין צייט ניט צו וואַרטען."

„סטייטש!" האָט צוריק גע'טענה'ט דער פּרעזידענט. „איהר האָט דאָך דעם אינספעקטאָר צוגעשטעלט א דאָקומענט, אז די שיקסעל איז שוין ביי 15 יאָהר אלט."

„אה, וואָס רעדט איהר!" האָט מיסטער זעמעלמאַן גע־טענה'ט. „דעם דאָקומענט האָב איך געקראָגען. איך האָב זיי דאַרט א ביסעל אונטערגעשמירט. איך קען אייך אפילו קריגען א דאָקומענט, אז זי איז 60 יאָהר אלט און אז זי האָט שוין אייניקלאָך. א בעטרעף האָט עס א דאָקומענט! איהר זייט דאָך ניט קיין נריי־

נער אין אמעריקא. איהר ווייסט דאָך, אז דיזע פאפיערען קען מען קריגען אויפ'ן פונט."

דער פרעזידענט איז אוועק, זאָגענדיג אז ער וועט די זאך ראַ־פּאָרטען צו דער יוניאָן, און די יוניאָן וועט בעשליסען וואָס צו טהאָן.

א ספּעציעלער מיטינג איז אָבגעהאלטען געוואָרען נאָך אין יענעם אבענד. א סך פון די ארבייטער זיינען געווען דאפיר, אז מען זאָל ערקלעהרען א סטרייק, אָבער די ארבייטער וואָס האָבען געאר־בייט ביי מיסטער זעמעלמאַן האָבען ערקלעהרט אז עס איז זיי אונ־מעגליך יעצט אָנצופאנגען א סטרייק. עס געהט צו פסח, זיי דאר־פען האָבען א סך אויף אזא גרויסען יום טוב, און זיי קענען ניט בע־הויפּטען אוועקצוגעהן יעצט פון דער ארבייט.

די ארבייטער האָבען איינגעזהן אז מיט בייזען וועלען זיי דאָ גאָר־נישט אויספיהרען, האָבען זיי גענומען טראַכטען וואָס מען טהוט מיט גוטען.

אין דריפּטאַון איז דאָ א רב וואָס האָט א נאָמען פאר אַן אר־בייטער פריינד. צו איהם האָבען זיך די ארבייטער געווענדעט ער זאָל זעהן ווירקען אויף מיסטער זעמעלמאַן אז ער זאָל נאָכקומען די פאָדערונגען פון דער יוניאָן.

דער רב האָט פערשפּראָכען איבערצוריידען מיט מיסטער זע־מעלמאַן, אָבער עס איז געווען אומזאָנסט. דער בעקער איז געווען הארטנעקיג. ער האָט דעם רב געזאָגט ריין און דייטליך, אז זיין ארבייט איז צו פּסק'ענען שאלות וועגען א נאָדעל אין א פופּיק און דאָס גלייכען, אָבער ניט מישען זיך אין ארבייטער־פראַגען. דער רב האָט זיך אָבגעטראָגען א פערשעהמטער.

„איך וועל זיך נאָך אָברעכענען מיט דעם אלטען בטלן!" האָט געזאָגט מיסטער זעמעלמאַן, אז דער רב איז אוועקגעגאנגען. „איך וועל איהם מעהר קיין טובות ניט טהאָן. מיין חמץ וועל איך פער־קויפען צו געללי'ן. איך קען דאָס אליין פערקויפען און איך וועל ניט דארפען געבען דעם בטלן א פאָאר דאָלער."

און מיסטער זעמעלמאַן האָט יענעם יאָהר דעם רב ניט געגע־בען צו לייזען פאר מכירת חמץ.

* * *

ערב פסח, שפעט נאָכמיטאָג, ווען מיסטער זעמעלמאַן איז זיך נעזסען אין זיין וואָהנונג איבער דער בעקעריי, איז אריינגעקומען דער שמש און געזאָגט:

„מיסטער זעמעלמאַן! דער רב רופט אייך.“

„וואָס הייסט ער רופט מיך? וואָס פאר א בעל הבית איז ער אויף מיר?“ האָט מיסטער זעמעלמאַן געפרעגט מיט א בעליידיג־טען טאָן.

„דער רב זאָגט איהר זאָלט גלייך קומען. עס איז אייך נוגע אין ביזנעס.“

„זאָגט דעם רב אז מיינע ביזנעס וועל איך אליין בעזאָרגען, און ער זאָל זאָרגען בלויז פאר זיינע. איך וועל ניט געהן!“ אָט דאָס איז געווען מיסטער זעמעלמאַן'ס לעצטע תשובה.

דער שמש האָט א קוועטש געטהאָן מיט די פלייצעס און איז אוועק.

מיסטער זעמעלמאַן האָט זיך אָנגעטהאָן יום טוב'דיג און איז אוועק אין שוהל צו מעריב. ער האָט ביי זיך אָבגעמאַכט א בע־שלום אז ער זאָל דעם רב קיין גוט יום טוב ניט זאָגען, און זיך מאַ־כען אזוי ווי ער זעהט איהם ניט, כאָטש זיין אָרט איז געווען זעהר נאָהענט צום רב'ס.

אָבער נאָך מעריב האָט איהם דער רב געמאַכט אַן איבערראַ־שונג. צוגעהענדיג צו מיסטער זעמעלמאַן, האָט דער רב געזאָגט:

„גוט יום טוב!“

מיסטער זעמעלמאַן האָט זיך פערלאָרען פון דער אונערוואַר־טעטער פאַסירונג און ער האָט געענטפערט: „גוט יום טוב!“

„מיסטער זעמעלמאַן!“ האָט דער רב געזאָגט. „איך האָב היינט נאָך אייך געשיקט דעם שמש, אָבער איהר זייט ניט געקו־מען. איך האָב אייך געוואָלט בלויז זאָגען, דאָס אזוי ווי איהר האָט פערקויפט אייער חמץ צו דער שיקסע וואָס ארבייט ביי אייך, און אזוי ווי די שיקסע איז נאָך ניט קיין בוגרת, דען זי איז בלויז צוועלף יאָהר אלט, ווי איהר האָט אליין געזאָגט אייערע ארבייטער, בכן מוז איך אייך זאָגען אז די מכירה איז בטל און אז דער חמץ איז אסור בהנאה. איהר מוזט עס אלעס פערברענגען.“

ווערהענד דער רב האָט אזוי גערעדט, האָט זיך ארומגעקליבען א היבשער עולם. מיסטער זעמעלמאַן האָט געפיהלט אזוי ווי די פיס וואָלטען איהם אונטערגעהאַקט געוואָרען. ער האָט זיך דער־מאָהנט אז אין זיין בעקעריי געפינט זיך א היבשער ביסעל חמץ, זעק מיט מעהל און חמץ׳דיגע כלים וואָס זיינען ווערטה שעהנע עט־ליכע הונדערט דאָלאַר.

"רבי!" האָט ער אויסגערופען מיט א ציטריגע שטימע. „די שיקסעל איז שוין פופצעהן יאָהר אלט. איך קען אייך ציינען א מעטריקע."

„איהר האָט דאָך אָבער געזאָגט דעם פּרעזידענט פון דער בע־קער יוניאָן, אז די מעטריקע איז א שווינדעל, אז איהר האָט עס גע־קראָגען פאר געלד."

„רבי!" האָט מיסטער זעמעלמאַן גע׳טענה׳ט. „איך האָב גע־מוזט אזוי זאָגען דעם פּרעזידענט פון דער יוניאָן. איך קען אייך שווערען אז איך האָב ניט געגעבען קיין געלד. דער דאָקומענט איז א ריכטיגער. די מיידעל איז שוין איבער 14. זי ווערט באלד 15."

„אויב אזוי", האָט זיך אריינגעמישט א בעקער־ארבייטער וואָס איז געשטאַנען צווישען דעם עולם. „זאָל די שיקסעל ווערען א מיטגליעד פון אונזער יוניאָן."

„דאַט׳ס ראַיט!" האָבען אויסגעשריען אנדערע ארבייטער.

רבי!" האָט געזאָגט מיסטער זעליגמאַן. איך זעה, אז די ארבייטער האָבען רעכט און איך זאָג אייך אז די תורה איז שטאַר־קער פון דער יוניאָן. וואָס דער פאַבריק־אינספעקטאָר האָט ניט געקאָנט אויספיהרען דורכ׳ן געזעץ און וואָס די יוניאָן האָט ניט גע־קענט אויספיהרען מיט איהר קאָנסטיטושען, האָט אויסגעפיהרט אונזער תורה."

א סדר אין אן אימיגראנטען־האטעל

יעדען מאל וואס איך קוק ארויס פון פענסטער זיצענדיג ביי מיין שרייב־טיש אין רעדאקציאן פון „טאגעבלאט“, אויף דעם קליינעם פארק אנטקעגען, גיב איך ניט ווילענדיג א זיפץ. איך דערמאן זיך, אז דער פארק האט אבגעווישט פון ערד־קוגעל א גאנצע שטעדטעלע, א גאנץ בעזונדער וועלטעלע, מיט איהר בעזונדערען ארט לעבען און מיט איהר בעזונדער קאליער. דיזע גרויסע וועלט איז רייך גענוג אין קליינע וועלטעלעך, ווערט אבער א וועלטעלע פערשוואונדען דאן פעהלט זי, דאן קען קיין אנדערע איהר פלאץ ניט פערנעהמען.

יענע וועלטעלע, האט געהאט איהר בעזונדער חאראקטער שוין צוליעב איהר אויסערליכע פארם אליין. עס איז געוועזן א גרויסער דריי־עקינער בלאק, מיט ניעדריגע, אלט־מאדישע טענעמענט־הייזער. אין איינער פון דיעזע הייזער איז געוועזן א „האטעל בארדינג הויז“, פאר אימיגראנטען, און אין דיעזער בארדינג־הויז האב איך אבגעריכט מיין ערשטען סדר אין אמעריקא. דאס איז געוועזן אין 1889.

די איינענטהימער פון דיזער בארדינג הויז זיינען געוועזן אן עלטערע פאאר פאלק. קיין קינדער האבען זיי ניט געהאט. איהם פלעגען מיר רופען „דער מיסטער“ און איהר „די מיסעס“. זי, די מיסעס, איז געוועזן דער ריכטיגער בעל הבית פון דעם געשעפט. איהר מאן האט זי גערעכענט פאר אן אומזיסטען עסער, וואס לאדי וואס ער ברענגט קיין נוצען פאר'ן געשעפט, מאכט ער נאך פיעל שאדען מיט דעם וואס ער ווייס ניט ווי צו פיהרען זיך מיט מענשען. אזוי פלעגט די מיסעס טענה'ן. דער מיסטער איז געוועזן א בייזער, א מענש, וואס פלעגט זוכען „פריט־שעפקעס“, צו פערפיהרען קריגעמיט די קעסטניקעס און מיט די אויסזייטיגע קונדען וואס פלעגען קומען פאטראנייזען דעם רעסטאראן, וועלכער איז געוועזן פערבונדען מיט דיזען בארדינג הויז. דעם מיסטער'ס גליק איז געוועזן וואס מען האט איהם געהאלטען פאר א ביסעל א משוגענעם, און אנ־

שטאָט צו געפינען זיך בעליידינגט פון איהם, פלעגען די קונדען אויס־הערען פון איהם אלערליי זידלערייען און נאָך לאַכען דערביי.

צווישען די באָרדערס איז געווען איינער, וועלכען דער מיס־טער האָט שטארק פיינד געהאַט. דער באָרדער האָט געהייסען מאקס דער ביגלער און איז געווען א פרעהליכער, א לעבעדיגער יונג. אימער האָט ער דערציעהלט פרעהליכע מעשה'לעך, אימער האָט ער געזונגען. זיין מויל האָט זיך ניט צוגעמאכט אויף אַ מינוט. ער איז געווען איינער פון יענע ליכטיגע נאַטורען וואָס דער לעבען איז ביי זיי א טענציל. קיינמאָל וועל איך ניט פערגעסען דיזען מאקסען, וועלכער איז געווען א טרייסט פאר מיר און פאר די אנ־דערע באָרדער אין דיזען הויז, אין אונזער ערשטען יאָהר, אונזער ערשטען קאמפף פאר א שטיקעל עקזיסטענץ אין אמעריקא. יעדען אבענד פלעגט ער זיך אוועקזעצען אין דעם רעסטאָראַן, אָהן א ראָק, און צווישען איין גלאָז טהעע און די אנדערע פלעגט ער אונז זינגען און פרעהליך מאכען, און עס פלעגען פערשווינדען אלע דאגות, אלע הארצוועהטאָגען, אלע בענקעניסען, און אלע יסורים.

א פּאָאר וואָכען פאר פסח איז אין דער באָרדינג הויז אָנגעקו־מען א „גרינע“ פּאָאר, א ברודער מיט א שוועסטער. דער ברודער האָט זיך אויסגעזוכט ארבייט ביי העמדען. די מיידעל האָט אויך געזאָלט אוועקגעהן ערגעץ ארבייטען, אָבער די באַלעבאָסטע האָט זי איינגעבעטען צו ארבייטען דערווייל ביי איהר אין באָרדינג־הויז, אויסהעלפען איהר איבער די פסח'דיגע וואָך. ביילקע, אזוי האָט די מיידעל געהייסען, האָט שטארק נושא חן געווען ביי אונז באָרדערס, און אפילו דער מיסטער איז געווען צו איהר פריינדליך. זי איז גע־ווען א געזונדע, פעסט געבויטע מיידעל, א ביסעל קורץ געוויקסיג, פון יענעם זאָרט וואָס מען רופט „קורץ און זיס“, מיט א לאכענדיג פּנים'ל, וואָס האָט ניט אויפגעהערט צו שמייכלען אויף א מינוט, און זייט זי איז געקומען האָט דאָס לעבען אין באָרדינג־הויז בעקומען א נייעם געשטאַלט. די פערשווארצע ווענד מיט די אָבגעקראָכענע קאלך האָבען בעקומען דעם חן פון א פּאלאַסט. די איבערגעקאָכטע, איבערגעזאַלצענע און צוגעברענטע מאכלים, מיט וועלכע די מיסעס פלעגט אונז קאָרמענען, האָט בעקומען גאָר אן אנדער טעם, זייט ביילקע האָט אונז אָנגעהויבען צו בעדיענען ביים טיש. און דאָ,

ווי איך דערצעהל ווענען איהר בעדיענען אונז ביים טיש, דערמאָהן איך זיך אָן איהרע צוויי גרויסע שווארצע אויגען, וואָס, אז ווען זיי האָבען אויף ווענען א קוק געטהאָן, איז יענעם געוואָרען ווארעם אויפ'ן הארצען. דער בליק איהרער איז צוגאַנגען איבער אלע גליע־דער. עס איז אין דעם געווען אזוי פיעל גוטסקייט, אזוי פיעל סימ־פאטהיע, אזוי פיעל טרייסט און ערמונטערונג!

מעהר פון אלע באָרדערס איז ביילקע'ן געפעלען געוואָרען מאקס דער ביגלער. ער האָט איהר געפאנגען מיט זיין זינגען און מיט זיין זיך לוסטיג מאכען. דעם ערשטען מאָל וואָס זי האָט איהם געהערט „אָבנעבען קאָנצערט“, איז זי גאָר אָהן צערעמאָניעס צו איהם צוגעגאַנגען און האָט געזאָגט:

„איהר זייט א פרעהליכער. איך האָב ליעב א פרעהליכען.“

און ווי זי האָט דאָס אָבגעזאָגט, איז זי אוועק צוריק אויף איהר אלטען פלאַץ, וואו זי האָט געגעסען פוטער־ברויט מיט קאַפע.

מאקס איז רויט געוואָרען. דאָס איז פאר איהם געווען אונער־ווארטעט. אָבער ער האָט זיך צו איהר שנעל צוגעוואוינט. אין דריי טעג ארום, ווען מאקס פלעגט „אָבגעבען קאָנצערט“, פלעגט שוין ביילקע זיצען נעבען איהם.

ניט דער „מיסטער“ און ניט די „מיסעס“ האָבען געקענט פער־טראָגען דיזע נאָהענטע בעקאנטשאפט צווישען מאקס און ביילקע. ביידע זיינען געווען שטארק אייפערזיכטיג, און יעדערענס אייפער־זוכט איז געווען אַן אויסערגעוועהנליכע, און פערשיעדען איינס פון דאָס אנדערע. דער מיסטער האָט געברענט מיט דער אייפערזוכט פון א פאָטער וואָס וויל ניט זעהן זיין קינד אין די הענד פון א מענ־שען, וועלכען ער רעכענט פאר שלעכט און פערדאָרבען. און די מיסעס האָט געציטערט ביי דעם געדאנק, אז זי קען פערלירען צוויי באָרדערס אויף איין מאָל, און נאָך די בעסטע באָרדערס, די „מאַג־נעטען“ פון דעם פלאַץ.

עס איז געקומען די נאכט פון סדר. דער רעסטאָראַן איז גע־ווען געפאקט מיט אידען, וועלכע זיינען געזעסען ארום די ווייס־גע־דעקטע סדר־טישען און געזאָגט די הגדה. א חוץ די שטענדיגע געסט און באָרדער וואָס זיינען איינגעשטאנען אין דער הויז, זיינען געקומען א גרויסע צאָהל אנדערע, וועלכע האָבען לאָזשירט אויף

אנדערע פּלעצער, אָבצוריכטען דעם סדר אין כשרות און מיט אַלע פּרטים. אַ טרויעריגער טאָן האָט זיך געהערט אין דעם ניגון פון דער הגדה. יעדערער האָט געטראַכט פון זיין פאַמיליע אין דער־היים, פון ווייב און קינדער, פון עלטערן, פון ברידער און שוועס־טער, און אפילו מאַקס, דער פרעהליכער, דער לעבעדיגער יונג, וואָס האָט קיינעם ניט געהאַט אין דער היים און נאָך האָט נאָך קיינעם ניט געהאַט צו בענקען, איז געזעסען פערטראַכט, און די הגדה האָט ער געזאָגט אָהן לעבען, אָהן חשק, אַזוי ווי מען זאָגט „תיקון שבועות". יעדע ווײַלע האָט ער געוואָרפען זיינע בליקען אויף ביילקען, און ווען ער האָט דערזעהן ביילקע'ס אויגען, האָט ער זיינע אראָבגעלאָזען און האָט אַ זיפץ געטהאָן.

ביילקע'ס אויגען זיינען געווען פערוויינט. און ניט אַלע האָ־בען געוואוסט וואָס איז געווען די סיבה פון איהר וויינען. איהר ברודער, וועלכער האָט מיט מיר געזאָגט פון איין הגדה, האָט מיר דערצעהלט, אז ביילקע האָט דעם זעלבען טאָג, ביי דער ארבייט אין קיך, וואו זי האָט געהאָלפען קאָכען, פערלאָרען איהר רינג. דאָס איז געווען אַ מתנה פון איהר מוטער. דער רינג, וועלכער איז גע־ווען אַ גאָלדענער און האָט געהאַט אין זיך דריי שטיינדלעך, איז געווען אַ ביסעל צו גרויס אויף איהר און האָט זיך ביי דער ארבייט געמוזט אראָבגליטשען פון פינגער. מען האָט איבערגעזוכט די גאַנ־צע קיך, אָבער פערפאַלען, עס איז ווי אין ים אריין.

איך האָב דערנאָך ערפאַהרען, אז מאַקס האָט איהר אָנגעבאָ־טען צו קויפען אַן אַנדער רינג, אז זי זאָל אויפהערען צו וויינען, אָבער ביילקע האָט ניט געוואָלט הערען און זעהן. „איך דאַרף ניט אייערע", האָט זי געזאָגט. איך וויל מיין מאַמעס."

ביילקע'ס שטימונג האָט ארויפגעוואָרפען אַ טרויער אויף אונ־זער גאַנצען סדר־טיש, שוין אַ חוץ אונזער העמ־וועה און בענקען. ביסלעכווייז איז די געשיכטע פון איהר פערלוסט בעקאַנט געוואָרען צו אַלעמען, און סימפּאַטישע בליקען האָבען בעגלייט איהר יעדען קעהר, איהר יעדע בעוועגונג. גליקליך האָבען זיך געשעצט די באָר־דערס, וועמען ביילקע האָט אַליין סערווירט. מען האָט געזעהן, אז דאָרט אויף יענע טישען, וואו ביילקע סערווירט, ווערט אַלעס אויפ־געגעסען מיט אפּעטיט, און דאָרט וואו דער מיסטער מיט דער מי־

סעם אליין סערווירען, בלייבט מעהר ווי העלפט און די באָרדערס קרימען זיך, זיינען עפּעס אונצופריעדען מיט די נעריכטען.

מאַקס איז געווען פון די גליקליכע וועמעןביילקע האָט סער־ווירט. מען האָט געזעהן אז זי בעהאנדעלט איהם מיט מעהר אויפ־מערקזאַמקייט ווי די אנדערע. יעדער איינער האָט צו די זופּ בע־קומען ענטוועדער דריי גרויסע קניידלעך אָדער פיער קלענערע. מאַקס'ען האָט זי דערלאַנגט גאַנצע זעקס פון די גרויסע קניידלעך, און מאַקס האָט זיך געפרעהט, ניט אזוי צוליעב די קניידלעך ווי צו־ליעב די אָפּענע פריינדשאַפט וואָס ביילקע האָט איהם ארויסגעווי־זען פאר אלעמען אין די אויגען.

„הלואי דערווערגט ער זיך!" האָט א וואָרטשע געטהאָן דער מיסטער ווען ער האָט דערזעהן די זעקס גרויסע קניידלעך ביי מאַקס'ען אויפ'ן טעלער.

„שילט נים! עס איז יום טוב!" האָט איהם גע'מוסר'ט די מיסעס.

מאַקס האָט זיך גענומען צו די קניידלעך מיט חשק. צוויי האָט ער אויפגעגעסען נאָך איידער ער האָט זיך צוגעריהרט צו די זופּ. נאָכדעם האָט ער פערכליאָבעט מיט א ביסעל זופּ און זיך גע־נומען צו א דריטען קניידעל. ווי נור ער האָט איינגעביסען דעם דריטען קניידעל, אזוי האָט ער זיך א כאַפּ געטהאָן מיט ביידע הענד פאר די באַקען און א געשריי געטהאָן:

„אָי!"

דער „אָי" האָט זיך געהערט איבער'ן גאַנצען רעסטאָראַן. מאַקס האָט צוריק ארויסגענומען דאָס שטיקעל קניידעל פון מויל און דאָס צוגעהאַלטען אין האַנד. אַלע האָבען געקוקט מיט דער גרעסטער ערוואַרטונג. עס איז געווען שטיל. מען האָט א וואָרט נים געהערט.

„וואָס איז? וואָס איז?" האָט די מיסעס געפרעגט. „וואָס איז געשעהן? וואָס איז דער מעהר מיט'ן קניידעל?"

מאַקס האָט געשוויגען.

„ער האָט עפּעס געפונען!" האָט איינער אויסגערופען. „א האָבער!"

„אַ האָבער! אַ האָבער אין די קניידלעך!" האָט זיך געהערט פון אַלע זייטען.

דער מיסטער מיט די מיסעס זיינען געשטאַנען בלאַס ווי מתים און געציטערט מיט אַלע גליעדער.

„זאָג, וואָס האָסטו געפונען!" האָט דער מיסטער געשריען אויף מאַקס'ען. „גזלן איינער! וואָס שווייגסטו?"

מאַקס האָט קיין וואָרט געענטפערט.

דער מיסטער איז אויף איהם ארויפגעשפרונגען און אָנכאַפּענ־דיג איהם מיט ביידע הענד פאַר'ן האַלז, האָט ער איהם גענומען ווערגען און שרייען:

„דו מאַכט אַ בלבול אויף מיר! אַן עלילת דם! דו האָסט אליין עפּעס אונטערגעוואָרפען אין די קניידלעך, כדי צו רואינירען מיין ביזנעס!"

„לאָזט איהם אָב!" האָט אויסגעשריען ביילקע, וועלכע איז אָנגעקומען פון קיך מיט אַ שיסעל הייסע זופּ. „לאָזט איהם אָב, זאָג איך אייך, אז ניט בריהע איך אייך אָב מיט די יויך."

דער מיסטער האָט איהם אָבגעלאָזען. מיר זיינען אַלע געווען אָהן אָטהעם פון גרויס שפּאַנונג.

ענדליך האָט מאַקס זיך אויפגעשטעלט און עפּענענדיג זיין האַנד, אין וועלכען ער האָט געהאַלטען דעם שטיקעל קניידעל, האָט ער געזאָגט צו ביילקע'ן, הויך פאַר אַלעמען:

„נאַ, ביילקע, אָט דאָ איז דיין פערלאָרענער רינג! איך האָב איהם געפונען אין דעם קניידעל! דו האָסט איהם געמוזט פערלירען מאַכענדיג די קניידלעך."

ביילקע איז צו איהם צוגעלאָפען, געכאַפּט דעם רינג, שנעל אָנ־געטהאָן אויף איהר פינגער, און נאָכדעם האָט זי איהם אָנגענומען פאַר ביידע הענד און איהם געדאַנקט, אונטערשפּרינגענדיג פאַר שמחה.

דער אַנדער האַלבער סדר איז שוין צוגעגאַנגען אַ סך לעבעדי־גער. צו חד גדיא איז שוין געווען גאָר פרעהליך. אויף די אַנדערע טעג פּסח האָט זיך די מיסעס געמוזט בעזאָרגען מיט אַן אַנדער צו־העלפערין, ווייל ביילקע איז שוין געזעסען ביים טיש נעבען מאַקסען. אַ יאָהר שפּעטער בין איך געווען געלאַדען צו מאַקס'ען

און ביילקען אין זייער איינענע וואהנונג, אויף עסעקס סטריט, וואי מיר האבען צוגעבראכט א פרעהליכע סדר־נאכט.

אפטמאל ווען איך קוק ארוים דורכ'ן פענסטער אויפ'ן „טאמ־ בלאט־פארק", דערמאהן איך זיך אן מיין ערשטע סדר־נאכט אין יענעם „האטעל און בארדינג־הויז", וועלכע איז שוין מעהר ניטא.

אַ גאַסט צום סדר

יעדען יאָהר, פסח צום סדר, פלעגט מאַקס אייכענבוים, אַ רייכער קליידער־פאַבריקאַנט, זיך אויסזוכען אַן אָרימען אידען, וואָס האָט געקענט אָבריכטען אַ סדר לויט אַלע דינים און מנהגים וואָס זיינען איינגעפיהרט געוואָרען ביי אידען פון דור־דורות. דען אָבוואָהל מיסטער אייכענבוים איז געוועזען געבענשט מיט אַלעם גוטעס אין דער וועלט, מיט אַ שעהנע פרוי און מיט שעהנע געראָטענע קינדער, דאָך ווייל ער האָט אין זיין יוגענד ניט געלערענט, האָט ער ניט געקענט. ער פלעגט אַליין זאָגען אויף זיך: „איך קען נור עסען די קניידלעך, די הגדה זאָגען לאָז איך אַן אַנדערען.“

געוואוינט האָט ער אין זיין אייגענע פריוואַט־הויז, אַפטאַון, און געלעבט אויפ׳ן מיליאָנערסקען שטיינער, מיט אַן אייגענעם אָטאָמאָביל און מיט אַ שאָפער וואָס האָט איהם אָבגעקאָסט מעהר ווי עס קאָסטען אָב דריי מלמדים אין אַ תלמוד תורה. אָבער דעם סדר קען מען מיט אַ שאָפער ניט מאַכען, דערצו מוז מען אויסזוכען טאַקע אַ מלמד, אָדער אַזוי אַ אידען וואָס האָט ניט קיין פאַמיליע.

די ערשטע נאַכט פון פסח, ווען דער טיש איז שוין געגען געגרייט און מר. אייכענבוים איז נאָך געוועזען אין שוהל, איז אריינגעקומען אַ מאַן פון אַ יאָהר פינף און דרייסיג, אַ הויכער, מיט אַ ווייסען פערטראַכטען פנים און אַ קליינע שווארצע בערדיל, און האָט זיך געמעלדעט, אַז ער איז געקומען מאַכען דעם סדר אויף מר. אייכענבוים׳ס בעשטעלונג. די קעכין, אַן עלטערע אונגאַרישע אידענע, האָט איהם פריינדליך אויפגענומען, האָט איהם אריינגעפיהרט אין עס־צימער און איהם געבראַכט מצות, צוויי קעפּלעך כריין, צוויי אייער, צוויי העלזלעך און אַלעס וואָס איז נויטיג אום אויסצושטעלען צוויי קערות.

„דער באַלעבאָס וועט באַלד קומען“, האָט די קעכין געזאָגט, „און די באַלעבאָסטע וועט אויך באַלד אריינקומען. זי טהוט זיך אָן צום סדר.“

„און חרוסת איז שוין דאָ?" האָט דער מאַן געפרעגט.

„חרוסת האָב איך שוין געמאַכט", האָט די קעכין גענענט־פערט מיט שטאָלץ, „אָט איז עס, איהר קענט פערזוכען."

„איך זעה שוין, אז עס איז גוט געמאַכט", האָט דער גאַסט גע־זאָגט, בעטראַכטענדיג א שיסעלע מיט חרוסת וואָס די קעכין האָט איהם צוגעטראָגען.

די קעכין איז ארויס א ביסעל בעליידיגט וואָס דער גאַסט האָט ניט געוואָלט פערזוכען איהר חרוסת.

„עפּעס א מאָדנעם אידען האָט דער באַלעבאָס אונז געשיקט", האָט די קעכין געזאָגט צו דער באַלעבאָסטע, „עפּעס א פערטראַכ־טער, א בעל־חלום — ניט קיין גלאַטער מענש."

„וואָס איז דער אונטערשיעד", האָט די באַלעבאָסטע געענט־פערט. „דער מאַן וועט דאָך אייביג ניט בלייבען אין הויז. עס איז דאָך נור איבער די סדרים."

אויסגעפּוצט ווי אַן אמת'ע מלכה איז די מיסעס אייכענבוים אריין אין עס־צימער בענשען די יום־טוב־ליכט. אריינקומענדיג האָט זי בעגריסט דעם גאַסט, וועלכער איז שוין דאַן געזעסען און געלעזען א צייטונג. דער גאַסט האָט זיך פאַר איהר אויפגעהויבען.

„זיצט!" האָט זי געזאָגט און האָט גאָר ניט בעמערקט ווי דער בלאַסער פּנים פון'ם גאַסט איז נאָך בלאַסער געוואָרען און ווי זיינע ליפּען האָבען זיך נערוועז צוזאַמענגעצויגען. רוהיג און געלאַסען מיט דעם זעלבסטבעוואוסטזיין פון א פרוי וואָס פיהלט אז אַלע ארום קוקען אויף איהר מיט בעוואונדערונג און קנאה, האָט זי אָנ־געצונדען די יום־טוב־ליכט און געגומען בענשען.

פון דער שיין פון די ליכט האָבען אָנגעהויבען צו פינקלען די ברילליאַנטען אין איהרע רינגען, אין איהרע אוירינגלעך און אין איהר לאַוועליר. דער גאַסט איז נאָך אַלץ געשטאַנען, זיינע ליפּען האָבען נאָך אַלץ געציטערט און זיינע אויגען זיינען געווען ווי צוגע־שמידט צו דעם שעהנעם פּראָפיל פון דער פרוי.

„רבונו של עולם!" האָט ער געזאָגט אינערליך צו זיך, „איז עס מעגליך, אז דאָס זאָל זיין ז י ? !"

„וואָרום זיצט איהר ניט?" האָט זי געפרעגט, ווען זי האָט גע־ענדיגט איהר ליכט־בענשען. „מיין מאַן וועט באַלד קומען. פון

וואַנען זייט איהר אַ לאַנדסמאַן?"

„איך — איך? פון וואַנען אַ לאַנדסמאַן?" האָט ער איהר איבערגעפרעגט, ציהענדיג יעדעס וואָרט, כדי זיך דערווייל צו בערענקען אויב ער זאָל זאָגען דעם אמת. „איך בין פון קאָוונא."

זיין שטימע איז געווען הייזעריג און זי האָט די שטימע ניט דערקענט. אויב זי האָט אפילו פון אָנפאַנג געהאַט אַ שטיקעל פערדאַכט, אַז ער איז איהר בעקאַנט, איז דער פערדאַכט פערשוואונדען, ווען ער האָט איהר געזאָגט, אַז ער קומט פון קאָוונא.

באַלד זיינען אריינגעקומען צוויי קליינע מיידעלעך, וואָס האָבען אויסגעזעהן ווי מיניאַטור־בילדער פון זייער מאַמען. די מוטער האָט זיך אין גאַנצען אריינגעטהאָן אין די קינדער. איינער האָט זי איבערגעבונדען דעם שלייפעל הינטער איהר קליידעל און דער צווייטער האָט זי מיט אַ פינגער איבערגעקאַמט די האָאר אין אַן אַנדער אָרדנונג. דער גאַסט האָט צייטענווייז געוואָרפען בליקען אויף די קינדער.

די מוטער האָט שטילערהייט אַ זאָג געטהאָן עפּעס צו די קינדער.ביידע מיידעלעך זיינען צוגעגאַנגען צום גאַסט און געזאָגט:

„גוט יום טוב, מיסטער."

„גוט יום טוב, גוט יום טוב", האָט ער נעענטפערט געריהרט, און זיין שטימע האָט שוין געקלונגען ווייך. די מאַדאַם האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און זיך פערטראַכט: איז דאָס ז י י ן שטימע?

זי האָט ווידער אַ זאָג געטהאָן די קינדער עפּעס אין דער שטיל. די קינדער זיינען ארויס.

דאַן איז זי אויפגעשטאַנען, האָט אַ קוק געטהאָן דעם גאַסט גלייך אין די אויגען.

„זלמן!" האָט זי אויסגערופען.

„זלאַטע!" האָט ער ארויסגערעדט מיט אַ קרעכץ.

אַ מינוט לאַנג האָבען זיי געקוקט איינע אויף די אַנדערע און געשוויגען.

„זאָג מיר, זלמן, ווי קומסטו צו אַזאַ לאַגע?"

„פרעג ניט זלאַטע, גאָט האָט מיך געשטראָפט. איך האָב אַלעס פערלאָרען. אַך, ווי אַנטלויף איך יעצט פון דאַנען?"

„האָסט מורא פאַר מיר?" האָט זי געפרעגט. „שרעק זיך ניט,

איך וועל דיר קיין שלעכטס ניט טהון. וואס קען איך דיר טהון ? דו קענסט מיר יא טהון שלעכטס, א סך שלעכטס. ווערסט דאס אבער ניט טהון, צוליעב מיינע קינדער ווערסטו עס ניט טהון. אה, ווען מיין מאן דערוויסט זיך פון מיין פערגאנגענהייט !"

„אום גאטעס ווילען, זלאטע, וואס פאלט דיר איין !" האט ער אויסגערופען. „איך וועל טהון אזא זאך ? ! גענוג האב איך שוין גענען דיר געזינדיגט. אבער גאט האט דיר געהאלפען און מיך גע־שטראפט. יא, עס איז דא א דין ומשפט אויף דער וועלט. איך הויב ערשט אן צו גלויבען אין דעם."

„ששששא !... מיין מאן קומט", האט מיסעס אייכענבוים גע־זאגט, זיך צוריקציהענדיג פון דעם גאסט.

„גוט יום טוב !" האט אויסגערופען מיסטער אייכענבוים, אריינקומענדיג, לוסטיג און לעבעדיג מיט אן אמת יום־טוב'דיגער שטימונג. „גוט יום טוב, מיין שעהנע מלכה, ווי דו שיינסט היינט אין דיין נייע קלייד ! גוט יום טוב, ליעבער גאסט, מיסטער — מיסטער גאלדמאן, איך האב שיער אייער נאמען פערגעסען, ענט־שולדיגט. און וואו זיינען דאס עפעס אונזערע פרינצע ינס ? זיי שלאפען נאך ניט, הא ?

„די קינדער וועלען באלד אריינקומען", האט געזאגט מיסעס אייכענבוים, אבקעהרענדיג איהר געזיכט פון איהר מאן. זי איז ארויסגעגאנגען און איז גלייך צוריקגעקומען מיט די קינדער. איהר געזיכט האט ארויסגעצייגט, אז זי האט מיט זיך געהאט א גרויסען קאמפף, א קאמפף צו בעהערשען איהרע געפיהלען, וועלכע האבען זיך געשפארט ארויסצוצייגען.

דער סדר האט זיך אנגעפאנגען. דער גאסט האט זיך ביים קידוש צומישט. מיסטער אייכענבוים האט דאס אנגענומען פאר א צייכען, דאס דער גאסט בענקט נאך זיין פאמיליע, און ער האט געפיהלט גרויס מיטלייד מיט איהם.

מיט גרויס אנשטרענגונג האט דער גאסט געזאגט די הגדה. די אונגארישע קעכין, וועלכע איז אויך געלאדען געווארען צום טיש, האט געווארפען אויף איהם בייזע בליקען. אין הארצען האט זי זיך געטראכט : אזא בעל־חלום, א מענש אהן א נשמה, ער פער־שטערט דאך דעם סדר !

און וועהרענד דער גאסט האָט געזאָגט די הגדה מיט'ן מויל, האָבען אין עיין קאָפּ זיך געטראָגען עראינערונגען פון זעכצען־זיעבּ־צעהן יאָהר צוריק. דאן איז ער געווען דעם פינסקער גרעסטען גביר'ס זוהן, און זי איז געווען אַן אָרימע נייטאָרין. א נאָכגעגעבּ־נער, א געבאַלעוועטער איינגעל איז ער דאן געווען, אָהן א געפיהל פון פעראַנטוואָרטליכקייט. זלאַטע איז געווען א נייטאָרין וואָס פלעגט קומען אין זייער הויז אָננעהמען ארבייט. זי איז געווען א חנ'עוודינע שעהנהייט, אזעלכע שעהנהייטען וואָס וואקסען דוקא אין דעם נעסט פון דלות. און ווייטער איז שוין געווען ווי אין די אַלטע געשיכטען וואָס בלייבען אימער ניי. ער האָט זי ערנסט גע־וואָלט הייראַטהען, אָבער זיינע עלטערן האָבען דעם שידוך צו־שטערט און האָבען געגעבען די עלטערן פון דער נייטאָרין געלד זי אוועקצושיקען נאָך אמעריקא. קיין אַנדער ברירה האָט זי ניט געהאַט. אין שטעדטעל איז שוין איהר רעפּוטאַציע געווען א בעפלעקטע.

ווי געוועהנליך אז דאָס מיידעל איז אוועקגעפאָהרען, האָט מען די גאַנצע מעשה פערגעסען און ער איז געבליבען א זיידענער יונ־גערמאַנטשיק, און האָט געטהאָן א יחוס'דיגען שידוך.

מערקווירדיג זיינען די קאפּריזען פון שיקזאַל. אָט געפינט זיך ער, איהר בעטרינער, ביי איהר אין הויז און עסט ביי איהר טיש. ער איז יעצט דער צובראָכענער, דער צוטראָטענער, און זי איז די רייכע, שטאָלצע דאַמע. ער ווייס, אז מיט איין וואָרט קען ער איהר רואינירען. ער פיהלט אין זיך א טייפלישען פערגניגען. יאַ, מיט איין וואָרט קען ער איהר פערטרייבען פון דעם גליקליכען היים וואָס זי האָט, און זי ווערט ווידער פערשטויסען, פעראַכטעט פון דער וועלט.

אָבער באַלד דערשרעקט ער זיך אַליין פאר דעם געדאַנק. ניין, ער טאָר קיין זאַך ניט טהון, וואָס זאָל בעאונרוהיגען דיזע פרוי, וועלכע ער האָט אמאָל געשטירצט אין אַן אונגליק. ער דאַרף וואָס שנעלער אנטלויפען פון איהר, אום זי זאָל ניט דאַרפען זיך שרעקען פאר זיין אנוועזענהייט.

צו דער־זעלבער צייט האָט מי"ס אייכענבוים געטראַכט ווי דער מאַן וואָס זיצט ביי איהר טיש, א געבראָכענער, אַן ערנידריג־

טער, האָט אַ מאָל איהר אונגליקליך געמאַכט און זי פערטריבען פון איהר היים מיט שאַנדע. זי דערמאָנט זיך ווי שווער און ביטער זי האָט געאַרבייט אין ניו יאָרק ביז עס האָט זיך אין איהר פערליעבט דער פערוואַלטער פון פאַבריק און ער האָט מיט איהר חתונה געהאַט.
נאָך דער חתונה האָט איהר אָנגעהויבען דאָס גליק שטאַרק צו שמייכלען. דער מאַן אליין איז געוואָרען אַ פאַבריקאַנט און איז געוואָרען רייכער און רייכער. ער האָט איהר נאָכגעגעבען אַלעס אין דער וועלט, ער האָט איהר ארומגערינגעלט מיט אַלע לוקסוסען. אָבער אין איהר הארצען האָט זי די גאַנצע צייט געטראָגען אַ פער־באָרגענע וואונד, וועלכע ניט איהר מאַן'ס ליעבע, ניט איהר ליעבע צו די קינדער און ניט אַלע לוקסוסען און דזשולערי האָבען געקענט אויסהיילען.
און היינט האָט זיך דיזע פערבאָרגענע וואונד געעפענט.
ווען דער סדר האָט זיך געענדיגט, האָט מיסטער אייכענבוים געזאָגט צו זיין פרוי:
„דער איד מוז נעבעך האָבען אַ פערביטערטע הארץ. ער מוז בענקען נאָך זיין פאַמיליע."
„יא", האָט די פרוי געענטפערט און איהר שטימע האָט גע־ציטערט.
„מיין טהייערער גוטער מלאך", האָט מיסטער אייכענבוים גע־זאָגט, „דו האָסט רחמנות אויף דעם עלענדען. איך זעה טרעהרען אין דיינע אויגען. ווייסטו וואָס? פרעג איהם אויס מאָרגען, ווען ער וועט קומען צו מיטאָג, ווענען זיין לאַגע און מיר וועלען איהם אויסהעלפען. וויין ניט, טהייערע. איך וועל טהאָן פאַר איהם אַלעס וואָס דו וועסט מיר הייסען. לאָמיר נור וואַרטען ביז ער וועט קומען מאָרגען."
אויף מאָרגען צו מיטאָג איז דער גאַסט ניט געקומען. און אבענדס צום סדר איז ער אויך ניט געקומען.
מיסטער אייכענבוים האָט ווי עס איז דורכגעשטופּט דעם סדר אליין, מיט דער הילף פון דער אונגארישער קעכין, וועלכע האָט גע־פונען דערביי אַ געלעגענהייט צו ציינען ווי געדעכט זי איז געווען ווען זי האָט לכתחילה געזאָגט, אז דאָס איז געווען עפּעס אַ מענש אָהן אַ נשמה, אַ בעל חלום!

די צוויי שכנים איבער'ן הויף

זיי זיינען געווען שכנים. איינער האָט געוואוינט אין דער הויז נומער 112, דער אנדערער אין 114, נור צווישען זייערע וואָהנונגען האָט מפסיק געווען אַן ענגער הויף, אַ פּאָאר איילען די ברייט און עטליכע איילען די לענג.

אין זייערע פענסטער פלעגט ארייננדרינגען די זעלבע ביסעל ליכט פון דעם ברעקעל בלויען הימעל, און די זעלבע לופט פלעגט זיי ערפרישען און בעלעבען. נור די מענשען האָבען זיך ניט גע־קענט. דאָס לעבען אין דער גרויסער שטאָדט וואָס פרעמדט אָב איינענע בלוט און פלייש, האָט די נאָהענטע שכנים דערוויטערט. אין ניו יאָרק איז דאָס גאַנץ נאַטירליך, אז מענשען וואָס זעהען איינע די אנדערע יעדען טאָג, זאָלען זיך גאָר ניט קענען.

אָפּטמאָל ווען מען פלעגט פון איין זייט הויף וויינען, פלעגט מען אויף דעם אנדער זייט לאַכען. און ניט דער האָט זיך געקי־מערט וואָרום יענער לאַכט און ניט יענער האָט זיך געקימערט וואָ־רום דער וויינט. דאָס זיינען געווען צוויי בעזונדערע וועלטען.

אָבער טראָץ דעם וואָס די שכנים האָבען איינע די אנדערע ניט געקענט, האָבען זיי דאָך געזוכט ביי יעדער געלעגענהייט, אז איי־נער פון דעם אנדערען זאָל האָבען אַ גוטע מיינונג. זיי האָבען זיי־ערע פענסטער בעזאָרגט מיט גארדינען, אז איין שכן זאָל ניט זעהן דעם אנדערען ווען ער וויל זיך ניט ציינען, און איינער האָט געזוכט ניט צו פערלירען דעם צווייטענס רעספּעקט.

אָט אזוי האָבען זיי געלעבט די צוויי שכנים, ווענן וועמען עס איז דאָ אַ מעשה צו דערצעהלען.

און די מעשה וואָס איז דאָ צו דערצעהלען, האָט פּאַסירט אין דער וואָך פון פּסח.

לעמכאָוויץ, וועלכער האָט געוואָהנט אין נומער 112, איז גע־קומען דעם צווייטען טאָג חול המועד פסח אהיים פון דער ארבייט, (ער איז געווען אַ דראָמער) און געזאָגט צו זיין יונגער וייבעל:

„קיידי! דער פסח האָט זיך שוין מיר שטאַרק צונענעסען. די מצות קריכען מיר שוין פון האַלז. איך האָב געבראַכט אַ פרישען שוואַרץ־ברויט.“

מיט דיזע רייד האָט ער אוועקגעלייגט אויפ'ן טיש אַ דייטשען „פּאַמפּערניקעל“ איינגעוויקעלט אין אַ ווייסען פּאַפּיער.

„וואו האָסטו עס גענומען?“ האָט די ווייבעל געפרעגט.

„אַ דאַנקע וואו!“ האָט דער מאַן געענטפערט. „עס זיינען דאָ גענוג דייטשע דעליקאַטעסען געשעפטען. נעהם, מיין טהייערע, און מאַך מיר אַ הערינג, און איך וועל נאָך אריינגעהמען אַ קעסעל ביער. מיר וועלען פערזוכען אַ ביסעל חמץ.“

„וואָס רעדסטו?!“ האָט אויסגערופען די ווייבעל. „וואָס נאָך פעהלט דיר? די שכנים זאָלען אַלע זעהן ווי דו טראַגסט אריין ביער אין הויז! בעהאַלט דעם פּאַמפּערניקעל. די שכנים פון אי־בער'ן הויף קענען דאָס נאָך דערזעהן.“

„לאָז ארונטער די גאַרדינען“, האָט דער מאַן געזאָגט, „וועלען זיי ניט זעהן. איך וועל די ביער אריינטראָגען אין אַ קעסעל און איבערדעקען מיט אַ סערוועטקע. טאָמער וועט מיר ווער בעגעגע־נען אין קאָרידאָר, וועט ער מיינען, אַז איך ברענג ארויף מילך אָדער סאָדע־וואַסער. ניש־קשה, האָסט ניט וואָס מורא צו האָבען.“

„אי, וואָס רעדסטו“, האָט גע'טענה'ט די ווייבעל. „עס קען דאָך אָבער ווער צו אונז אריינקומען און זעהן ווי מיר עסען חמץ — עס וועט דאָך זיין אַ סקאַנדאַל. עס קען נאָך אָנקומען מיין מאַמע אָדער דיין מאַמע, אָדער אבי ווער פון דער משפחה. עס איז אַ שפּיעל מיט פייער.“

„אי ביזטו אַ נאַר!“ האָט לעמכאָוויץ אויסגערופען לאַכענדיג. „דו מאַך נור דעם הערינג, און איך וועל אריינטראָגען די ביער, און דאַן וועלען מיר פערשפּאַרען די טיהר, און אויב עס וועט ווער אָנ־קלאַפּען, וועלען מיר די טהיר ניט עפענען וואו מיר וועלען ניט פריער דעם חמץ אַבראַמען פון טיש. גוט?“

„גוט!“ האָט זי געענטפערט.

צו דער־זעלבער צייט איז אין נומער 114 צוגעגאַנגען אַן אַנ־דער מעשה.

ציפקין, א צושניידער ביי ראמען־מאנטלען, איז געקומען אהיים מיט א ברייטען שמייכעל און האט בעגריסט זיין ווייב מיט דיזע ווערטער:

„איך זעה, אז דו האסט מיך געפאלגט, בעטסי. איך דער־שמעק שוין דעם ריח פון כרעמזלעך, און אט זעה איך מצות אויפ'ן טיש. אבער האסט די מצות געדארפט דערווייל בעהאלטען. עס קען ווער ארייקומען און זיי זעהן."

„נו, איז וואס האסטו אזוי מורא אז מען וועט זעהן?"

„איך וויל ניט זיי זאלען וויסען, די אידעלעך, אז ביי מיר איז מצה א מאכל. פסח צום סדר האבען מיר געטרונקען ביער און גע־געסען ראזעווע ברויט מיט מאסלינעס. זאלען זיי פלאצען, די פרו־מאקעס, די גאט'ס סטראפציעס, און זאלען זיי וויסען, אז איך בין א פריידענקער און אז איך האב זייער רעליגיאן אין דער ערד. נור היינט אז זיי וועלען דערגעהן אז מיר האט זיך פערגלוסט מצה מיט כרעמזלעך — נו, נו, וועלען זיי פון דעם מאכען א צימעס! זיי וועלען זאגען, אז א איד בלייבט דאך א איד, אז דעם פונק אידיש־קייט קען מען ניט אויסלעשען, אז דעם אידישען געפיהל קען מען נים פערטילינען. אזא נחמה פערגין איך זיי ניט! זאג מיר, בעטסי, די כרעמזלעך זיינען עפעס געראטען?"

"עס האט זיך איינגעגעבען זעהר גוט", האט די ווייבעל גע־זאגט. „איך האב גראדע געהאט פיינע גענזען־שמאלץ און אין דעם ארייגעטהאן א ביסעל גריבענעס".

ביי ציפקין'ען האט אנגעהויבען נעהן די סליונע פון מויל.

„לייג ארייין א שטיקעל פוטער אין די כרעמזלעך", האט ער געזאגט צו זיין ווייבעל.

„צו וואס?" האט זי געפרעגט.

„סתם אזוי", האט ער ערקלעהרט, „פון פרינציפ וועגען. עס זאל זיין טריפה. און די מצה וועלען מיר דערווייל אריינלייגען אין דער ברויט־קעסטעל, כדי עס זאל ווערען חמץ'דיג."

„איך האב דיר געקויפט א פלאש מעד", האט זי געזאגט.

„זעהר גוט", האט ער געענטפערט. „מיר וועלען היינט הא־בען א פיינעם אבענד־ברויט. אבער נעהם דעם מעד און גיס ארוי־בער צוערשט אין א חמץ'דיגער פלאש. גיב אהער, איך וועל דאס

אליין טהאָן. זאָג מיר, וואָס פאר אַ זופּ האָסטו היינט געקאָכט?"
„מצה פארפעל."
„זעהר גוט, בעטסי."

אז דער פּסח'דיגער אבענד־ברויט איז פערטיג געוואָרען, האָט מיסטער ציפּקין דער פריידענקער פערשפּארט די טיהר אויפ'ן שלאָס, ער האָט אראָבגעלאָזען די גארדינען אויף די פענסטער וואָס געהען צום הויף, אום אז קיינער זאָל פּלוצלונג ניט אריינגעהן אָדער אריינבליקען ווי ער, דער פריידענקער, וואָס מאכט אַ בארג אַש פון אַלעם וואָס איז אידיש און אידישלאַך, זיצט און זופּט מצה־פאר־פעל, שלינגט כרעמזלעך און פערטרינקט מיט פּסח'דיגען מעד.

„העהעהע!" האָט ער געלאכט צו זיין ווייבעל. „ווען די פרומאַקעס וואָלטען מיר געזעהן היינט עסען מצות מיט כרעמז־לעך! העהעהע! זיי וואָלטען געמיינט, אז איך איך בין משוגע געוואָרען און האָב תשובה געטהאָן."

בעטסי האָט אויך געלאכט.

„אָבער זעה", האָט זי געזאָגט, די שכנים איבער'ן הויף האָבען אויך אראָבגעלאָזען די גארדינען, און בעהאַלטען זיך עפּעס פון אונז."

„אי'ל בעטשיו", האָט ציפּקין געזאָגט לאַכענדיג, „אי'ל בעטשיו, אז דאָס זיינען אויך אַזעלכע פריידענקער ווי מיר, און עס האָט זיך זיי אויך פערגלוסט אַ ביסעל מצות מיט כרעמזלעך, און זיי שעהמען זיך אויך אַזוי ווי מיר. מען דארף זיי אָנקלאַפּען אין פענסטער און זאָגען אז פאר אונז האָבען זיי זיך ניט וואָס צו בע־האַלטען."

„טשעפּע זיי נים", האָט בעטסי געבעטען.

אָבער ציפּקין האָט זי ניט געהערט. ער האָט גענומען אַ לאַנ־גען שטעקען און גענומען קלאַפּען פּאַוואָליע אין די שויבען פון די שכנים וואָס האָבען געוואָהנט אין נומער 112, איבער'ן הויף.

דאָרט איז גראדע געזעסען לעמכאָוויץ מיט זיין ווייב און גע־געסען זייער פּצרמפּערניקעל מיט הערינג און פערזופּט מיט ביער. אז זיי האָבען דערהערט, דאָס מען קלאַפּט ביי זיי אין פענסטער, האָבען זיי ביידע זיך שטארק דערשראָקען.

„אַי, וועה איז מיר!" האָט אויסגערופען קיידי. „די שכנים

האָבען אונז דערזעהן. זיי וואַרפען אונז שטיינער אין די פענס־טער. זיי ווערען אונז שלאָגען, הרג'ענען! לאָמיר אנטלויפען, לאָ־מיר זיך בעהאַלטען!"

„שאַ, שרעק זיך ניט!" האָט לעמכאָוויץ געזאָגט. „איך האָב אַ רעוואָלווער, און איך קען פערטהיידיגען מיין היים געגען אַן אנפאַל."

מוטהיג איז לעמכאָוויץ צוגעגאַנגען צום פענסטער, געעפענט און אויסגעשריען מיט אַשטרענגער שטימע:

„וואָס ווילט איהר, האַ?"

„ענטשולדיגט מיר", האָט ציפּקין געענטפערט. „איך האָב ניט געמיינט אייך צו בעאונרוהיגען, איך האָב אייך געוואָלט בלויז זאָגען, אַז איהר דאַרפט זיך פאַר אונז ניט בעהאַלטען. מיר עסען יעצט אויך מצות. טאָמער גלויבט איהר ניט, וועל איך אייך צייגען." און דערביי האָט ציפּקין איהם געצייגט אַ שטיק מצה, און זיך צולאַכט.

לעמכאָוויץ האָט אויסגעשטעלט די אויגען און ניט פערשטאַ־נען צו וואָס יענער ציעלט, אָבער ציפּקין האָט ווייטער גערעדט:

„ווילט איהר אפשר אַ כרעמזעל?" האָט ציפּקין געפרעגט. „אַ זיסען כרעמזעל, געפּרעגעלט מיט פּוטער און מיט חמץ'דיגע גענ־זענע גריבענעס."

„איך פערשטעה אייך ניט," האָט לעמכאָוויץ געזאָגט.

„העה־העה־העה!" האָט ציפּקין געלאַכט. „איהר מוזט געווים מיינען, אַז איך עס מצות דעם גאַנצען פסח. שווער איך אייך אויף מיין עהרענוואָרט, אַז איך עס דאָס היינט צום ערשטען מאָל."

אָט דאָ האָט לעמכאָוויץ איינגעזעהן זיין טעות. „און איך עס חמץ צום ערשטען מאָל אום פסח", האָט ער ערקלעהרט, און זיך פערשעהמט.

„היפּאָקריט!" האָט אויסגערופען ציפּקין.

„אנאַרכיסט! יום כפּור־באָלניק!" האָט צוריק אויסגערופען לעמכאָוויץ.

און ביידע שכנים האָבען פערהאַקט זייערע פענסטער און צו־ריק אראָבגעצויגען די גאַרדינען.

בלינצעס

„אָט, דאָס, דייוו, איז די הויז!" האָט געזאָגט א מאַן פון א יאָהר פינף־און דרייסיג, א בלאָנדער, צו זיין בענלייטער, עטליכע יאָהר אינגער פון איהם, א ברונעט, ווערהענד זיי האָבען זיך פער־קירעוועט צו דעם זייטיגען אריינגאנג פון א פריוואט־הויז אויף די בראָנקס.

ביידע האָבען געטראָגען גרויסע זעק אויף זייערע שולטערען און בלעכענע כלים אָנגעבונדען אויף א שטריק פון פאָרענט. זיי האָבען אויסגעזעהען ווי פעדלער וואָס בייטען אוים אלטע קליידער אויף נייע בלעך־געשיר.

„ביזטו זיכער, דזשים, אז קיינער איז אין הויז ניטאָ?" האָט געפרעגט דער יונגערמאַן וואָס האָט געהייסען דייוו.

„ביזט נערוועז, האַ? האָט דזשים זיך גערייצט מיט איהם, שמייכלענדיג און עפענענדיג די טהיר מיט א שליסעל. „זיי זיכער אז מעגני איז א גוט מיידעל. און זי האָט מיר פערזיכערט, אז די לייטע ביי וועמען זי ארבייט וועלען פערבלייבען אין ברוקלין דעם גאנצען טאָג. זיי וועלען צוריקקומען ארום אכט אָרער ניין אבענדס.

„איך בין נאָך ניט געוואוינט צו ארבייטען בייטאָג," האָט נערוועז געזאָגט דייוו. „דערפאַר בין איך אביסעל נערוועז."

„וועסט איינזעהען אז די ארבייט בייטאָג איז די לייכטסטע און זיכערסטע," האָט דזשים געזאָגט אין א זיכערען טאָן.

ווען זיי זיינען שוין געווען אינוועניג, האָט דייוו פריי אָבגעאָטהעמט. אין קאָרידאָר איז געווען שטיל. קיין איינציגען שאָרך האָט מען ניט געהערט. פון וועלכער טיהר די איינוואָהנער פון הויז זאָלען אריינקומען איז דאָך געבליבען א זיכערער ארויסגאנג, דורך וואנען זיך ארויסצורוקען שטיל, אונבעמערקט.

דזשים האָט גענומען ארבייטען אויף דעם שלאָס פון קיך און האָט איהם באלד געעפענט. ביידע זיינען אריין אין קיך. א בע־קאַנטער ריח האָט אריינגעדרונגען דייוו'ען אין נאָז אריין, א ריח

וואָס האָט אין איהם אויפגעוועקט אַלטע, שוין לאַנג פערגעסענע עראינערונגען. ער איז צוגעגאַנגען צום אויוועז, וועלכער איז געווען וואַרימליך און האָט אָבגעדעקט דעם צודעק פון אַ בלעכענע שיסעל. בלינצעס!

„קאַם אָן!" האָט דזשים אויגסערופען. „מיר קענען קיין צייט ניט פערלירען. וואָס זוכסטו דאָרט אין די טעפּלעך?"

דייוו האָט כמעט ניט געהערט וואָס דזשים האָט צו איהם גע־רעדט. די בלינצעס האָבען איהם צוגעשימדט צום אָרט, און איהם געמאַכט פערגעסען וועגען וואָס ער איז אהער געקומען און אויף אַלעס אין דער וועלט. ער האָט גענומען איינע פון די בלינצעס, האָט דאָס זשעדנע בעטראַכט און אַ ביס געטהאָן. דאַן האָט ער גע־נומען קייען מיט גרויס כונה, מיט האַלב צוגעמאַכטע אויגען, אַזוי ווי איינער וואָס געניסט אָן איבערגעוועהנליכען פערגעניגען. פון מתיקות האָט זיין צונג אַזוי געקנאַקט און זיינע ליפען האָבען זיך אַזוי פּאַסמאַקעוועט, דאָס דזשים האָט זיך פערקוקט אויף איהם און אויך בעקומען אַפּעטיט.

„וואַט דו יו קאָאָל דהעם?" (ווי רופט מען דאָס?) האָט דזשים געפרעגט.

„בלינצעס!" האָט דייוו געענטפערט, נעהמענדיג נאָך אַ בלינצע.

„בלייזעס?" האָט דזשים איבערגעפרעגט.

„בלינצעס! בלינצעס!" האָט דייוו איהם פערריכט. „טראַי וואָן!" (פערזוך איינס).

דזשים האָט אַ ביס געטהאָן אַ בלינצע, און האָט עס צוריק אריינגעוואָרפען אין שיסעל. עס האָט איהם ניט געשמעקט.

„יו פיג!" (דו חזיר!) האָט דייוו אויסגערופען ארויסנעהמענ־דיג די אָבגעביסענע בלינצע פון שיסעל און אריינוואַרפענדיג דאָס אין אַ טעפּעל מיט שיריים.

„וואָס האָסטו זיך אוועקגעשטעלט זיך לאָבען מיט דיינע אי־דישע מאכלים?" האָט דזשים געפרעגט, שוין אַ ביסעל אויסער גע־דולד.

„שטער מיר ניט!" האָט דייוו כמעט ווי געבעטען.

דער טעם פון דיזע בלינצעס האָט איהם געשיינט צו זיין עפּעס

בעזונדערס בעקאנט. דיזע בלינצעס האָבן געהאט א בעזונדער טעם וואָס איז געווען פערבונדען מיט א געוויסער פעריאָדע, אָדער פּאסירונגג אין זיין לעבען — ער האָט זיך ניט געקענט אקוראט דער־מאָנען ווו ער האָט פונקט דיזעלבע בלינצעס געגעסען. ער האָט אָנגעהויבען צו קייען לאנגזאמער, קייען און איבערקייען, אזוי ווי ער וואָלט געזוכט צו דערגעהן דורך דעם טעם די ערײנערונג וואָס איז פערשוואונדען פון זיין זכרון.

„הער אויף צו שטאָפּען זיך!" האָט דושים זיך א בייזער גע־טהאָן. „מיינסט מיר זיינען געקומען אהער עסען? לאָמיר טהאָן אונזער ארבייט!"

דייוו, מיט א האלבע בלינצע אין מויל און מיט א גאנצע אין דער האנד, איז איהם נאָכגעגאנגען. זיי זיינען צוערשט אריין אין שלאָף־צימער.

„נעהם אריין אָט די אַלע קליינינקייטען אין זאק", האָט גע־זאָגט דושים, אָנצייגענדיג אויף א טישעל, אויף וועלכען עס זיינען געווען אויסגעשטעלט טואלעט ארטיקלען: קעמלעך, האאר־בערשט־לעך, א האנד־שפּיעגעל און דאָס גלייכען — אלעס פון זילבער.

אָבער דייוו האָט זיך ניט גערירט. ער האָט אויסגעגלאָצט זיינע אויגען אויף א בילד אין א זילבערנער ראמקע וואָס איז גע־שטאנען אויף דעמזעלבען טישעל. דאָס בילד איז געווען פון א פרוי, אונגעפעהר דרייסיג יאָהר, און פון צוויי קליינע מיידעלעך, וועמעס עהנליכקייט צו דער פרוי האָט עדות געזאָגט, אז זיי זיינען געווען איהרע קינדער.

דאָס בילד פון דער פרוי און דער טעם פון די בלינצעס האָבען איהם ביידע אויף א מאָל א פּיק געטהאָן אין מוח — און ער האָט זיך דערמאָנט!

„גאָט מיינער!" האָט ער געזאָגט צו זיך". איז עס מעגליך, אז איך בין יעצט אין איהר הויז?!"

„ביזט שכור, צי פערריקט?" האָט דושים געשריען. „קאָם אָן, קוויק!" (נו, שוין שנעל!) און דושים האָט אליין גענומען שארען די זאכען אין זאק.

„הענדס אָף!" (נעהם אוועק די הענד!) האָט דייוו א קאָ־מאנדעווע געטהאָן. „זאָלסט זיך ניט וואגען צו גנב'ענען פון דיזער

הויז! דו הערסט, דזשים? אי מין איט! אנעסט טרוטה, אי מין איט! (איך מיין דאָס! אויף נאמנות, איך מיין דאָס טאָקי!)

„געה אין דער העל אריין! ביזט דאָך טאָקי משוגע!“

„דזשים!“ האָט דייוו געזאָגט גאַנץ געלאַסען. „אויב דו געהסט מיט מיר ניט גלייך ארויס פון דיזער הויז, וועט זיין שלעכט פאַר אונז ביידען. איך וועל דיזע הויז ניט לאָזען בערויבען אויף א האָאר.“

„דער מאכל יענער האָט דיך משוגע געמאַכט“, האָט דזשים געזאָגט, בעטראַכטענדיג זיין קאָלענע מיט א ביסעל מורא. „לאָז מיר עפּענען די קעסטלעך אין דיזען טישעל.“

„הענדס אָף!“ האָט דייוו וויעדער אויסגעשריען. „לאָמיר פערלאָזען די הויז, אָבער שנעל, אז ניט, דזשים, וועט זיין שלעכט;“

„וואָס איז דער מעהר מיט דיר?“ האָט דזשים געפרעגט.

„דיזע הויז מוז בלייבען אונבעריהרט“, האָט דייוו געזאָגט בע־טאָנענדיג יעדעס וואָרט. „איך וועל ניט צולאָזען דו זאָלסט נעה־מען פון דאנען אפילו א שטיקעל פּאַדים, ווען אפילו איך וועל פאַר דעם מוזען בעצאָהלען מיט מיין לעבען.“

„געה אין דער העל אריין, דו שיני!“ און דזשים האָט גע־קריצט מיט די צייהן פאַר כעס.

„קאָם אן!“ האָט דייוו בעפאָהלען, „אז ניט, געהען מיר היינט אלע אין תפיסה, מיט דיין מענגי'ן צוזאמען.“

פלוכענדיג און קריצענדיג מיט די ציין איז דזשים איהם נאָכ־געגאַנגען.

* * *

אין אבענד, ווען מיסטער און מיסעס זאַלקין צוזאמען מיט זווי־ערע צוויי מיידעלעך און זייער איירישע דיענסט מענגי זיינען גע־קומען פון א וויזיט אין ברוקלין אהיים, זיינען זיי געוועזן איבער־ראשט צו געפינען די טהיר פון קיך אויפגעבראָכען.

„גנבים זיינען דאָ געוועזן!“ האָט מיסעס זאַלקין אויסגערופען מיט שרעק. און זי האָט נאָר ניט בעמערקט ווי מענגי האָט אָבגע־קעהרט איהר געזיכט.

מיסטער זאַלקין האָט געמאַכט א שנעלע אונטערזוכונג אין אלע צימערען. „עס פעהלט קיין זאַך“, האָט ער בערוהיגט זיין פרוי.

„נעה!" האָט מיסעס זאַלקין געזאָגט. „די גנבים האָבען אויפגעגעסען כמעט די גאַנצע בלינצעס."

* * *

דריי טעג האָבען די זאַלקינס גערעדט פון דעם זאָנדערבאַרען צופאַל וואָס גנבים האָבען אויפגעבראָכען די הויז און האָבען מעהר ווי בלינצעס ניט גע'גנב'עט. זיי האָבען דאָס גאַר ניט געקענט פערשטעהן. אין דעם עס־צימער האָט זיך געפונען א פולער בר־פעט מיט זילבערנע לעפעל, גאָבעל און מעסער. נאָך לייכטע ווערטהפאָלע זאַכען זיינען געווען צו דער האַנד, און דאָך האָבען די גנבים גאַר ניט אָנגעריהרט!

אויפ'ן פיערטען טאָג האָט זיך די געהיימניס אויפגעקלעהרט דורך פאָלגענדען בריעף וואָס איז אָנגעקומען אויף מיסעס זאַלקין'ס נאָמען:

„זעהר געעהרטע מיסעס זאַלקין!

די האַנדשריפט איז אייך געוויס בעקאַנט, אָבער דער וואָס שרייבט איז ניט מעהר דערזעלבער, וועלכען איהר האָט אמאָל געקענט.

איהר וואָלט פיעלייכט פון מיר קיינמאָל מעהר ניט גע־הערט. איך האָב אויף זיך געהאט גענומען אויסצומיידען אלע וועגען, אויף וועלכע איך קען זיך מיט אייך צחאמענטרעפען. אָבער א צופאַל האָט מיך געבראַכט אין אייער הויז — א זאָנ־דערבאַרער צופאַל.

איך איז וואהרשיינליך בעוואוסט מיין מיאוס'ער פאַל, זינט איך האָב געהאַט דעם אונגליק פערטריבען צו ווערען פון אייער מוטער'ס הויז, ווייל זי האָט ניט געוואָלט ליידען מיין צו דרינגליכע אויפמערקזאַמקייט צו אייך, האָב איך מיין בי־טערען שיקזאַל ניט עמפפאַנגען ווי א מאַן, נור ווי א נידערי־גער שוועכלינג. איך בין געפאַלען נידריגער און נידריגער, בין געזונקען צו דער מדרגה פון א גנב, און איינברעכער. מען האָט מיך איינמאָל געכאַפּט און פערשיקט אויף זעקס יאהר אין געפענגנים. דאָ ניט לאַנג, ווען איך בין ארויס, האָב איך ניט געהאַט וואָס צו טהאָן און האָב זיך ווידער גענומען צו מיין פריהערדיגער בעשעפטיגונג — גנב'ענען. מיינער א בעקאַנ־

טער וואס איז אויך אין דער זעלבער פראפעסיאן, האט מיך צוגערעדט צו נעהן איהם העלפען בע'גנב'ענען א פריוואט־הויז אויף די בראנקס. עס איז מיר גאר ניט איינגעפאלען, אז איך געה בערויבען די הויז פון דער ליעבער גוטער ענגעל, וועלכע איך האב אמאל געליעבט און ליעב נאך יעצט אויך.

דאס ערשטע זאך וואס איז מיר געווארען אויפפאלענד איז א שיסעל בלינצעס וואס איך האב געפונען אויפ'ן אייוועון. איך האב שוין לאנג ניט פערזוכט דעם געשמאקען אידישען מאכל, און איך האב זיך ניט געקענט איינהאלטען און האב פערזוכט איינע פון זיי. און ווי נור איך האב דאס אין מויל גענומען, איז מיר דער טעם פארגעקומען בעקאנט. איך האב געפיהלט, אז אזעלכע בלינצעס האב איך ערגעץ־וואו גענעסען אונטער זעהר גליקליכע אומשטענדען, אבער איך האב זיך ניט געקענט עראינערען וואו און ווען דאס איז געשעהן. ערשט שפעטער האב איך זיך דערמאהנט, אז אזעלכע בלינצעס האט איהר געמאכט פאר מיר שבועות, ווען איך האב אייך בע־זוכט אין דער הויז פון אייער מוטער מיט צעהן יאהר צוריק.

און נאכדעם אז איך האב דערזעהן אייער בילד אויפ'ן טישעל אין אייער שלאף־צימער, איז מיר שוין קלאר געווא־רען, אין וועמעס הויז איך בין אריין גנב'ענען.

אייער הויז איז געבליבען אונבעריהרט, דאך ראטה איך אייך, אז איהר זאלט אייער דיענסט וואס ארבייט ביי אייך אוועקשיקען. זי שטעהט אין פערבינדונג מיט גנבים.

דער זאנדערבארער צופאל האט אויף מיר געווירקט אזוי דאס איך בין געווארען אן אנדער מענש. איך וועל יעצט אנווענדען אלע מיינע קרעפטען צו פערריכטען מיין שלעכטע פערגאנגענהייט. איך זעה אין דעם א פינגער פון גאט וואס האט מיך געפיהרט צו אייער הויז. מיין גאנצען לעבען וועל איך שטרעבען צו זיין גוט און ערענטליך, און צו פערדיענען דאס רעכט צו טראגען אייער עראינערונג ביי מיר אין הארצען. פון מיר וואס בעט אייך אום ענטשולדיגונג.

דוד.

„גרינס" אויף שבועות

„מערי!" האָט מיסטער סאלאמאן וואסערפוינעל געזאָגט צו זיין ווייב. „מיר וועלען האָבען גרינס אויף שבועות."

„וואס מיינסטו?" האָט זי געפרעגט.

„דו האָסט שוין גאָר פערגעסען? שבועות איז א מנהג ביי אי־דען צו בעצירען די הויז מיט גרינס. איך האָב איינגעלאדען דעם טאטען מיט דער מאמען צו אונז אויף שבועות".

מיסעס וואסערפוינעל האָט זיך צולאכט. די געשטאלטען פון איהר גרינעם שווער און איהר גרינע שוויגער האָבען זיך איהר פאָר־געשטעלט — ער מיט זיין לאנגער ווייסער באָרד, און זי מיט איהר שייטעל — צוויי אלטמאָדישע מענשען, ערשט ניט לאנג געקומען פון רוסלאנד, נאָך גאָר „גרין".

מיסטער סלאמאן וואסערפוינעל איז געווען א גרויסער ספעק־קולאנט פון לאנד און הייזער אין הארלעם און האָט געוואוינט אין א גרויסארטיגע הויז אויף דער אריסטאָקראטישער זיבעטע עוועניו, ניט ווייט פון סענטראל פארק. ער איז געווען א גוטער מענש, א דזשענטעלמאן, א בעל צדקה, האָט אונטערשטיצט וואָהלטהעטיגע אנשטאלטען און האָט זיינע קינדער געגעבען א גוטע ערציהונג. ער איז אָבער געווען אביסעל נאכלעסיג אין אידישקייט. צום ביי־שפיעל: ער איז געווען א מיטגליעד פון א שוהל און געהן אהין פלעגט ער בלויז ימים נוראים. ער פלעגט קויפען פלייש פון א כשר'ן בוטשער, אָבער אין הויז ביי איהם פלעגט מען עסען אויך אויסטערס און ראקעס. ער האָט אונטערשטיצט א תלמוד תורה, אָבער ניט זיינע צוויי טעכטער און ניט זיין זוהן האָבען געקענט א אידיש וואָרט. דאָך איז ער געווען געאכטעט פון אלע זיינע אי־רישע פריינד צוליעב זיין גוטען קאראקטער און ערעלקייט.

באלד נאָך פסח זיינען געקומען צופאָהרען זיינע עלטערען. זיי זיינען פערפאָהרען צו זיין ברודער, מיסטער דזשייקאָב וואסערפוי־געל, וועלכער האָט געוואוינט דאון טאון, אין דער עכט אידישער

מעריסאָן סטריט. מיסטער דזשייקאָב וואסערפויגעל האָט גע־פיהרט אַן אמת אידישע הויז און האָט אָבגעהיט אַלע אידישע דינים פון כשרות. זיינע קינדער האָט ער געגעבען אַן עכט אידישע ער־ציהונג. די צוויי ברידער האָבען פאַראויס אָבגעמאכט, אַז ווען זייערע עלטערן וועלען קומען זאָלען זיי צוערשט זיין ביי זייער פרוי־מען זוהן, און נאָכדעם אז זיי וועלען זיך שוין אַ ביסעל „אויסגריי־נען“, זאָל מען זיי אריבערנעהמען צום אנדער זוהן אויף דער זיב־טער עוועניו.

„מערי!“ האָט געזאָגט מיסטער סאָלאָמאָן וואסערפויגעל צו זיין פרוי. „דו ווייסט דאָך ווי מיינע עלטערן זיינען ביי מיר טהייער, וויל איך אַז דו זאָלסט זיי אויך ליעבען אזוי ווי איך.“

„יא, איך ליעב זיי זעהר“, האָט מיסעס וואסערפויגעל געזאָגט, בלעטערענדיג אַ בוך מיט נאָטען. „דיין פאָטער זעהט אויס ווי אַ פאטריארך, ווי אַ נביא. הי איז איי גרענד אָלד מען. און דיין מוטער — שי איז סאָטש איי דיר ליטל וואומען, איך בין פערליעבט אין איהר. אזוי איינפאַך און גוטמוטהיג. אונטער איהר שייטעל איי דאָ אַ קאָפּ מיט שכל.“

„מאי דיער וואיפי!“ (מיין טהייערע ווייבעלע!) האָט מיסטער וואסערפויגעל אויסגערופען שטארק געריהרט פון זיין פרוי’ס גוטע מיינונג וועגען זיינע עלטערן.

„אה“, האָט מיסעס וואסערפויגעל געזאָגט, „איך בין ניט פון די מענשען וואָס לאכען פון אַלטע לייט. איך האָב ניט לאנג געלע־זען אַ געשיכטע וואָס שילדערט ווי אין אמעריקא שעהמט מען זיך מיט אידישע עלטערן. אי דאָנ’ט ביליוו סאָטש סטאָרס. (איך גלויב ניט אזעלכע מעשות). איך גלויב ניט, אז קינדער זאָלען זיך שעהמען מיט עלטערן נור דערפאר, ווייל די עלטערן זיינען פון דער אַלטער וועלט. די מענשען פון דער אַלטער וועלט האָבען גע־לעבט קליגער פון אונז.“

„וועל, נאָט עקזעקטלי“, (נו, דאָס איז ניט גראדע ריכטיג), האָט געזאָגט מיסטער וואסערפויגעל. „אָבער איך וויל מיט דיר היינט ניט פילאָזאָפירען. איך וויל פון דיר בעטען, אז דו זאָלסט מר העל־פען אויפצונעהמען מיינע עלטערן ווי געהעריג איז.“

איך וועל טהאָן אַלעס מעגליכעס צו מאַכען פאַר זיי אַן אנגע־
נעהמען יום טוב.״

„גוד פאַר יו!“ האָט ער אויסגערופען מיט פרייד און דאנק־
באַרקייט. „עס איז בלויז אַ וואָך צו שבועות און מיר דאַרפען שוין
אָנהויבען צו אַרבייטען. ערשטענס מוז מען אונזער פראַנצויזישע
קעכין אַוועקשיקען אויף אַ פּאָאַר וואָכען צייט, און אויף איהר אָרט
אַריינגעהמען אַ אידישע וואָס זאָל קאָכען כשר. צווייטענס מוזען
מיר איינקויפען נייע געשיר, מילכינגע און פליישיגע. עס מוז זיין
שטרענג כשר, אַז ניט וועלען די אַלטע זיך פיהלען געקרייענקט.״

„אָל ראַיט, דיער“ (גוט מיין טייערער), האָט געענטפערט
מיסעס וואַסערפוגעל, און נאָך אין דעם זעלבען טאָג האָט זי זיך
גענומען איינצוקויפען די געשיר. זי האָט איינגעקויפט טעפּ, טעלער,
שיסעל, גאָפּעל, לעפעל, און מעסער, צוויי בעזונדערע סעטס פון
אַלעס, און האָט דעם סטאָרקיפּער געהייסען די זאַכען צושיקען אַ
דריי טעג בעפאָר שבועות. אין צווישען האָט זי זיך בעזאָרגט מיט אַ
אידישע קעכין, אָן אונגאַרישע. די געשיר איז אַראַנזשירט געוואָרען
אין דער בעסטער אָרדנונג. די קינדער פון מיסטער און מיסעס
וואַסערפוגעל: עטהעל, 19 יאָהר אַלט, קלאַרא, 17 יאָהר אַלט,
און מעטהיו, אַ 15 יעהריגער בחור׳ל, זיינען מושטירט געוואָרען אין
דער טיש־עטיקעט פון מילכינגס און פליישינגס, און זיי האָבען צוגע־
הערט ווי געהאָרכזאַמע שילער. זיי האָבען דעם זיידען מיט דער
באָבען נאָך ניט געזעהן, און זיי זיינען געווען שטאַרק אונגעדול־
דיג אָנצוקוקען דעם „גרענדפּאַ“ מיט דער „גרענדמאַ“, פון וועמען
זיי האָבען געזעהן בלויז זייערע בילדער.

ערב שבועות האָט זיך געבען דער גרויסער הויז אויף זיבעטע
עווענױ אָבגעשטעלט אַ צוגעמאַכטער קעררידזש, און פון דאָרט
זיינען אַרויס מיסטער סאַלאָמאָן וואַסערפוגעל, זיין אַלטער פאָטער
מיט דער אַלטער מוטער. די אַלטע פּאָאַר פאָלק האָבען זיך אַביסעל
געשראָקען ווען דער שוואַרצער דיענער האָט זיי אַריינגעפיהרט אין
עלעווייטאָר און זיי האָבען אָנגעהויבען צו פליהען אין דער הויך.
אבער אַז זיי זיינען אַרויפגעקומען אין זייער זוהן׳ס וואוינונג האָבען
זיי זיך בערוהיגט.

„קיין עין הרע“, האָט געזאָגט דער אַלטער, און זיך אַוועק־

נעזעצט אין ערשטען צימער וואָס זיי זיינען אריינגעקומען. „קיין עין הרע, מיין זוהן, דו לעבסט ווי א גראף. שוין כדאי געווען צו פליהען מיט'ן שווארצען אויף זיין לופט־באלאָן אזוי הויך."

„וואָס האָסטו זיך אוועקגעזעצט, טאטע?" האָט געפרעגט סאלאָמאָן וואסערפויגעל, „דאָ איז קיין אָרט ניט צו זיצען. דאָס איז א קאָרידאָר, דאָ זעצט זיך צו א שיק־יונג, א דיענער, אָדער א קרעמער וואָס ברענגט עפעס סחורה אין הויז. קום ווייטער."

און סאלאָמאָן וואסערפויגעל האָט אריינגעפיהרט זיינע עלטערן אין א גרויסען זאל פון זיין וואוינונג, פאר וועלכען ער האָט געצאָהלט א סומע פון הונדערט מיט זיבעציג דאָלאר א חודש רענט. און דער אלטער טאטע מיט דער אלטער מאמע האָט די אויגען געריבען פאר בעוואונדערונג, זעהענדיג אין וואָס פאר א לוקסוס זייער זוהן לעבט. דאָ זיינען געווען טעפיכען, וואָס אז מען איז אויף זיי געגאנגען האָט מען געפיהלט אז מען שפאציערט אויף פערינעס. דאָ איז געווען מעבעל איבערגעשלאָגען מיט לעדער געמאכט פון שלאנגען־פעל; גארדינען געשטיקט מיט גאָלד זיינען געהאנגען אויף די פענסטער. די עטליכע בילדער אויף דער וואנד האָבען בעטראָפען דעם פערמעגען פון א היימישען גביר.

„לעבסט דאָך גאָר ווי א שררה!" האָט דער אלטער אויס־גערופען.

„אָהן עין הרע, אָהן עין הרע!" האָט געזאָגט די אלטעטשקע, פערלעגענדיג די הענד און שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ.

„באלד וועלען אריינקומען מערי מיט די קינדער," האָט געזאָגט סאלאָמאָן וואסערפויגעל.

דער אלטער איז ארומגעגאנגען איבער'ן פארלאָר און האָט געטאפט דאָס מעבעל, די בילדער און אפילו די ווענד. בעמערקענ־דיג א פּאָאר שווארצע קנעפּלעך אין די ווענד, האָט ער איינעם א דריק געטהאָן. עס איז באלד אריינגעקומען א קאמערמערכען, מיט א ווייסען הייבעל אויפ'ן קאָפּ, און זיך געשטעלט אין טהיר.

„נו?" האָט סאלאָמאָן וואסערפויגעל געפרעגט די קאמער־מערכען. „וואָס ווילסטו?"

„איך האָב געהערט קלינגען," האָט געזאָגט די מיידעל, „האָב איך געמיינט איהר רופט מיך."

„קיינער האָט געקלונגען", האָט געזאָגט סאַלאָמאָן וואסער־פוינעל, „עס האָט זיך דיר אָבגעדראכט."

דאָס מיידעל האָט זיך ענטשולדיגט און איז אוועק. אזוי ווי דער געשפרעך איז אָנגעגאנגען אין ענגליש, האָט דער אַלטער ניט פערשטאַנען אַ וואָרט וועגען דעם וואָס עס איז גערעדט געוואָרען.

די אַלטעטשקע האָט אויך גענומען אַ ביסעל בעטראכטען דאָס צימער. זי האָט אויך בעמערקט אַ פּאָאר קנעפּלעך אין וואנד. זי האָט פריהער אַ דריק געטהאָן איינעם, נאָכדעם אַ צווייטען. אין אַן אויגענבליק איז דאָס צימער בעלויכטען געוואָרען. אַ צוואנציג עלעקטרישע לעמפּלעך, וועלכע זיינען געוועזען צושפּרייט איבער'ן גאַנצען צימער האָבען זיך אָנגעצונדען.

„אוי, וועה איז מיר, עס ברענט!" האָט די אַלטעטשקע אויס־גערופען.

אָבער דער זוהן איז צו איהר צוגעלאָפען און זי בערוהיגט.

„אָט די קנעפּלעך דאַרף מען ניט טשעפּען," האָט ער ערקלערט, „אָט דעם קנעפּעל אַז מען גיט אַ דריק, קומען צולויפען די פייער־לייטע. און דעם קנעפּעל אַז מען גיט אַ קוועטש, קומט פּאָליציי. אָט דעם קנעפּעל גיט אַ דריק, מאמע, וועלען זיך די לאָמפּען פערלעשען. האָסט מורא? נו, אָט וועל איך דאָס אליין טהון. זעהסט?"

באלד זיינען אריינגעקומען די מאדאם מיט די קינדער. די מאדאם האָט זיך מיט דער שווינער צוקושט. נאָכדעם זיינען פאָרי־געשטעלט געוואָרען די קינדער.

„דאָס איז עטהעל, דאָס איז קלארא, און דאָס איז מעטטהיו — און דאָס איז אייער גראַנדמאַ און דאָס אייער גראַנדפּאַ."

עס איז געוואָרען אַ קוסעריי אויף אַלע זייטען. די אַלטעטשקע האָט געוויינט פאַר שמחה, און דער אַלטער האָט מיט אַ האַלב־טרויעריגען שמייכעל געפרעגט:

„אויף אידיש ווי הייסט איהר, קינדער?"

„סאָירטש מי! (פרעג מיך בחרם!)" האָט געענטפערט מעטטהיו.

„וואָס זאָגט ער?" האָט געפרעגט דער אַלטער.

אבער סאַלאָמאָן וואסערפוינעל איז געקומען צו הילף:

„עטהעל איז אויף אידיש איטע; קלארא איז לאה און מעטטהיו איז משה.“

„דאס איז שוין צופיעל פערדרעהט,“ האט געזאגט דער אלטער. „זעהסטו, ביי דיין ברודער יענקל'ען רופען זיך אויך די קינדער מיט אמעריקאנער נעמען, אבער ניט אזוי פערדרעהט. זייער לאה'קע הייסט ליע; זייער משה'קע הייסט מאזעס, בלויז זייער חיים'קע הייסט טשאלי. זיי זאגען, אז חיים קען מען בשום אופן ניט איבערמאכען אויף ענגליש, און אז טשאלי איז אין אמעריקא א אידישער נאמען. ווייסט איהר וואס, קינדער, לאזט מיך, אייער אלטען זיידען, אייך רופען מיט אידישע נעמען.“

סאלאמאן האט פאר די קינדער איבערגעזאגט אין ענגליש דאס וואס זיין פאטער האט פון זיי פערלאנגט.

„וואס? זיי פערשטעהען גאר קיין אידיש ניט?“ האט דער אלטער געפרעגט שטארק איבערראשט, און די אלטעטשקע האט געקנומען שאקלען מיט'ן קאפ.

מיסטער און מיסעס וואסערפוינגעל האבען אראבגעלאזט זייערע אויגען צו דער ערד. די קינדער האבען איינע די אנדערע אנגעקוקט און ניט געוואוסט וואס דא האנדעלט זיך, און ווארום דער גראנדפא איז אונצופריערען.

„הי וואנטס אס טו ספיק דזשואיש. (ער וויל מיר זאלען רעדען אידיש).“ האט ערקלערט עטהעל, וועלכע האט געכאפט א פאאר ווערטער פון דעם אלטען'ס פראגע.

„אה, אי קען ספיק דזשואיש (איך קען רעדען אידיש)“, האט זיך אבגערופען מעטטהיו. „אי קען סיי (איך קען זאגען) שלום לייקעם, מאזומא, בייטצימער, חכם, מזל טוב, ענד באבקעס, ענד סאם מאר.“

מיסטער סאלאמאן וואסערפוינגעל האט די קינדער געהייסען ארויסגעהן, נאכדעם האט ער זיך געווענדעט צו זיין פאטער מיט דיזער ווערטער:

„די קינדער זיינען אמעריקאנער קינדער. פון זיי קענסטו ניט ערווארטען אז זיי זאלען רעדען ווי מיר רעדען. פאר מיין זוהן האב איך געדענקט צו נעהמען א לעהרער וואס זאל איהם לערנען א ביסעל אידישע זאכען, נור איך האב דאס אלץ אבגעלעגט, איך בין זעהר

א צוטראַגנגער מענש. דיר צוליעב וועל איך אויסזוכען א לעהרער גלייך נאָך יום טוב. מיין זוהן וועט לערנען אלע אידישע זאכען. די טעכטער איז שוין גראָדע ניט נויטיג צו לערנען."

דער אַלטער האָט א זיפץ געטהאָן, און גאָרניט געזאָגט.

„קום, טאטע, קום מאמע, איך וועל אייך ציינען א ביסעל מיין וואוינונג." האָט געזאָגט סאָלאָמאָן.

מיסטער וואסערפוינעל איז געגאנגען פאָראויס, נאָך איהם זיינ פאָטער און נאָכדעם זיין מוטער מיט זיין פרוי. ער האָט זיי געוויזען דעם עס־צימער, די שלאָף־צימערען, זיין קאבינעט, און אפילו זיין באָדע־צימער מיט די מאַרמאָרנע וואנד. די אַלטע פּאָאר האָבען געפיהלט אז זיי האָבען ניט גענוג אויגען צו בעטראַכטען די אַלע קאָסטבאַרע ארטיקלען, דעם רייכטהום און די עלעגאנץ וואָס זיי האָבען געזעהן אין יעדען ווינקעלע. „אָהן עין הרע, אָהן עין הרע", האָט די אַלטעטשקע געשעפּצעט אין דער שטיל. צולעצט זיינען זיי אריינגעקומען אין קיך.

„אָט זעהסטו, טאטע," האָט געזאָגט מיסטער וואסערפוינעל, „אָט דאָ האָבען מיר מילכיגע געשיר, און דאָ פליישיגע. איהר וועט האָבען א כשר'ען יום טוב."

„עס איז אַלץ נייע זאכען," האָט די אַלטעטשקע בעמערקט, „ערסט ניט לאַנג געקויפט."

מיסטער וואסערפוינעל איז רויט געוואָרען. מיסעס וואסערפוינעל האָט זיך אָבגעקעהרט אָן א זייט צו בעהאַלטען איהר שמייכעל. אין דעם אַלטען'ס אויגען האָט א בליץ געטהאָן, אזוי ווי א נייער געדאנק וואָלט איהם איינגעפאַלען.

„עס איז אַלץ צוליעב מיר מיט דיין מאמען?" האָט ער געפרעגט מיט א שטימע וואָס האָט אויסגעדריקט אי מיטלייד, אי פאָרוואורף.

א גאנצע מינוט האָט קיינער גערעדט א וואָרט. עס איז געווען איינע פון יענע שמערצליכע מינוטען וואָס ציהען זיך ווי שטונדען.

„הערט, מיינע קינדער," האָט געזאָגט דער אַלטער, זיך ווענדענדיג צו ביידען, זיין זוהן מיט זיין שנור, „איך וויל מיט אייך זיין זעהר אָפען. איך בין א איד פון דער אַלטער וועלט און מיין פרוי איז אויך פון מיין וועלט. איך ווייס אז איך וועל אייך ניט איבער־

מאכען, אָבער איך אַליין וויל אָבלעבען מיינע יאָהרען אַזוי ווי איך האָב געלעבט ביז יעצט. איך בעט פון אייך איין זאַך: אויף יום טוב שיקט מיך אָב צוריק צו יענקל׳ען אין מערסאָן סטריט. דאָרט וועלען מיר וויסען אַז מיר וועלען הנאה האָבען פון אונזער יום־טוב. נאָך יום טוב וועלען מיר צו אייך קומען אויף בעזוך ווי אָפט נור איהר ווילט אַליין.“

„טאטע!“

„שווער!“

„לאָזט מיר, קינדער, און נעהמט ניט פאַר אומגוט. איך האָב אייך ליעב ווי מיין לעבען, אָבער עסען ביי אייך קען איך ניט. א גלעזעל טהעע, א קיכעל, ברויט מיט פוטער, נו, דאָס מיט׳ן גרעס־טען פערגנינגען. אָבער ניט מעהר ווי דאָס. נעהמט ניט פאַר אומ־גוט, קינדער, און שיקט מיך אויף יום טוב צוריק צו יענקלען. אָבער זעהט איך זאָל ניט פערשפעטיגען.

מיסטער סאָלאָמאָן וואסערפויגעל איז צוגעגאַנגען צום טעלע־פאָן און בעשטעלט אַן אָטאָמאָביל. די אַלטע פּאָאר פּאָלק האָבען געהאַט די ערשטע רייזע אויף זייער לעבען אין אַן אָטאָמאָביל. מיסטער וואסערפויגעל איז מיט זיי מיטגעפאָהרען.

אַז דער אָטאָמאָביל איז אריינגעפאָהרען אין אידישען קוואר־טאל, און דער אַלטער האָט דערזעהן אמת אידישע פנים׳ער, אי־דישע געשעפטען מיט אידישען שילדען, און אַז זיין אויער האָט פערנומען דעם קלאַנג מיט דעם עכט אידישען לשון, האָט ער אָנגע־הויבען פרייער צו אָטהעמען און זיינע אויגען האָבען אָנגעהויבען צו לייכטען, אַזוי ווי די אויגען פון איינעם וואָס האָט זיך ערשט בע־פרייט פון תפיסה.

ווען דער אָטאָמאָביל האָט זיך אָבגעשטעלט נעבען א טענע־מענט־הויז אין מערסאָן סטריט, האָבען זיך באלד אָנגעקליבען א גרויסע צאָהל קינדער פון דער גאַס און בעוואונדערט די פּאַסאַזשי־רען וואָס האָבען זעהר וועניג הארמאָנירט מיט דעם גרויסען וואָגען וואָס לויפט אָהן פערד. די קינדער זיינען געווען אָבגעוואשען, פערקעמט און אין ריינע העמדלעך. אין דער לופט האָט זיך גע־טראָגען א ריח פון געקאָכטע פיש, פון פרישע געבעקס, פון צימרינג און אַנדערע געווירצען. עס האָט געשמעקט מיט יום טוב.

„אייל זיך אונטער א ביסעל, מיין זוהן", האט דער אלטער גע־זאגט. „איך וויל ניט, אז דו זאלסט צוליעב מיר דארפען פאהרען! אום יום טוב. מיר וועלען שוין אליין ארויפגעהן אין יענקעל'ס וואוינונג. פאהר געזונד, מיין זוהן, און האב קיין פאראיבעל ניט. נאך יום טוב, אם ירצה השם, וועלען מיר צו דיר קומען אויף טהעע."

„פאהר געזונד, א גוטען יום טוב דיר, דיין ווייב און דיינע קינ־דער!" האט די אלטע נאכגעזאגט, וועהרענד דער אטאמאביל האט זיך אנגעהויבען ריהרען און ברומען: „האנק! האנק!"

אַ שבועות׳דיגער „על חטא"

די גאָלדענע מאָרגען־זון איז אַקאָרשט־וואָס אַרויס פון איהר הימלישען שלאָף־צימער און האָט בעגריסט די נאַך שלאָפענדע בראַנזווייל מיט טויזענד חנ׳ען. און די נאַך אין טיעפען שלאָף איינגעזונקענע בראַנזוויליאַנער האָבען געטרוימט זייערע חלומות, די ווענען פערלאָרענע גליקען אין לאַנד און הייזער, און די ווענען סטרייקס, ביזי און סלעק. נעהנטער און נעהנטער האָט זיך די גאָלדענע זון צוגערוקט. עס איז איהר געוואָרען אומעדיג דאָרט אין עק מזרח, און זי האָט געזוכט די מענשליכע געזעלשאַפט.

אַ מילך־מאַן האָט זיך בעוויזען מיט זיין וואָגען. ער האָט זיך אָבגעשטעלט נעבען אַ וואסער־פּאַנטאַן און גענומען בעוואַסערען זיינע מילך. די זון האָט געקוקט און געשוויגען. די זעלבע זון, וואָס האָט געשיינט ביים באַרג סיני, ווען, צווישען דונערען און בליצען, האָט כביכול שטרענגט פערזאָגט „לא תגנוב". דער מילך־מאַן איז פערשוואונדען און אין גאַס האָט זיך בעוויזען אַ קעררידזש. דער קעררידזש האָט זיך אָבגעשטעלט נעבען אַ הויז און פון דאָרט איז אַרויסגעשטיגען אַ יונג פּאָר פּאָלק. דער יונגער מאַן אין אַ שוואַרצען ראָק און אַ צילינדער מיט אַ בלום אין זיין לאַץ, און די ווייבעל אין אַ ווייסע חופּה־קלייד מיט אַ גרויסען שלייער איבער׳ן קאָפּ און אַ בוקעט אין איהר האַנד.

דער קעררידזש האָט זיך פערקירעוועט און איז אַוועק. די יונגע פּאָאר פּאָלק זיינען אריין אין קאָרידאָר און דאָרט זיינען זיי אַרויף אויבען, קלעטערענדיג דריי שטיגען זיי זייער וואָוינונג.

„יעצט, מיין טייבעלע", האָט געזאָגט דער יונגער מאַן, „יעצט לאָמיר זיך איינע די אנדערע אָפּגעבען אַ מזל טוב. מיר האָבען חתונה געהאַט און מיר זיינען שוין מאַן און ווייב."

„פּאַוואָליע", האָט זי געזאָגט, „קוועטש מיך נים. דו פערגעסט, אַז די חופּה־קלייד איז נים מיינע. צוועלף אוהר וועט מען קומען פון סטאָר דאָס אָבנעהמען צוריק."

„גוט וואָס דו האָסט מיך דערמאָנט", האָט ער געזאָגט. „מען

דאַרף שנעלער אראָבנעהמען פון זיך דעם שוואַרצען פראַק. דער מאַן, ביי וועמען איך האָב דאָס גענומען, איז זעהר פּריטיקלע. ער צווינגט צו בעצאָהלען פאַר דעם קלענסטען שאָדען.“

„דזשייק!“ האָט זי געזאָגט נאָך אַ קורצען שטילשווייגען, „דו ווייסט? דאָס מעבעל געפעהלט מיר זעהר. וואָס קאָסט דאָס גאַנצע מעבעל?“

„הונדערט מיט פופציג דאָלער אַלעס צוזאַמען“, האָט ער גע־ענטפערט. פינף און צוואַנציג דאָלער האָב איך בעצאָהלט באַאַרעס געלד און דריי דאָלער אַ וואָך וועלען מיר אויסצאָהלען. זאָרג זיך ניט, סערע, מיר וועלען אויסצאָהלען.“

„יאָ“, האָט זי געזאָגט אַ ביסעל פערטראַכט, „מיר וועלען אויס־צאָהלען. ווייסטו וואָס מיר איז איינגעפאַלען? אויף וואָס דאַר־פען מיר האָבען פיער צימערען? דריי זיינען אונז גענוג. אפּשר וואָלטען מיר איינעם פערדונגען צו אַ באָרדער?“

„עס איז אַ גאַנץ גוטער פּלאַן“ האָט ער געזאָגט. „מיט’ן באָרדער וועט אונז זיין לייכטער אויסצוצאָהלען פאַר דאָס מעבעל.“

„שור“ האָט זי געזאָגט. „פערגעס ניט אַז מיר האָבען נאָך ניט געסעטעלט פאַר דער חתונה. מיר זיינען נאָך שולדיג פאַר ביע־און פאַר זעלצער.“

„ביי דיר וועט זיך אַ באָרדער האַלטען“ האָט ער געזאָגט זו־כענדיג זי אַ ביסעל צו טרייסטען „דו ביסט דאָך אַ טהייערע קע־בין. פאַר דיינע בלינצעס אליין קען מען דיך ליעב האָבען. איך אַליין האָב זיך דאָך אין דיר פערליעבט צוליעב דיינע בלינצעס. גע־דענקסט פאַר אַ יאָהרען שבועות ווען מיר זיינען צום ערשטען מאָל בעקאַנט געוואָרען אין דיין מאַמע’ס הויז? דו האָסט מיר דער־לאַנגט בלינצעס און איך האָב גלייך געטראַכט ווי גוט עס וואָלט גע־ווען אז שבועות זאָל זיך ציהען אַ גאַנצען יאָהר און דו זאָלסט מאַ־כען בלינצעס נור פאַר מיר אַליין. מיין סערעלע, אָה, מיין טהייערע סערעלע!“

דזשייק האָט גערעדט מיט בעגייסטערונג, מיט פייער, און ער האָט גאָר ניט בעמערקט, אַז אויף סערע’ס שטערען האָט זיך ווי אַ וואָלקען פערצויגען, אַזוי ווי די עראינערונג פון אַ שרעקליכען חלום.

„דזשייק", האָט זי געזאָגט און איהר שטימע האָט געציטערט, „איך וויל דיר עפּעס זאָגען, נור איך האָב מורא".

„מורא?" האָט ער איבערגעפּרעגט, איהר גלעטענדיג איבער די באַקען. „פאַר מיר האָסטו מורא, סערעלע? זאָג, סערע, זאָג מיר אַלעס וואָס ביי דיר איז אויפ'ן הארצען, האָב קיין מורא ניט. זאָל צווישען אונז קיין זאַך ניט זיין בעהאַלטען. לאָמיר איינע די אַנדערע זאָגען דאָס וואָס ביי אונז אין די הערצער. לאָמיר זיין פריי און אָפען איינער מיט'ן אַנדערען."

„אָבער איך האָב מורא, אז ווען איך וועל דיר אויסזאָגען, וועסטו מיך מעהר ניט ליעבען". סערע'ס אויגען האָבען געקוקט אָן א זייט. זיי האָבען זיך ניט געוואָלט בעגעגענען מיט זיין בליק.

דזשייק האָט א דרעה געטהאָן מיט זיינע פּלייצעס און האָט זיך גע'חידוש'ט.

זאָל דאָס זיין עפּעס וועגען איהר פערגאַנגענהייט? — האָט ער זיך געפּרעגט.

ער האָט א שוידער געטהאָן ביי דעם גדאַנק.

אין דעם אויגענבליק האָט די מאָרגען־זון אריינגעשיינט אין צימער, האָט דייטליך ארויסגעוויזען די בלאַסקייט פון סערע'ס גע־זיכט און די בלויע רינגען אונטער איהרע אויגען.

עס איז ביי איהם גאָר קיין ספק ניט געווען, אז זיין פערדאַכט האָט א גרונד. אָט איז זי פאַר איהם געשטאַנען א זינדיגע, א צו־בראָכענע און וויל זיך אויף אַלעס מודה זיין, אום צו קריגען פון איהם פערצייהונג.

א געפיהל פון מיטלייד האָט איהם אָנגענומען.

„זאָג שוין", האָט ער געזאָגט מיט א געמאַכטען קאַלטען טאָן. „זאָג, לאָז זיך שוין הערען".

„זאָגסטו מיר צו, אז דו וועסט מיר ליעבען אזוי ווי געוועזן?" האָט זי געפּרעגט.

דזשייק'ן האָט א שלאָג געטהאָן די בלוט אין קאָפּ. ער האָט געפיהלט א וועהטאָג אין די שלייפען.

ער האָט זיך דערמאָנט וואָס ער האָט א מאָל געלעזען א דיסקוסיאָן אין א צייטונג וועגען א פרוי וואָס האָט זיך מודה געווען פאַר איהר מאַן אויף א פערברעכען. דאַן איז ער אויך געווען איינ־

שטימינג מיט די לעזער וואָס האָבען געזאָגט אז דער מאן דאַרף מוחל זיין. און דאָ, אויב עס איז געווען אַ פערברעכען, איז עס דאָך בע־גאַנגען געוואָרען פאַר דער חתונה, דאַרף ער דאָך געוויס מוחל זיין.

דזשייק האָט געשוויגען. סערע האָט געעפענט אַ פענסטער און עס איז אריין אַ פרישער ווינטעל.

„זאָג שוין, סערע".

„ווערסט מיך ליעבען אזוי ווי פריהער?"

„יע־יעס".

„טאָ זעץ זיך אוועק נעבען מיר. אָט דאָ".

ער האָט זיך אוועקגעזעצט.

„נעהנטער. מיר זיינען דאָך מעהר ניט קיין פרעמדע — נאָך נעהנטער. אָט אזוי. יעצט וועל איך דערצעהלען. עס איז אַ לאַנגע מעשה."

דזשייק האָט אַ הוסט געטהאָן. ער איז געוואָרען אונגעדול־דיג. צו וואָס דאַרף זי מאכען די מעשה אזוי לאַנג? זאָל זי זאָ־גען דעם סוף. ער וויים שוין דעם אָנפאַנג. עס איז דאָך די אַלטע, אַלטע געשיכטע. זי האָט זיך בעקענט מיט אַ יונגען מאַן. ער איז געווען אַ שעהנער, אַ קלוגער און איז געווען צו איהר זעהר פריינד־ליך. זי האָט אין איהם געטרויט. זי האָט זיך גאָר ניט געקענט פאָרשטעלען, אז אזא מלאך ווי ער זאָל זיין פאלש. און עס האָט זיך אויסגעלאָזען אז ער איז אַ פערדאָרבענער. אָה, אָבער זי האָט עס ערפאַהרען צו שפעט. און אזוי ווייטער, און אזוי ווייטער.

אָך, ווען זי וואָלט בעסער פערשפאָרט די גאַנצע מעשה און איהם דערצעהלט בלויז ווענען דעם סוף!

„הער צו, דזשייק", האָט זי אָנגעפאַנגען, „איידער מיר האָבען זיך בעקאַנט איז ביי אונז איינגעשטאַנען אַ באָרדער" —

„איז ער געווען אשעהנער און אַ קלוגער", האָט אונטערגע־כאַפּט דזשייק, „און ער האָט געהאַט אַ גלאַטען צונג."

„דזשייק! וואָס איז מיט דיר? וואָס רעדסטו? האָסט דען דעם באָרדער געקענט?"

„ניין", האָט דזשייק געענטפערט, „איך האָב איהם ניט גע־קענט, נור איך שטעל זיך אזוי פאָר די מעשה."

„ער איז אָבער ניט געווען קיין שעהנער, נור אזוי אַ קלוגער, אַ

געבילדעטער. ער איז ביי אונז געווען א באָרדער ביז זיין פרוי איז אָנגעקומען פון רוסלאַנד.״

„אַט אזא לומפּ, וואָס האָט א ווייב, געהט עס טהאָן אזא זאַך!״

„איך האָב מורא, דזשייק, אז דו פערשטעהסט מיך ניט״.

„איך פערשטעה שוין, ער האָט דיר געזאָגט אז ער איז נאָך א בחור.״

„ניין, ער האָט דאָס מיר גאָר ניט געזאָגט. ער האָט גלייך ביים אריינציהען צו אונז געזאָגט, אז ער האָט א ווייב מיט דריי קינדער אין רוסלאַנד, און אז ער ערוואַרטעט זיי אויף שבועות. ווען ער האָט אריינגעצויגען צו אונז, איז דאָס געווען אַרום חנוכה״.

„דו האָסט געוואוסט, אז ער האָט א ווייב מיט דריי קינדער?״ דזשייק האָט זיך אָבגערוקט און זיך אוועקגעזעצט אויף א שטוהל.

„איך האָב מורא, דזשייק, אז דו הויבסט גאָר ניט אָן צו פערשטעהן״, האָט סערע געזאָגט, שוין ברוגז׳לעך. „איך בעט דיך, שלאָג מיר ניט איבער די רייד. לאָמיך דערצעהלען די מעשה״.

„מאַך עס בקיצור״, האָט ער געזאָגט. „איך האָב פיינד לאַנגע מעשיות.״

„אי, שלעכט!״ האָט סערע אויסגערופען, „ביזט דאָך גאָר א כעסן!״

„נו, נו, איך בין ניט אין כעס. דערצעהל זשע ווייטער.״

„בקיצור, דער באָרדער איז געווען צו מיר זעהר פריינדליך. און ער פלעגט מיך אָפט מוסר׳ן פאַר וואָס איך לערן זיך ניט קאָכען. ער פלעגט זאָגען, אז קיין מאַן קען ניט ליעבען א פרוי, וואָס קען ניט געבען זאַט צו עסען און אז מענערשע ליעבע געווינט מען דורכ׳ן מאָגען, ניט דורכ׳ן הארצען. א וואָך פאַר שבועות איז זיין ווייב אָנגעקומען מיט די קינדער. און אום צו ציינען, וואָס פאַר א בריה זיין ווייב איז, האָט ער אונז צוגעשיקט א טעלער בלינצעס, וואָס זי האָט געמאַכט אויף שבועות.

„וואָס געהט עס מיך אָן?״ האָט דזשייק געפרעגט. „דערצעהל דעם עיקר״.

„דער עיקר איז״, האָט סערע געזאָגט, אראָבלאָזענדיג דעם קאָפּ, „דער עיקר איז, אז מיט יענע בלינצעס, וואָס דעם באָרדער׳ס ווייבעל האָט אונז געשיקט, האָט מען דיך מכבד געווען און מיין

מאמע האָט דיך אָבגענארט און דיר געזאָגט, אז די בלינצעס האָב איך געמאַכט".

דזשייק האָט געשוויגען. ער איז געזעסען ווי צומישט, ניט וויסענדיג אויב דאָס איז שוין די גאַנצע מעשה, אָדער עס איז בלויז אַן הקדמה צום עיקר.

„און ווייטער?" האָט ער געפרעגט.

„און ווייטער איז געווען אזוי", האָט זי געענטפערט. „יעדען מאָל, ווען דו פלעגסט קומען, פלעגט שוין מיין מאמע פריהער אָנ־גרייטען בלינצעס, וואָס אונזער באָרדער'ס ווייבעל פלעגט מאַכען".

„און ווייטער? דערציילע שוין אלעס".

„דאָס איז אלעס, נאַרעלע", האָט זי געזאָגט. „ביזט מיר מוחל וואָס איך האָב דיר אָבגענאַרט? וועסטו מיר ליעבען אזוי ווי פריהער, כאָטש איך קען אפילו אביסעל באָרשט ניט אָבקאָכען?"

„פו! פו! פו!" האָט דזשייק דריי מאָל אויסגעשפּיגען. „סערע, האָסט מיך איבערגעשראָקען, אויף טויט איבערגעשראָקען! איך האָב געמיינט מי־יודע־וואָס! מיין טהייערע, מיין זיסע, בע־צוקערטע שבועות־בלינצע! ענטשולדיג מיר! זיי מיר מוחל פאַר מיינע נארישע געדאַנקען, וואָס איך האָב געהאַט וועגען דיר. מיין טהייערע, מיין גאָלד, מיין מלאך!" און דזשייק איז איהר געפאַלען צו די פיס און געקומען קושען איהרע הענד.

„מוחל, מוחל, מיין טהייערער!" האָט סערעה געענטפערט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און נאָכדעם זיינען ארונטערגעצויגען געוואָרען די גארדינען און עס האָט געהערשט א הייליגע שטילקייט.

ימים נוראים בילדער

1.

אן אָרימאַן'ס נחת.

שבת שובה איז דאָס געווען. אין שוהל האָט מען שוין גע־האַלטען ביי לייענען די תורה. דער אַלטער זלמן אָרשאַנסקי איז געזעסען אויף זיין אָרט, אין אַ ווינקעל פון דער שוהל, און האָט זיך צוגעהערט מיט צוגעמאַכטע אויגען. ביים לייענען האָט דער אַלטער אימער ליעב געהאַט צו האַלטען די אויגען פערמאַכט, זיך צוהערען און טראַכטען. ער פלעגט זיך אין דער מחשבה פאָר־שטעלען, אַז ער איז נאָך אַ בעל־הבית אין דער היים, און ער זיצט אויבען אָן, אין מזרח, אויף זיין אייגענעם שטאָרט, און אָט־אָט וועט מען איהם אויפרופען צו שלישי.

צו שלישי רופט מען אויף, נאַטירליך, אַן אַנדערען. דאַן עפענט ער אויף די אויגען, גיט אַ קוק אויף דעם אויפגערופענעם, זאָגט זיך אַזוי ווי פון שלאָף „מאָטקע דער גנב“, און מאַכט ווידער צו די אויגען.

דאַן רעדט ער זיך ווידער איין אין דער מחשבה, אַז ער זיצט נאָך אַלץ אין זיין שטעדטעל, אין דער אַלטער שוהל, אויף זיין איי־גענעם שטאָרט אין מזרח, און אָט באַלד וועט מען איהם אויפרופען צו שישי. אָבער צו שישי רופט מען אויף אַן אַנדערען. ער עפענט ווידער די אויגען, גיט אַ קוק אויף דעם אויפגערופענעם און זאָגט זיך מיט אַ פערשלאָפענער שטימע: „חיים'קע דער בעדער, דער זעלבער בעדער“, און ער מאַכט צו ווידער די אויגען.

מיט צוגעמאַכטע אויגען חלום'ט ער זיך ווידער דאָס זעלבע. ער איז נאָך אַלץ ר' זלמן, דער שעהנער בעל הבית, וואָס זיצט אין מזרח־וואַנד, עס לייענט נאָך אַלץ דער זעלבער אַלטער הייי־מישער חזן, און אָט באַלד וועט מען איהם אויפרופען צו מפטיר.

נור צו מפטיר רופט מען אויף אַן אַנדערען. „אוי, בערע?

ממזר!" זיפצט אוים דער אלטער ר' זלמן ווען ער עפענט די אויגען און ער זעהט דעם אויפגערופענעם.

און ווייטער האלט ער שוין די אויגען אפען, קוקט זשערנע אויפ'ן פרעזידענט, אויפ'ן שמש, טאמער וועלען זיי זיך מרחם זיין און איהם צוּוואַרפען עפעס א כיבוד, כאטש א הגבה, א גלילה. אבער אלע כיבודים זיינען שוין פערטהיילט צו רייכערע, וועלכע קענען שנדר'ן מעהר פאר איהם.

נאכ'ן דאווענען געהט ער זיך פאוואליע אהיים, ערגעץ אויף א בוידים, אין דריי צימערלעך צום הויף. דארט ווארט שוין אויף איהם זיין אלטעטשקע.

„גוט שבת, שרה", זאגט ער אריינקומענדיג אין הויז.

„גוט שבת, זלמן", ענטפערט זי און רוקט צו די פלעשעל מיט קידוש בעכער נאהענט צו איהם.

דער אלטער מאכט קידוש. נאכדעם זעצט מען זיך עסען. ביי די זמירות זאגט זי אונטער א ביסעל.

נאכ'ן עסען נעהמט דער אלטער א חומש, מישט אויף די הפטורה און זינגט עס מיט די טראפ, דרעהענדיג די זקף גדול'ס זעהר פארזיכטיג, בעטאנענדיג די דרגא תביר'ס און ארויסזינגענדיג די מרכא טפחא מונח אתנחתא מיט א בעזונדער זיסקייט.

און בעת מעשה טראכט ער זיך: מפטיר זאגען האט מיר געפאסט בעסער איידער בערל ממזר. איך זאג מיט די ריכטיגע טראפ און מיט עברי און די ברכות קען איך זינגען שעהנער ווי יעדער איינער אין שוהל.

ער נעהמט זינגען די ברכות מיט הארץ און אז עס קומט צו „רחם על ציון", לויפען איהם אן טרעהרען אין די אוגיען. ער קוקט ארויין אין פענסטער, צו בעהאלטען זיינע טרעהרען און זעהט ניט אז די אויגען פון דער אלטער שרה זיינען אויך פול און גיסען זיך אריבער.

2

תשליך אין סענטראל פארק.

דער טייך אין סענטראל פארק, ביי זיין מזרח זייט, איז דער פאפולערסטער פלאץ פאר תשליך. מען טראגט אהין די עבירות

פון דעם גאנצען קווארטאל, וועלכער איז בעקאנט אלס „הארלעם״ - בערעכענענדיג די גרויס (פון הארלעם, ניט פון די עבירות) מוז מען זיך וואונדערען ווי אזוי אזא קליינער און ניט טיעפער טייכעל זאל קענען אין זיך אריינגעהמען אזוי פיעל חטאים.

דאמען פעהלען דא אויך ניט צו תשליך. זיי קומען געקליידעט אין דער לעצטער מאָדע און די יונגע דאמען זיינען איבערהויפט פריטיקלע צו האבען צוגעגרייט פאר דער געלעגענהייט שעהנע זיידענע זאקען. דען צו תשליך קומען אויך א סך יונגעלייט, מעדיסאן עוועניו ספּארטס, לענאָקס עוועניו זיידענע יונגעלייטלעך, און זייער הויפּט־צוועק איז צו כאפּען א בליק אויף די דאמען בעת זיי גיבען א טרייסעל די שלעפּע פון זייער קלייד אוּם אָבצושליידערען די עבירות. זאָקען זיינען זעהר א וויכטיגע ציערונג און עס זיינען אין דעם דא אויך פערשיעדענע מאָדעס.

און עס דאכט זיך אז די ווייבער געהען אוועק מיט מעהר עבירות אלס זיי האבען געהאט, ווען זיי זיינען געקומען.

פלוצלונג דערהערט זיך א שטארקער געלעכטער צווישען די חברה. א קליינע אלטע באָבינקע, שוין אין די זיעבציגער, האט א טרייסעל געטהאן איהר אטלעסענע קלייד און עס האבען זיך בעוויזען לייב־קאָלירטע זאָקען, אזעלכע ווי אקטריסעס טראגען ווען זיי שפּיעלען אין טהעאטער.

„מוהמינקע, ווי קומען צו אייך אזעלכע זאָקען״, האט געפרעגט א איננערע פרוי, וואס האט עס בעמערקט.

„מיין זוהן פעדעלט מיט זאָקען״, האט די אלטע געענטפערט, „האט ער עס בעקומען אומזיסט אלס סעמפּעלס, האט ער עס מיר אוועקגעשענקט״.

.3

די שבועה.

עס איז געוועזען מאָנטאג. אין איינעם פון די נויארקער שוהלען האט מען געהאלטען ביים ארויסנעהמען די ספר־תורה. דער עולם איז געוועזען אין א צוטראָגענער שטימונג. מאנכע האבען געטראכט וועגען דעם יום הדין און מאנכע וועגען די געשעפטען

וואָס מען דאַרף דעם טאָג בעזאָרגען. פּלוצלונג איז אַריינגעלאָפען אַ ווילד־פּרעמדער מאַן מיט אַ ווילדען אויסזעהן. זיין פּנים איז געווען רויט, אַזוי ווי אָנגעברענט פון אַן אויוון. זיינע קליידער זיינען געווען צוריסען און פול מיט שטויב און בלאָטע.

דער עולם האָט זיך איבערגעקוקט איינער מיט'ן אַנדערען. אודאי אַ משוגענער, האָבען זיי זיך געטראַכט. דער שמש איז אָבער געווען אַן ערפאַהרענער מענש אין זיין פּראָפעסיאָן און ער האָט אין דעם מאַן דערשפּירט איינעם פון יענע חברה־לייט, וואָס אַז זיי האָבען יאָהר־צייט, כאַפּען זיי זיך אַריין אין אַ שוהל גראָדע צו קדיש, זאָגען אָב דעם קדיש און לויפען אוועק, ניט בעצאָהלענדיג דעם פּערטעל דאָלער טאַקסע.

דער שמש איז צו איהם צוגעגאַנגען און געזאָגט: „הערט, מיסטער, איהר האָט יאָהרצייט, טאָ זייט אַזוי גוט און בעצאָהלט. אַנדערש וועט דאָס ניט געהן".

„לאָזט מיך", האָט דער ווילד־פּרעמדער מיט'ן ווילדען פּנים געזאָגט, זיך רייסענדיג צום אָרון קודש. „לאָזט מיך, לאָזט מיך! איך האָב קיין יאָהר־צייט ניט".

„טאָ וואָס ווילט איהר?" האָבען געפרעגט עטליכע אידען מיט אַ מאָל, צוקומענדיג נעהענטער צום שמש, איהם צו העלפען, אויב ער וועט דאַרפען האָבען הילפע.

„לאָזט מיך!" האָט דער ווילד־פּרעמדער אַ געשריי געטהאָן, זיך אויסגעריסען פון דעם שמש, אַרויפגעלאָפען אויף די טרעפּ וואָס פיהרען צום אָרון קודש, און זיך שטעלענדיג ביים אָרון וועלכער איז נאָך געווען אָפען האָט ער אויסגערופען מיט אַ ציטריגער, אָבער הויכער שטימע:

„איך שווער ביי גאָט און ביי זיין תורה, אָט אַזוי ווי היינט איז עשרת ימי תשובה אויף דער וועלט, אַז פון היינט אָן און ווייטער וועל איך ניט נעהמען אין מויל קיין שנאַפּס, קיין וויין, קיין ביער און קיין משקה וואָס מאַכט שיכור. דאָס איז מיין נדר. אידען, זייט עדות!"

און ווי ער האָט געענדיגט, האָט ער אויסגעבראָכען אין אַ יאָמערליכען געוויין. דער עולם איז געשטאַנען מיט אָפענע מיילער און יעדערען'ס אויגען זיינען געוואָרען פייכט ווען זיי האָבען

זיך בערענקט, אז דאָ שפּיעלט זיך אָב פּאַר זיי אַ גרויסע טראַ־געדיע פון אַ מענשען וועלכער איז ביי'ם טייוועל אין די הענד און קען זיך ניט אויסרייסען. דאַן איז דער שמש צוגעגאַנגען צום ווילד־פרעמדען, איהם אָנגענומען פּאַוואָליע פאַר'ן האַנד, איהם גע־גלעט איבער'ן פּלייצע און געזאָגט: „ווייננט נישט, ווייננט נישט, מיסטער, גאָט איז אַ גוטער, גאָט וועט העלפען און ער וועט שטאַר־קען אייער הארץ איהר זאָלט קענען האַלטען אייער נדר“.

.4

ביידע האָבען פערלאָרען.

אַן עלטערע פרוי איז צוגעגאַנגען צו אַ שטופּ־וועגעלע, וועל־כער איז געווען אָנגעלאָדען מיט סידורים, מחזורים, חומשים, און אויך, להבדיל, מעשה־ביכלעך, קליינע און גרויסע, געבונדענע און ניט געבונדענע.

„האָט איהר אַ קרבן מנחה?“ האָט די אידענע געפרעגט.

„איך האָב אַ קרבן מנחה ערשטע קלאַס“, האָט געענטפערט דער פּעדלער, דערלאַנגענדיג איהר אַ דיקען סדור. „דאָס איז מיט עברי טייטש, מיט אַלע תחנות, מיט מעין טהור, מיט אַלע דינים, און מיט תהלים — 75 סענט. ס'איז אַ מציאה, זאָל איך אַזוי האָ־בען אַ גוט יאָהר.“

„צו טהייער“.

„נו, מיסעס, צוליעב אייך 65 סענט. בילינער קען איך ניט. זאָל איך אַזוי האָבען אַ גוט יאָהר, איך מאַך ביי דעם כמעט נאַר־נישט.“

דערווייל זיינען אָנגעקומען נאָך צוויי סוחרים אויף אַ מאָל. איינער, אַ יונגער מאַן, גלאַט ראַזירט, האָט גענומען אויסקלייבען אַ מחזור. דער אַנדערער, אויך אַ יונגער מאַן, נור מיט אַ בערדיל, האָט אָנגעהויבען צו בלעטערען אַ דיקען בוך מיט די ווערטער „י. ל. פּרץ'עס שריפטען“ אויפ'ן טאָוועל. דער פּעדלער איז געוואָרען אַ ביסעל תקיף און די פרוי וואָס האָט געוואָלט דעם קרבן מנחה, האָט שוין געהאַלטען אין נאָכגעבען.

„זעכציג סענט וועט איהר נעהמען?" האָט זי געפרעגט.

„אַללראיט!" האָט געזאָגט דער פעדלער.

„וואָס קאָסט עס?" האָט געפרעגט דער יונגער מאַן וואָס האָט געבלעטערט „י. ל. פּרץ'עס שריפטען".

„אַ דאָלער", האָט געענטפערט דער פעדלער.

דער יונגער מאַן האָט זיך ניט געדונגען. ער האָט דערלאַנגט דעם פּעדלער אַ דאָלאַר, און געהייסען דעם בוך איינפּאַקען.

„פּאַקט מיר אויך איין", האָט די פרוי געזאָגט, אויסצעהלענדיג זעכציג סענט.

דער פעדלער האָט ארויסגענומען אַ אידישע צייטונג און אַ שטריקעל, איינגעוויקעלט און ארומגעבונדען יעדען בוך בעזונדער, איין פּעקעל האָט ער דערלאַנגט צום יונגען מאַן און איינעם צו דער פרוי.

די פרוי איז אוועק צום ברוקלין בריק און גענומען אַ קאַר נאָך בראַנזוויל, וואו זי האָט געוואוינט.

דער יונגער מאַן איז אוועק צום גרענד סענטראַל דיפּאָ און גענומען אַ צוג נאָך ניו־ראָשעל, וואו ער האָט געוואוינט.

קומענדיג אַהיים האָט דער יונגער מאַן אויפגעשניטען דעם שטריקעל און געעפענט דעם פּעקעל.

„פינסטערע היפּאָקריטען!" האָט ער אויסגעשריען מיט כעס. „לומפּיגע צבוע'יאַקעס! ער האָט מיר אריינגעשפּארט אַ קרבן מנחה אַנשטאָט פּרץ'ס שריפטען! דאָס איז אַ נידערטרעכטיגער שווינדעל! אַזעלכע מענשען דארף מען אריינזעצען אין געפענגניס!"

ער האָט פון אָנפאנג געוואָלט גלייך פאָהרען נאָך ניו יאָרק, כאַפּען דעם פּעדלער און איהם ארעסטירען. ער האָט זיך אָבער בעדענקט, אז עס איז זעהר מעגליך, דאָס ער וועט דעם פּעדלער מעהר ניט געפינען אויף דעם זעלבען פּלאַץ, און די צייט מיט די רייזע־קאָסטען וועלען נאָך פערגרעסערען זיין פערלוסט. ער האָט שפּעטער געפונען אויפ'ן קרבן מנחה אַ בעלן וואָס האָט איהם בעצאָהלט אַ האַלבען דאָלער און ער האָט זיך אַ ביסעל געטרייסט.

ווען די בראַנזווילער אידענע איז געקומען אהיים, האָט זי די ערשטע זאַך פעררופען אַלע איהרע שכנות און זיי דערצעהלט:

„איך האָב ערשט געהאַנדעלט אַ מציאה. אַ קרבן מנחה מיט

תחינות, מיט מעין טהור אויף עברי טייטש, מיט תהלים אויף עברי טייטש, מיט אלע דינים, און טרעפט וואס דאס קאסט! איך זאג אייך, אז מען וויל א מציאה, מוז מען טאקי פאהרען נאך ניו יארק. בראנזוויל איז דאך ניט ניו יארק."

„לאזט אונז זעהן די מציאה", האט א שכנה געזאגט.

די פרוי האט געעפענט דעם פעקעל, און זי האט דערזעהן דעם גרויסען באנד, האט זי א פאטש געטהאן מיט די הענד און אויסגערופען:

„גוואלד, רויבער גנבים! ער האט דאך מיר בעשווינדעלט! איך האב בעצאהלט פאר א קרבן מנחה און ער האט מיר אריינגעשפארט אט א דאס! וואס איז דאס? עס איז עפעס גאר — איך וויים אליין ניט וואס."

די ווייבער האבען זיך איינגעבויגען איבער דעם בוך, האבען געבלעטערט אהין, אהער, זיך געזאגט פערשיעדענע מיינונגען.

„עס איז א מעשה, און דאך ניט קי‍ין מעשה".

„עס איז א בריעפענשטעלער און דאך ניט קיין בריעפענשטעלער."

„עס איז א ספר וועגען גוטע אידען, נאט זעהט אט שטעהט „חסידיש" — וואס דארפט איהר בעסער?"

די ווייבער האבען זיך ניט געקענט אי ניגען מיט זייערע מיינונגען, און דער סוף איז געווען אז א מלמד וואס וואוינט אויף דער אנדער זייט גאס האט עס אבגעקויפט פאר 20 סענט.

און דער פעדלער וויים נאך עד היום ניט וואס פאר א טעות ער האט געמאכט.

5.

אויף דער פאסט.

א האלבע שטונדע איז ער געשטאנען אין דער רייהע צווישען די מענשען וואס האבען זיך געשפארט אין פאסט אפיס אבצושיקען זייער „לשנה טובה" קארטען נאך דער אלטער היים. מיט אונגעדולדינע אויגען האט ער געקוקט צו יענעם פענסטערל וואו עס איז געזעסען א בעאמטער און האט אבגעוואויגען יעדען פעקעל און גע־

זאָגט וויפיעל עס ראַרף קאָסטען אָבשיקען. מיט גרויס קנאה האָט ער געקוקט אויף יעדען איינעם וואָס האָט אָבגע׳פּטר׳ט זיין עסק, זיין פּעקעל, און קען זיך געהן אהיים.

און דאָ האָט ער שוין קוים דערלעבט אליין צו שטעהן ביי יע־נעם פענסטעריל מיט די גראַטעס, און דער בעאַמטער נעהמט שוין ביי איהם זיין פּאַפּירענע קעסטעלע, אין וועלכע עס ליגט אַ פּאַקסי־מיליע פון אַ תורה׳לע מיט מלאכים מיט בלומען.

„עני ראיטינג ?" (עפּעס דאָ אין דעם געשריבענע ?) האָט גע־פרעגט דער בעאַמטער.

„בלויז אַ פּאָאר שורות", האָט דער איד געענטפערט אין גע־בראָכענע ענגליש.

דער בעאַמטער האָט צוגעוואוינען דאָס שאַכטעל און געזאָגט:
„זעקס און זיבציג סענט."

דער איד האָט איהם אָנגעקוקט אזוי ווי ער וואָלט זאָגען:
„רשע! גזלן!"

„בלויז אַ פּאָאר שורות", האָט דער איד שוין גענומען האַקען אין אידיש. „מיין זוהן האָט זיך פערוואָלט אָנשרייבען אויף דעם אַ שיר, אַ גראַם, עס איז נאָר נישט געגען דער רעגיערונג. עס איז סתם אַ נאַרעשקייט."

„סעווענטי סיקס .ענטס!" האָט אויסגערופען דער בעאַמטער זיך האַלטענדיג ביי דאָ, זייניגע.

דער איד האָט ביי זיך געהאַט בלויז 45 סענט.

„נעקסט!" האָט דער בעאַמטער אויסגערופען, און דער איד איז אַוועק אהיים שאַפען דאָס איבריגע געלד.

„מעהר קיין שירים וועט ער ביי מיר ניט שרייבען, דער משוגע־נער!" האָט מען איהם געהערט זאָגען צו זיך ווען ער איז ארויס פון פּאָסט־אָפיס.

דער „בעל תשובה"

אין דער היים איז בענטשע כאַפּטים געווען אַ שטיקעל אַפּיקורס. און זיינע אַפּיקורסישע שטיקלעך פּלעגט ער אויפוויזען דוקא מן התורה. ער פּלעגט בעווייזען, אַז דוקא על פּי דין תורה מעג מען עסען מילכיגס נאָך פליישיגס, און מען דאַרף ניט לעגען תפילין יעדען טאָג, און מען דאַרף אפילו ניט דאַוונען. אין שטעדטעל פּלעגט מען אויף איהם זאָגען, אַז דער גאַנצער אונגליק מיט איהם איז וואָס ער קען שוין צופיעל לערנען, און ווייס מעהר ווי אַ איד מיט אַ געוועהנליכען קאָפּ קען פערנעהעמן, אָט דאַרום האָט זיך זיין קאָפּ צומישט און ער איז געוואָרען אַ חקרן און אַן אַפּיקורס.

און זייענדיג אַן אַפּיקורס אין טעאָריע האָט בענטשע כאַפּטים גענומען טרייבען זיין אַפּיקורסות אויך אין פּראַקטישען לעבען. ער האָט אָנגעהויבען צו עסען אָהן אַ היטעל, האָט אויפגעהערט צו טראָגען אַן ארבע כנפות, צייגענדיג אַז עס איז ניטאָ קיין ריכטיגער אסור אויף צו געהן אָהן אַ היטעל און דאָס קיינער איז על פּי דין פערפּפליכטעט צו טראָגען אַן ארבע כנפות. נאָכדעם האָט ער אָנגע־הויבען צו רויכערען אום שבת, אָבער דאָס האָט ער שוין געמוזט טהאָן בשתיקה, זאָנסט וואָלט ער ניט זיכער געווען מיט זיינע ביינער. ער האָט אויך איינמאָל פערזוכט אַ שטיק חזיר־ וואורשט, אָבער נאָכדעם ווי ער האָט אין די וואורשט געפונען אַ וואָרעם האָט ער עס מעהר ניט געוואָלט פערזוכען. איינמאָל תשעה באב האָט ער זיך אָנגעגעסען מיט שווארצע יאַגדעס און איז ארומגע־גאַנגען איבער'ן שטעדטעל און געצייגט אַלעמען די פערשוואַרצטע צונג. אָט דערפאַר האָט ער שוין געכאַפּט פּעטש.

אזוי האָט ער געלעבט אין זיין שטעדטעל אַלס חקרן, אַפּיקורס און מאַרטירער, ביז מאַטעריעלע אומשטענדען האָבען איהם גע־צוואונגען צו פאָהרען נאָך אַמעריקאַ. ליכטיג און גלענצענד זיינען געווען די בילדער וואָס ער האָט זיך פאָרגעשטעלט וועגען די נייע

וועלט. דאָרט וועט ער ערשט קענען זיין אַן אפיקורס, אָפּען, פריי, און ניט מורא האָבען פאַר פּעטש אָדער פאַר אַן אַנדער שטראָף. אַמעריקאַ איז אַ פרייע לאַנד. דאָרט קען מען ריידען וואָס מען וויל, דאָרט קען מען טהאָן וואָס מען וויל און די „פינסטערע פאַנאַטיקער" האָבען דאָרט קיין שליטה ניט. דאָרט וועט ער ערשט האָבען די ריכטיגע געלעגענהייט צו צייגען וואָס פאַר אַן אפיקורס ער איז!

פערפאָהרען איז ער צו זיינעם אַ קאָזין, אַ דזשולערי אַרבייטער. יענער האָט איהם פיין אויפגענומען און האָט פאַר איהם גלייך געגרייט אַ מאָהלצייט. נאָכ'ן עסען האָט בענטשע כאַפּטים אויסגעשאָסען די באָמבע: „זאָלסט וויסען זיין", האָט ער געזאָגט צו זיין קאָזין, „אַז איך בענטש ניט נאָכ'ן עסען."

„און ווער בענטשט יאָ?" האָט דער קאָזין געענטפערט. „ווער האָט עס צייט אויף דעם? אין אַמעריקאַ איז גענוג, אַז מען קריגט צייט אויף אָבצועסען."

אויף מאָרגען, אין דער פריה, אַז בענטשע איז אַרויסגעגאַנגען אין גאַס, האָט ער בעגעגענט אַ יונגען מאַן מיט אַ טלית־זעקעל אונטער'ן אָרעם.

„איהר הערט, ר' איד", האָט ער געזאָגט צום יונגען מאַן מיט'ן טלית־זעקעל, „איך האַלט ניט פון דאַווענען. איך האָב שוין 15 יאָהר ניט געדאַווענט."

„איך האַלט אויך ניט פון דאַווענען", האָט געזאָגט דער יונגער מאַן מיט'ן טלית־זעקעל. „אָבער די ביטערע פּרנסה צווינגט מיך צו דעם. איך זאָג קדיש און היט אָב יאָהרצייטען פון אַזעלכע, וועלכע קענען ניט אָדער ווילען ניט אַליין אָבהיטען קדיש זאָגען נאָך זייערע עלטערען. איהר האָט מיר ניט וואָס מקנא צו זיין."

די תשובה פון יונגען מאַן מיט'ן טלית־זעקעל האָט בענטשע כאַפּטים'ען פּשוט פערכאַפּט דעם אָטהעם. ער האָט די געשיכטע דערצעהלט זיין קאָזין, צו וועלכען ער איז פערפאָהרען.

„וואָס וואונדערסטו זיך?" האָט דער קאָזין געזאָגט. „דו מיינסט אַז דו ביזט אַ גאַנצער העלד וואָס דו געהסט אַרום און דו

רייצסט זיך מיט די אידען ? ביי אונז אין אמעריקא לאכט מען זיך אויס פון אזעלכע העלדען. דא אין אמעריקא איז פאראן א ווערטעל: „מיינד יור און ביזנעס“. זיך קענסטו טהאן וואס דו ווילסט, מען וועט דיר שווייגען, באט אז דו ווילסט יענעם עפעס טהאן, דאן איז שוין אנדערש, דאן שלעפט מען דיך אין קאורט.“

און דאך, שבת, אז בענטשע כאפטים האט דורכגעהענדיג א קליינעם פארק בעמערקט א אידען זיצען אויף א ביינקעל, אנגע־טהאן אין א שבת'דיגער קאפאטע און געניסענדיג דעם הייליגען רוהע־טאג, האט ער זיך אוועקגעזעצט נעבען דעם אידען, ארויסגע־נומען א סיגארעטעל און גענומען רויכערען יענעם אין פנים אריין. דא איז ער אבער ווידער ענטטוישט געווארען. דער איד איז פון דעם ביינקעל ניט אנטלאפען. דער איד איז גאר ניט אין כעס געווא־רען. ער האט גאנץ רוהיג בעטראכט ווי בענטשע כאפטים האט גערויכערט, נאכדעם האט ער זיך געווענדעט צו איהם מיט דיעזע ווערטער:

„אפשר האט איהר אן איבעריגען סיגארעטעל, מיסטער ?“

א פאאר טעג שפעטער האט ער פרובירט א נייע זאך. ער האט אבגעגעסען א מיטאג אין א טרפה'ן רעסטאראן, נאכדעם האט ער זיך אוועקגעשטעלט אין דרויסען מיט א טוט־פיק אין מויל, כדי די פערביינגעהער זאלען זיך אנשטויסען, אז ער האט אין דעם רעס־טאראן ערשט גענעסען. עס איז פערבייגעגאנגען א לאנדסמאן, וועלכער האט בענטשע'ן גוט געקאנט. „וואס טהוט איהר דא ?“ האט דער לאנדסמאן געפרעגט. „איך האב דא גענעסען מיטאג“, האט בענטשע געענטפערט. „פו !“ האט דער לאנדסמאן אויסגעשפיגען. „אט אין דעם עפוש'דיגען פלאץ האט איהר גענעסען ? גרינהארן, אז שוין עסען טרפה, קומט וועל איך אייך צייגען א בעסערען פלאץ. דארט איז שוין די טרפה א ביסעל ריינער און עס קומען אהין אריין אנשטענדיגע גוים. אט דא איז דאך א פלאץ פאר באמס, פאר באסיאקעס !“

אזוי רוהיג, ביזנעסמעסיג האט ער דאס געזאגט ! איהם ארט גאר ניט וואס בענטשע עסט טרפה, נור ווארום ער עסט ניט בעסערע טרפה.

*
* *

וואָרט! האָט זיך בענטשע כאַפּטים געטראַכט. עס וועלען באַלד קומען דער חודש אלול און די ימים נוראים, וועלען זיי זיך דער־שרעקען פאַר׳ן יום הדין, וועלען זיי תשובה טהאָן, ווערען פרום, איך וועל בלייבען ביי דאָס מיינינע און דאַן וועל איך זיי קענען צייגען וואָס אַן אפיקורס הייסט!

נאָך אין אָנפאַנג אלול האָט ער שוין גענומען זוכען א „פריי־טשעפּקע" צו צייגען, אַז ער איז א פריידענקער. די געלעגענהייט איז געקומען ווען ער האָט איינמאָל, מיטאָג־צייט, אין דעם שאָפּ, וואו ער האָט געאַרבייט, געלעזען אַן אַנאָנסע אין א ראַדיקאַלער צייטונג אַז דער רוסקאָ־יעווריעסקי־אַמעריקאַנרקי־אינטערנאַציאָ־נאַלני ראַדיקאַלני־פּראָגרעסיווני סאָיוז וועט יום כפור האָבען א פּיקניק אין מאָסקיטאָ פּאַרק, נודזשערזי. „איך נעה אהין!" האָט בענטשע כאַפּטים אויסגערופען צייגענדיג די אַרבייטער די אַנאָנסע אין דער צייטונג.

„אויך מיר א פלעזשור!" האָט זיך אָבגערופען אַן אַרבייטער מיט א שפּיצינגער בערדעל. „מען שינדט דאָרט די הויט אויף זייערע פּיקניקס. פינף סענט פאַר א סענדוויטש וואָס איז קוים אויף א ביסען. א מאָסקיטאָ קען דאָס אָוועקטראָגען. פינף סענט פאַר א גלאָז ביער, איז דאָרט מעהר ווי שוים ניטאָ. ווילענדיג ניט ווילענדיג מוז מען דאָרט פאַסטען. און אַז שוין פאַסטען, קען איך דאָך זיצען אין דער היים און פאַסטען."

„און ניט דאַרפען צאָהלען 50 סענט פאַר א טיקעט און נאָך קאַר־פעיר", האָט צוגעלעגט אַן אַנדער אַרבייטער. „עס איז א סקים אריינצוקעטשען די גרינע. ווילסט האָבען פלעזשור יום כפור און ניט זיין הונגעריג ווי א הונד, טאָ זיץ אין דער היים און עס כפרה הוהן געפּרעגעלט אין פוטער."

שלעכט! האָט זיך בענטשע געטראַכט. עס אַרט זיי גאָר ניט.

אריינקומענדיג צו זיינעם א קרוב, האָט ער געהערט ווי ער רעדט מיט זיין פרוי וועגען דעם אין וועלכער שול זיי זאָלען דאַווענען

„איך געה ניט אין שוהל“, האָט אַ זאָג געטהאָן בענטשע כאַפּ־טים. „איך גלויב ניט אין דעם.“

„ווען מען אַרט עס?“ האָט דער קרוב געזאָגט. „מיינסט איך געה אין שוהל אוים פּרומקייט? נישט מעהר, איך וויל צופריערען שטעלען מיין ווייב'ס משפחה.“

ערב ראש השנה איז בענטשע כאַפּטים אַרומגעגאַנגען ווי אַ ווילדער. די אַרבייט האָט זיין באָס געסטאָפּט גראָדע אום מיטאָג־צייט. בענטשע איז אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסען פון אידישען קוואַרטאַל און האָט ניט געוואוסט וואָס פאַנגט ער אָן צו טהאָן אום צו ציינגען אַז ער איז אַ פרייידענקער, אַן אפיקורס פון דער היים, נישט פריש געבאַקען אין אַמעריקאַ. וואָס זאָל ער טהאָן? ער האָט געמיינט, אַז אין אַ פרייע לאַנד וועט ער האָבען אַ געלעגענהייט צו ציינגען וואָס ער קען טהאָן, ערשט איז דאָ אַלעס אַזוי פריי אַז עס איז פשוט הפקר, עס קימערט קיינעם ניט וואָס דער אַנדערער טהוט, עס אַרט קיינעם ניט אויב יענער איז פרום, אָדער ניט פרום, אויב ער דאַווענט אַ גאַנץ יאָהר, אָדער אפילו אום יום כפור אויך ניט, — מיט איין וואָרט, עס איז הפקר פּעטרישקע!

און ווי ער טראַכט דיעזע ביטערע מחשבות, קומט ער אָן נעבען אַ טישעל וואָס איז געשטאַנען אין גאַס נעבען אַ שוהל. ביים טישעל זיינען געזעסען צוויי אידען, איינער אַ ראַזירטער, דער אַנדערער מיט אַ געלער אונטערגעשוירענער בערדעל. אין די הענד האָבען זיי געהאַלטען שוהל־טיקעטס.

„מיסטער!“ האָט איינער פון זיי איהם אָבגעשטעלט. „קויפט אַ טיקעט. דאָ וועט דאַווענען דער בעריהמטער חזן, דער קעניג פון אַלע חזנים, רעווערענד יעקעל קאַמערטאָן. איהר האָט נאָך אַזאַ חזן אין אייער לעבען ניט געהערט. עס איז אַ קאַנאַריקעל, אַ אידישער קאַרוזאָ. קויפט אַ טיקעט ביליג!“

„איך געה ניט אין שוהל“, האָט בענטשע כאַפּטים געענטפערט און זיך איינגעקוקט אויף דיביידע אידען צו זעהן וואָס פאַר אַ ווירקונג זיינע רייד האָבען געמאַכט אויף זיי.

„וואוהין רען געהט איהר?“ האָט איינער פון די צוויי אידען, דער ראַזירטער, געפרעגט בענטשען.

„איך געה היינט אוים מיט א שעהן מיידעל אין סענטראל פארק."

דער איד מיט דער בערדעל האט זיך אויפגעהויבען און האט בסוד אריינגעשושקעט בענטשע'ן אין אויער:

„סיי, לאנדסמאן, אויב זי איז א שעהנע, נעהמט מיר מיט".

בענטשע איז געבליבען אן אבגעשמיסענער. ער האט איינגעזעהן אז דער איד האט פערשטאנען אז ער וויל זיך מיט איהם רייצען, נור דער איד האט איהם ניט געוואלט „געבען א שאו".

בענטשע האט זיך אבגעקעהרט א ברוגז'ער. ער איז געווארען בייז אויף גאנץ אמעריקא. זיין כעס האט געוואקסען פון מינוט צו מינוט. ניט אויף די פרומע איז ער געווען אין כעס, נור אויף די טאלעראנטע, די פרייע אויף־מיר־אפיקורסים! ער האט אין דער היים געלערענט, געלעזען, זיך גע'חקרן'ט, געליטען פאר זיינע איבער־ציייגונגען, אויסגעשטאנען אלערליי פערפאלגונגען, און דא קומט יעדער פראסטאק וואס קען קוים איבערלעזען א אידישען ביכעל און ווערט שוין א פריידענקער. „לייזאקעס זיינען דאס, הפקר־יונגען!" — האט ער געזאגט צו זיך. „גראבע יונגען! זיי האבען גענומען א שעהנעם אידעאל און איהם בעשמוצט מיט זייערע אונריינע הענד. זיי האבען פערניכטעט מיין האפנונג, מיין אמביציע, מיין גאנצען איך. זאל איך פערבלייבען אן אפיקורס און שטעהן אויף איין שטופע מיט דיעזע גראבע יונגען? ניין, איך מוז פון זיי אנטלויפען, נאר מיט א נקמה, מיט אזא נקמה וואס זיי ועלען פיהלען אין דער זיבעטער ריפ!"

ער איז צוגעלאפען צו א פושקארט, אויף וועלכען עס זיינען געווען אנגעלייגט גאנצע בערג מיט מחזורים.

„וואס קאסט א מחזור?" האט ער געפרעגט.

„א האלבער דאלאר אט דער גאנצער סעט", האט דער פעדלער געענטפערט.

„איז דאס דער ריכטיגער ארטהאדאקסישער מחזור? מיט אלע פיוטים און יוצרות?"

„שור", האט פערזיכערט דער פעדלער. „עס איז א ווילנער דרוק."

„גוט!" בענטשע האָט פאַר'ן מחזור בעצאָהלט און גְעוואָלט אוועקגעהן.

„אפשר האָט איהר אַ תהלים אויך?" האָט ער געפרעגט.

„נאָט אייך אַ תהלים. צעהן סענט."

בענטשע כאַפּטים האָט נאָכדעם זיך געלאָזט לויפען צו אַ שוהל און געקויפט אַ טיקעט.

„איך וועל זיי ציינען די לײדאקעס!" האָט ער געזאָגט צו זיך.

ביידע טעג ראש השנה האָט ער געדאַווענט בכונה, נים פער־פעהלט אַ פיוט. ער האָט אויך אָבגעזאָגט אין די צוויי טעג דעם גאנצען תהלים. יום כפור האָט ער געפאסט קיילעכדיגע 24 שטונדען. פון זיין קאָזין האָט ער ארויסגעמופט און זיך בעזעצט אין אַ הויז וואו עס ווערען אָבגעהיט שטרענג אַלע דינים פון כשרות.

און זייט דאַן איז בענטשע כאַפּטים געוואָרען אַ הייסער בעל תשובה, אַ פייערדיגער קעמפּפער פאַר'ן יודענטהום, און ווען עס קומט צו רייד וועגען פריידענקער, רופט ער זיך אָב:

„אז איך בין געווען אַן אפיקורס, האָב איך דאָך עפּעס געלע־רענט, עפּעס געוואוסט און אַ סך פאַר דעם געאָפּפערט. אָבער די לײדאקעס האָבען די אפיקורסות אין דער ערד אריינגעלייגט — אז איך וואָלט געקענט וואָלט איך זיי אַלעמען פון אמעריקא ארויס־געיאָגט — אַ רוח אין זייער טאטענ'ס טאטען".

געענדערט די פּראָגראַמע

א מעשה פון דאָ ניט לאַנג צוריק.

דער חודש אלול איז שוין אָנגעקומען און אלע כלי קודש האָבען זיך א ביסעל אָבגעלעבט. עס איז ענדליך געקומען די צייט ווען מען קען מאכען א דאָלאַר און נאָך האָבען א מצוה דערביי.

אויך די אַקטיאָרען זיינען ניט געבליבען שטיל. זיי האָבען זיך פאָרבערייטעט צו שפּיעלען א נייע ראָלע. זיי האָבען זיך פער־לאָזען בערך אום צו האָבען א פּנים פון אידען. דערצו האָבען זיי געשאָרפט זייערע העלזער און זיך שטאַרק געהיט פאַר א ווינטעל.

אין א שעהנעם נאָכמיטאָג האָט מען אויסגעהאַנגען א גרויסע אַפישע איבער'ן אידישען טהעאַטער בזה הלשון:

לשמוע אל הרנה ואל התפלה.

ווער האבען די גראָססע עהרע דאס יודישעם פובליקום בעקאַנט צו מאכען, דאס ווער היער אין דיעזען טעמפּעל דער קונסט, גאָטעסדיענסט פאָרשטעללען, אם ראש השנה, שבת תשובה און יום כפור. די סטאַרס פון אונזער ריעזען־אַנסאַמבל וועלען אַללע טהיילנעהמען, און יעדער יהודי, וועלכער וויל הערען גוטען געזאַנג און אויסבעטען א גוטען שרייב מיט א גוטעי אונטערשרייב זאָלל קויפען א טיקעט בעצייטענס. די ראָללע פון חזן וועט שפּיע־לען דער בעריהמטער קאָמיקער ה' אַהנזייטענ־לאַך. קומט אלע און האָט א ביסעל פערגניגען.

די אַפישע, וועלכע איז געווען געשריבען אויף לייוועגט, האָט שוין איין מאָל געדיענט צו אַדווערטייזען א לוסטיגע קאָמעדיע. די קאָמפּאַניע, וועלכע האָט זעהר פון עקאָנאָמיע, האָט ניט געפונען פאַר נויטווענדיג צו מאכען א נייע אַפישע צו אַדווערטייזען די

„גאָטעס דיענסט", וואָס זיי האָבען געזאָלט אָבהאַלטען אין די ימים נוראים. אַ איד גיט זיך אַן עצה. מען האָט פערקלעבט דעם נאָמען פון דער קאָמעדיע און נאָך ווערטער וואָס געהערען צו דער קאָמעדיע און אויף די לאַטעס האָט מען אויפגעשריבען „גאָטעס דיענסט" און נאָך ווערטער וועלכע בעלאַנגען צו די ימים נוראים. גאַנץ אויבען וואו עס איז געשטאַנען „דער טריאומפף פון אונזער ערפאָלגרייכען סוקסעס" האָט מען אַרויפגעקלעבט אַ גרויסע לאַטע מיט די ווערטער „לשמוע אל הרנה ואל התפלה" און אַזוי ווייטער.

פון העסטער סטריט, פון לודלאָוו סטריט און פון אַלע כשר'ע סטריטען האָבען זיך אָנגעהויבען שיטען אידען מיט דאָלאַרס און האָבען איינגעקויפט טיקעטס. דער קאַסירער פון טעאַטער האָט נעבעך געאַרבייט מיט דער גאַל, מען האָט ביי איהם פשוט געריסען פון די הענד. צוויי פּאָליסלייט האָבען געהאַלטען אָרדנונג.

די נאַכט פון ראש השנה איז געקומען. דער גרויסער טעאַטער איז געווען פול געפּאַקט. פיעלע האָבען זיך געמוזט צופריעדען שטעלען מיט „סטענדינג רום" (שטעה־פּלאַץ). מיט שפּאַנענדער ניינעריגקייט האָט דאָס פּובליקום ערוואַרטעט די גאָטעס דיענסט זאָל זיך אָנפאַנגען. דער פאָרהאַנג איז געווען אַרויפגעצויגען און אויף דער ביהנע איז געווען אויסגעשטעלט אַן עמוד, אַן ארון קודש, און נאָך אַזעלכע זאַכען וואָס האָבען דערמאָנט אָן אַ שוהל.

נור קיינער פון די „שטערען" האָט זיך בעוויזען. דער עולם האָט אָנגעפאַנגען אונגעדולדיג צו ווערען. איינינגע — פון געוואָהנ־הייט — האָבען אָנגעהויבען צו קלאַפּען מיט די פיס. די גאַלעריע — אויך פון געוואָהנהייט — האָט עס אונטערגעכאַפּט און גענומען שטאַרק אַפּלאָדירען מיט די הענד.

די וואָס זיינען געזעסען אין די ערשטע רייהען האָבען געהערט אַז הינטער די קוליסען געהט פאָר עטוואָס אונגעוועהנליכעס. עס האָט זיך געהערט אַ טראַסקען און אַ פּראַסקען, גלייך ווי מען שפּאַלט זיך די קעפּ. זיי האָבען באַלד אָנגעפאַנגען פאַראויסזאָגען אַז אין דער קאָמפּאַניע וועט אין דיעזער נאַכט נאָך אויסברעכען אַ **שפּאַלטונג**.

די מעשה איז געווען אַזוי:

— די אַקטיאָרען זיינען געקומען בעצייטענס און זיינען שוין געווען פּערטיג צו ערשיינען אויף דער ביהנע. ווען איינער פון די קלענערע קינסטלער, וועלכער האָט געפּאָדערט אז מען זאָל איהם העכערען זיין לוין, האָט זיך איינגעשפּארט אז ער וועט ניט געהן אויף דער ביהנע, וואו מען וועט איהם ניט געבען פינף דאָלאר מזומן. דער גרויסער קאָמיקער האָט איהם געמאכט א קארש מיט דער ליפּ און דער העלדען ראָליסט האָט דערלאנגט א בייזען גענעץ.

„ווער דארף דיך האָבען ?“ האָט דער קאָמיקער איהם געפרעגט, „וועסט קריגען א פייג, אָבער ניט קיין פינף דאָלאר !“

„בעליידיג מיך ניט, דו לומפּ ! איך בין אויך אזא יחסן ווי דו ! איך בין געווען א „שטערען“ ווען דו ביזט נאָך געווען א „פּאטריאָט“.“

דער גרויסער קאָמיקער האָט איהם ניט געענטפערט. ער איז שטיל צוגעגאנגען און מיט גרויס דרך־ארץ אראָבגעלאָזען דעם חצוף א פראסק אז יענער האָט זיך איבערגעדרעהט.

באלד איז אָבער דער קליינער קינסטלער געקומען צו זיך און האָט זיך א וואָרף געטהאָן אויפ'ן קאָמיקער. עס איז גאנץ נאטירליך, אז דער גרויסער קאָמיקער האָט געהאט וויינינגער פריינדע אלס דער קליינער קינסטלער. מען האָט זיך געריסען, געפּראסקעט און גע־בוכצעט פון אלע זייטען. ווען אלע זיינען גוט מיעד געוואָרען האָבען זיי אויפגעהערט. נאָכדעם, ווען מען האָט זיך ארומגעקוקט, האָט מען אויסגעפונען אז דער גרויסער קאָמיקער ליעגט האלב טויט מיט צובראָכענע ביינער. מען האָט איהם אוועקגעלייגט אָן א זייט און איבערגעדעקט מיט א שטיק אָבגעריסענע סצענעריי פון א ים. דער דירעקטאָר איז אָנגעקומען און ווען ער האָט דערזעהן דעם חורבן, האָט ער שנעל געלאָזט שיקען נאָך אן אנדער קאָמיקער און א פּאָאר פרימאדאָנאס מיט סוברעטען, דערנאָך איז ער ארויס אויף דער ביהנע און ערקלערט פאָלגענדעס פאר'ן פּובליקום :

„ווערטהע פריינדע, סימפּאטייזער, דאמען און הערען ! איבער די אונערוואַרטעטע פּלעצליכע קראנקהייט פון איינעם פון אונזערע גרויסע קאָמיקער קען די גאָטעס דיענסט היינט אָבענד ניט שטאַט־פינדען. שטאַט דעם ווערדען וויר געבען א פּאָרשטעלונג פון

„שמענדריק". די וואָס זיינען אונצופריערן קענען צוריק בעקומען זייער געלד ביי דער קאַסע."

קיינער האָט זיך געריהרט פון אָרט און ש מ ע נ ד ר י ק האָט יענע נאַכט אויסגענומען בעסער ווי אימער.

צוויי יום כפורים

.1

מיט צעהן יאָהר צוריק.

צו שילדערען די סצענע פון א יום כפור פארנאכט אין א קליין שטעדטעל אין דער ליטא פאָדערט א שטארקערע פעדער ווי מיינע. ניט מיין שוואכע פען איז אימשטאנד צו בעשרייבען מיט וואָס פאר א געפיהל און אונטער וואָס פאר א שטימונג דער איד אין דער אלטער וועלט מאכט זיך גרייט צו דעם יום הדין.

ניט איך קען שילדערען זיינע געמישטע געפיהלען פון פורכט און האָפנונג, ווען ער זעהט די זון ארונטערלאָזען זיך ערב יום כפור אין מערב זייט, ווי א גרויסע יום כפור ליכט.

ניט איך קען בעשרייבען זיינע געפיהלען ווען ער געהט צו און בעט מחילה מענשען געגען וועלכע ער האָט קיינמאָל ניט געזינ־דיגט און דריקט ברידערליך יעדען'ס האנד מיט טרעהרען אין די אויגען, וועלכע ער זוכט צו פערהאלטען.

און דיעזע טרעהרען קען ער שוין ניט מעהר איינהאלטען ווען זיינע קינדער שטעלען זיך אויס אין דער רייהע מיט אראָבגעלאָזענע קעפ און ווארטען ער זאָל זיי בענטשען.

ער בענטשט און ער וויינט. „ליעבער גאָט! אויב מיר איז עפּעס באשערט לאָז מיך לעבען פון מיינע עופה'לעכס וועגען."

און דאָס איז געוועזען א מ א ל. אמאָל, ווען מרדכי זאפּרען איז געוועזען אין דער היים.

זיין פרוי איז געשטאנען ביים טיש און צוגעגרייט די ליכט צום בענטשען.

„מאשע!" האָט מרדכי געזאָגט, „פערגעס ניט אז דו ביזט אויף דער צייט. דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אז דו טאָרסט ניט פאסטען, עס קען חלילה שאדען דאָס קינד".

„פערגעס אָבער ניט אויך דו, אז דו ביזט נאָך ניט אין גאנצען

געזונד געוואָרען פון דיין קראַנקהייט. דו זאָלסט אויך עסען. דער רב האָט דאָך דיר געהייסען."

„ער האָט מיר געהייסען עסען שיעורים."

„וועסטו עסען?"

„איך וועל עסען. און דו?"

„איך וועל אויך עסען."

„גאָט וועט אונז מוחל זיין און וועט אונז געבען אַ גוט יאָהר גראַדע ווי מיר וואָלטען פאַסטען."

אָבערביידע האָבען אָבגענאַרט איינע די אַנדערע, דען יעדערער פון זיי האָט געפאַסט און האָט געבעטען גאָט ער זאָל מוחל זיין דעם אַנדערען דערפאַר וואָס ער עסט.

ווען זיי זיינען געקומען מוצאי יום כפור אַהיים, האָבען זיי איינע די אַנדערע געפרעגט:

„האָסטו געגעסען?"

„געגעסען. און דו?"

„אויך געגעסען."

.2

צעהן יאָהר שפּעטער.

מרדכי זאַפרען און זיין פרוי מאַשע זיינען שוין אין אַמעריקאַ. זיי זיינען גוט אָב, ער האָט זיך אַרויפגעאַרבייט אויף אַ גרויסען געשעפט און לעבט גאַנץ נישקשה'דיג, און זי איז געוואָרען אַ גאַנצע „ליידי". ביידע זיינען געזונד, צופריעדען, און ווי עס שיינט אויך גליקליך.

ערב יום כפור אין ניו יאָרק איז ניט אַזוי פּאָעטיש ווי אין דער היים.

נור פון כפרות האַלט מען. און מען פערטרינקט נאָך גוט נאָכ־דעם צו פערשלאָגען דעם אומעט.

אין אַריסטאָקראַטישע הייזער עסט מען אייז־קרים נאָך כפרות.

„גױה, ברייננ נאָך ביער", האָט מרדכי זאַפרען געזאָגט צו זיין דיענסטמיידעל."

„נענוג פאר דיר, מאקס“, האָט זיין פרוי געזאָגט, „עס איז ניט שעהן צו טרינקען אזוי פיעל ביער און געהן דערנאָך אין שוהל.“

„געווער מיינד, וואָס האָב איך מורא פאר זיי? איך צאָהל דאָך פאר מיינע סיטס. איך מוז אויסטרינקען נאָך א פּאָאר גלעזער. א קלייניגקייט אזא טאָג! ניט עסען, ניט טרינקען, פיער און צוואנציג שטונדען.“

מאשע האָט אונטערגעשמייכעלט.

„דו וועסט טאקע פאסטען?“

„וואָס דען? איך פאסט דאָך יעדען יאָהר!“

„און תשעה באב האָסטו געפאסט?“

„געווים, וואָס פרעגסטו?

„נאָך נישט, אזוי זיך. מען האָט מיר דערצעהלט, אז מען האָט דיך געזעהן ארויסגעהן פון א סאלון.“

„איך האָב דאָרט געדאַרפט זעהן ביילינסאָנ׳ען וועגען ביזנעס.“

„און ביילינסאָן האָט זיך פערענטפערט פאר דער ווייב, אז ער איז געגאנגען אהין צוליעב דיר.“

„דו פאסט אליין ניט, דערפאר ביזטו מיך חושד. מיינע דאגות, עס זיך געזונדערהייט. איך וועל פאסטען.“

„לאָמיר זיך ניט קריעגען, מיין מאן“, האָט די פרוי געזאָגט לאכענדיג, „עס איז דאָך יום כפור.“

די דיענסט האָט געבראכט ביער און מרדכי האָט געכאפּט און פערטרונקען.

„יעצט קען איך פאסטען“, האָט ער געזאָגט.

„און איך אויך“, האָט זי צוגעלייגט.

זיי האָבען איינע די אנדערע אָבגענארט.ביידע האָבען גענגע־סען און געבעטען גאָט ער זאָל ניט נעהמען פאר אומגוט, כ׳לעבען די הארץ חלש׳ט.

מוצאי יום כפור ווען זיי זיינען געקומען פון שוהל, האָבען זיי איינע די אנדערע געפרעגט:

„גוט געפאסט?“

„גאנץ גוט. און דו?“

„א ביסעל שווערלעך, אָבער דאנקען גאָט אָבגעפאסט.“

דזשאָהן מעק'קאַרטהי'ס סוכה

.1

א קורצער, דיקער איירישמען מיט א פערשמירטען פּנים, האַלב רויט און האַלב גרוי, האָט אָנגעקלונגען ביי דער טהיר פון א פּריוואַט־הויז אויף לענאָקס עוועניו: א אידישע מיידעל האָט געעפענט די טהיר און געפרעגט:

„וועמען דארפט איהר?"

„דעם ראַבבאַי", האָט דער איירישמען געענטפערט.

„דער רעווערענד דאָקטאָר יודסאָן איז יעצט זעהר בעשעפטיגט", האָט דאָס מיידעל געזאָגט. „קענט איהר מיר ניט זאָגען ווענען וואָס איהר דארפט איהם?"

„איך מוז איהם זעהן. עס איז זעהר וויכטיג פאר איהם און פאר אַלע אידען."

„קומט אריין", האָט דאָס מיידעל געזאָגט, זיך וואונדערענדיג ווי עס קומט, אַז איירישמען צו זיין פעראינטערעסירט אין א פראגע וואָס איז נוגע דעם דאָקטאָר ראַבינער און אַלע אידען."

זי האָט אריינגעפיהרט דעם איירישמען אין א פראָנט־צימער און איהם געבעטען זיצען. א פּאָאר מינוטען שפּעטער איז אריינגעקומען רעווערענד דאָקטאָר יודסאָן, אַן עלטערער מענש, מיט א געשוירענעם בערדעל און א רויטליכען פּנים. ער האָט געטראָגען א זיידענע יארמולקע.

„גוד עפטערנון, סער", האָט ער מקדים בשלום געוועזן דעם איירישמען. „וואָס נוטס ווערט איהר דערצעהלען?"

„אי עם סאררי, סער", האָט דער איירישמען געזאָגט. „עס טהוט מיר לייד דאָס איך האָב קיין פרעהלינכע נייעס ניט צו דערצעהלען. איהר זעהט, סער, מיין נאָמען איז מעק'קארטהי, דזשאהן מעק'קארטהי. איך בין א דזשעניטאָר אין א הויז זעקס בלאָק פון דאנען. יעדען יאָהר, אז עס קומט דער אידישער יום טוב סכות, מאַך איך פאר מיינע טענענטס א סוכה אין הויף. צוויי צעהן יאָהר

אז איך בין דזשעניטאָר אין דער הויז, און אימער האָבען מיר געהאַט אידישע טענענטס און זיי זיינען אלע געווען צופריעדען פון מיין סוכה. בלויז א דאָלאר פון יעדער פאמיליע פלעג איך נעהמען פאר עסען אין סכה. דאָס איז פאר דער גאנצער וואָך. עס איז געווים ביליג, ווען איהר נעהמט בערעכענען די ארבייט און די ברעטער וואָס איך פלעג מוזען צוקויפען יעדען יאָהר.“

„געוויס“, האָט דער ראבינער צוגעגעבען. „א דאָלאר פאר א גאנצע וואָך דירה געלד איז ביליג.“

„און דער אלטער אייזיק גאָלדשטיין וואָס וואוינט אויפ'ן דריי־טען שטאָק זאָגט מיר אימער אז ביי איהם איז עס ווערטה פינף דאָלער וואָס ער דארף ניט עסען א גאנצע וואָך מיט דער ווייב“, האָט זיך מעק'קארטהי ווייטער נערעדט אין א טאָן פון אונשולד. „אבער זייט א פּאָאר יאָהר האָט די סוכה־ביזנעס אָנגעהויבען צו געהן שלעכט. מיט צוויי יאָהר צוריק, בעפאָהר די וואהלען קומט צו מיר צו געהן גאריבאלדי דער איטאליענישער בארבער און בעט איך זאָל איהם לייהען עטליכע ברעטער פון מיין סוכה, ווייל ער דארף פון זיי מאכען א טיש פאר דעם וואהל־אויפזעהער, וועלכער מיטעט אין זיין בארבער־שאפּ יעדען יאָהר. נו, איך האָב איהם געליהען די ברעטער, אָבער איך האָב זיי קיינמאָל צוריק בעקומען. האָט איהר ווען געזעהן, אז א פּאָליטישען זאָל צוריק געבען דאָס וואָס ער נעהמט צו? די ברעטער האָבען מיר געקאָסט ביי צוויי דאָלער. אָבער לעצטען יאָהר האָט זיך אָנגעפאנגען אן ערגערע צרה. עס האָט אריינגעצויגען אין אונזער הויז א איד וואָס זאָגט, אז ער וויל ניט זיצען אין סוכה און אז ער גלויבט ניט אין דעם גאנצען יום טוב מיט די גאנצע ביזנעס. ער האָט נאָך אָנגעהויבען מאכען שפּאָס פון די אנדערע טענענטס און זיי גערופען נארען, בהמות. זאָג איך צו איהם: סיי, מיסטער באָטינסקי, אז דו גלויבסט ניט איז דיין ביזנעס, אָבער מיינע ביזנעס דארפסטו ניט איבערפיהרען, יו דעמד דזשו! איך בין אין די סוכה־ביזנעס שוין צעהן יאָהר!“ באָטינסקי האָט פערשטאנען דעם אָנצוהערענים און ער האָט געשווינגען.“

„און יעצט?“ האָט געפרעגט דער ראבינער, וועלכער איז שוין געוואָרען אונגעדולדיג.

„דיזען יאהר איז נאך פיעל ערגער", האט מעק'קארטהי געזאגט". דיזען יאהר האבען ארייננעצויגען נאך פינף טענענטס וואס זאגען אז זיי גלויבען ניט אין דער סוכה און אין די גאנצע ביזנעס. און דאס איז וועגען וואס איך בין אייך געקומען זעהן. איך וויל אייך פרעגען וואס טהוט מען? עס וועט מיר אויסקומען צו פערלירען זעקס דאלער פון מיין טאש. איהר זעהט, סער, עס איז אייער ביזנעס אזוי ווי מיינע. אז איהר וועט צולאזען די אידען אז זיי זאלען אויפהערען צו גלויבען אין סכות, וועלען זיי נאכדעם אויפהערען צו גלויבען אין מצות און איהר מיט אלע ראבבאים וועט בלייבען אהן ארבייט."

„איהר האט רעכט, מיסטער מעק'קארטהי", האט דער ראבינער געזאגט אין אן ערנסטען טאן, כאטש עס האט זיך איהם זעהר שטארק געוואלט לאכען. „דאס איז זעהר טרויעריג, מיין פריינד, אבער איך קען ניט העלפען, אייערע טענענטס וועלען מיך ניט פאלגען. ווען זיי ווילען ניט פאלגען גאט, היינט וואס קען איך מיט זיי מאכען? אזעלכע מענשען זיינען דא צווישען אלע נאציאנען. עס איז זעהר טרויעריג, אבער מיר קענען דאס ניט העלפען."

מעק'קארטהי האט ארויסגענומען א גרויסען שטיק קיי־טאבאק פון זיין טאש און ארייננעשטופט צו זיך אין מויל, אזוי ווי מיט כעס.

„ביי אונז אירלענדער וועט איהר אזעלכע מענשען ניט געפינען, האט ער אויסגערופען מיט שטאלץ.

דער ראבינער האט זיך א ביסעל ווי פערשעהמט, און קוקענדיג אן א זייט האט ער געזאגט צום איירישמען:

„עס איז דא בלויז איין עצה ווי צו מאכען, אז איהר זאלט ניט פערלירען געלד."

„און וואס איז דאס, סער?"

„צו העכערען די דירה־געלד פון דער סוכה."

„העכערען?" האט דער איירישמען געזאגט פערשטופענדיג די קיי־טאבאק אין דער לינקער באק. „הייליגער דזשיזוס, עס איז א גוטע אידעע! אבער אז איך וועל העכערען די סוכה־געלד, וועלען זיי אלע זאגען, אז זיי גלויבען ניט אין דער סוכה, און איך וועל בלייבען מיט גאר נישט."

„אַה, ניין, מיסטער מעק'קאַרטהי! קיין עהרליכער איד וועט איבערטרעטען זיין רעליגיאָן צוליעב דעם וואָס עס וועט איהם קאָסטען אַ האַלבען דאָלער, אָדער אפילו אַ גאַנצען דאָלער מעהר. אָבער, מיין פריינד, איהר זאָלט ניט זיין צו שטרענג מיט זיי, ווארום צו הויכע דירה־געלד קען מאַכען מעהר אידען פאַר אפיקורסים, און דאָס וועט אונז ביידען שאַדען."

„איהר האָט רעכט. איך זעה איהר זייט אַ קלוגער מאַן!" האָט מעק'קאַרטהי אויסגערופען און איז אַוועק אַהיים אַ צופריעדענער.

2.

אַז דזשאָהן מעק'קאַרטהי האָט געמעלדעט זיינע טענענטס, אַז ער העכערט די רענט פון דער סוכה אויף 75 סענט אַ פאַמיליע, איז אין הויז געוואָרען אַ גרויסער גערודער. דעם גערודער האָבען געמאַכט ניט די אידען וואָס האָבען געוואָלט עסען אין סוכה, נור פערקעהרט, די „פריידענקער", וואָס האָבען גאָר ניט געגלויבט אין אידישקייט.

די פרומע אידען וואָס האָבען געוואוינט אין דער הויז האָבען גלייך געוואָלט נאָכגעבען. אָבער ווען די פריידענקער האָבען דערהערט פון דעם דזשעניטאָר'ס פערלאַנג, האָבען זיי זיך אויפגעהויבען אַלע ווי איין מאַן, און געשריען אַז מען דאַרף ניט נאָכגעבען. ביי זיי איז דאָס אריין אין „פּרינציפּ". וויבאַלד עס איז דאָ אַ העכערונג פון דירה־געלד, דאַרף מען סטרייקען, און ווען עס קומט צו אַ סטרייק, דאַן איז עס קיין אונטערשיעד אויב דאָס האַנדעלט זיך וועגען אַ הויז, אָדער וועגען אַ סוכה. עס איז ביי זיי געבליבען אַז זיי זאָלען פעראייניגען אַלע טענענטס און קעמפּפען געגען דעם דזשעניטאָר.

„חברים!" האָט אויסגערופען איינער פון די פריידענקער. „איך זעה אין דעם אַ געמיינע קאָנספּיראַציע פון אונזער לענדלאָרד. פריהער פּרובירט ער אונזער געדולד אויב מיר וועלען לאָזען העכערען די דירה־געלד פון דער סוכה און שפּעטער וועט ער העכערען די דירה־געלד פון אונזערע וואוינונגען. איך האָב שוין אַליין דורכגעמאַכט עטליכע רענט־סטרייקס אין ניו יאָרק און אין בראָנזוויל.

איך וויים ווי דאָס צו מענעדזשען. מיר דארפען בלויז זיין פער־איינינט, און דער זיעג איז אונזערער!"

„עס איז אייך אזוי לייכט צו רעדען", האָט געזאָגט איינער פון די טענענטס. „איהר זייט אַן אפיקורס און איהר קענט אויסקומען אָהן א סוכה. מיר זיינען עהרליכע אידען. און ביז מיר וועלען אויסקעמפּפען מיט׳ן דזשעניטאָר, וועט דערווייל דער סכות אריבער."

„אויב דער דזשעניטאָר וועט זיך ניט אונטערגעבען," האָט דער פריידענקער געזאָגט, „דאַן וועט איהר מוזען טהאָן אזוי ווי מיר טהוען ביי א דירה־געלד סטרייק. ביי אונז אז דער לענדלאָרד ווארפט ארויס א סטרייקער פון דירה, נעהמט איהם אריין אַן אנדערער סטרייקער צו זיך אין הויז. אויב איהר וועט ניט קענען עסען אין אייער סוכה, נעהם איך זיך אָן פאר אייך אויסצוגעפינען פּלעצער אין אנדערע סכות".

די ווייבער האָבען אָבער ניט געוואָלט הערען פון אזא פּלאַן צו שלעפּען זייערע טעלער און שיסלען אין פרעמדע סכות. עס האָט שוין געהאלטען ביי דעם, אז די טענענטס זאָלען נאָכגעבען דעם דזשעניטאָר׳ס פערלאַנג.

אָבער די פריידענקער האָבען זיי ניט געלאָזען רוהען. „איהר זייט פינסטער פּייגלינגע!" האָבען זיי געשריען. „איהר האָט מורא צו קעמפּפען. פּרובירען מענט איהר דאָך אָבער! וואָס קענט איהר אָנוועהרען, אז איהר וועט ערקלעהרען א סטרייק? עס איז נאָך דריי טעג צו סכות. דערווייל קענט איהר סטרייקען. קיין אנדערע טע־נענטס וועט דער דזשעניטאָר דאָך אין סוכה ניט אריינלאָזען."

„דאָט׳ס ראַיט! ער האָט רעכט!" האָט זיך געלאָזט הערען פון אַלע זייטען אויפ׳ן דאַך, וואו דער מיטינג איז פאָרגעקומען. „מיר קענען פּרובירען סטרייקען, וואָס וועלן מיר דאָ צולענען?"

באלד האָט דזשאהני מעק׳קארטהי בעקומען צו וויסען, אז אלע טענענטס האָבען בעשלאָסען אויסצוקומען דיזען יאָהר אָהן א סוכה.

„געטצענדיענער!" האָט ער אויסגעשריען. „איידער צו צאָה־לען מיט 75 סענט מעהר איז שוין ביי אייך רעכט צו לייקענען אין גאָט. איך געה צו אייער ראַבבאַי. איך וועל איהם אַלעס דער־צעהלען."

„אמעריקא איז א פרייע לאנד“, האט זיך אבגערופען א טע־נענט. „דער ראבבאי קען אונז גאר ניט טהאן.“

3.

מעק'קארטהי איז ווייטער געלאפען צום רעווערענד דאקטאר, אבער יענער האט איהם געזאגט, אז ער קען דא גאר ניט העלפען. עס איז א גלייכער קאמפף, און ווער עס וועט געווינען, דער וועט האבען־די גערעכטיגקייט אויף זיין זייט. אזוי פיהרט עס זיך אין אונ־זער וועלט.

מעק'קארטהי האט פערלארען זיין מוטה. ער האט מיט שרעק געקוקט אויף זיין סוכה און האט פאר זיך געזעהען א טרויעריגעס בילד ווי דיזע סוכה, די ארבייט פון זיינע הענד, וועט בלייבען ליי־דיג און ער וועט מוזען ליידען א פערלוסט.

ער האט איינגעזעהן אז עס איז בעסער שלום צו ווערען מיט די טענענטס און בלייבען ביי די אלטע קאנדיציאנען.

„זיענ, זיענ, הורראַ! מיר האבען געזיעגט!“ האט זיך געלאזט הערען איבער דער גאנצער הויז. „דער דזשעניטאר האט זיך אונ־טערגעגעבען“, האבען די טענענטס געזאגט איינע צו די אנדערע.

„און ועמען האט איהר צו פערדאנקען דעם זיעג?“ האבען די פריידענקער געזאגט מיט שטאלץ.

ביי די פריידענקער איז געבליבען, אז די נאכט פון סכות זא־לען זיי זיך אלע צוזאמענקלייבען אין סוכה און פייערען דעם גרויסען זיעג איבער'ן דזשעניטאר.

און אז די פריידענקער האבען פערזוכט א ביסעל פון די גע־פילטע פיש, און אריינגעגאסען א פאאר קידוש־בעכער, האט זיך דער פינטעלע איד אין זיי צופלאקערט, אלע ערינערונגען האבען זיך אין זיי אבגעפרישט, און לאנג פערגעסענע נגונים האבען זיך געלאזט הערען אין מעק'קארטהי'ס סוכה. אלעס איז געווארען היי־מיש, ברידערליך, און אפילו מעק'קארטהי'ן האט מען אויך אריינגע־שלעפט אין סוכה און איהם געגעבען אריינצוגיסען עטליכע כוסות.

דאס מזל׳דיגע חנוכה דרעהרעל

מאָריס גרין איז שטילערהייד אריין אין זיין צימער, אין וועל־כען זיין חבר, מאקס בענדזשאמין, און שותף צום צימער איז שוין געווען פערטיעפט אין א זיסען שלאָף.

„בררר" — האָט מאָריס א וואָרטשע געטהאָן דורך די ליפען.

„עס איז נאָך אזוי פריה און ער שלאָפט שוין אזוי געשמאַק."

מאָריס האָט אַרויסגענומען א באנאנא מיט דריי בייגעל פון קעשענע און גענומען עסען.

„כאָטש א גלעזעל טהעע, אָדער א הייסע טאסע קאפע", האָט ער געזאָגט. „אָבער ווער קען זיך פערגינען אפילו צו טראכטען פון אזעלכע זאכען? ווען מיר וואָלטען ניט געווען שולדיג דער מיסעס נאָך פאר לעצטען מאָנאט, וואָלט איך אריין און ביי איהר געבעטען א גלעזעל טהעע."

פלוצלונג האָט ער אין זיינע נאָזלעכער דערשפירט א ריח וואָס האָט איהם געמאכט אויפשפרינגען פון דעם שטוהל, אויף וועלכען ער איז געזעסען. עס איז געווען דער ריח פון געגזענע שמאלץ. ער האָט זיך איינגעבויגען צום טיהר וואָס האָט געפיהרט צו די אנ־דערע צימערען פון הויז, צוגעלייגט זיין נאָז צום שליסעל־לאָך און גענומען איינזויגען אין זיך דעם ריח.

„וואָרעניקעס, ווי איך בין א איד!" האָט ער געזאָגט צו זיך. „און געגזענע גריבענעס דערצו, איך קען שווערען! לעבערלעך מסתמא אויך. איך האָב גאָר פערגעסען, אז היינט איז חנוכה!"

אן אויפגערייצטער, ווי אן אויסגעהונגערטע קאַץ, וועלכע דערשמעקט שפייז, האָט ער אָנגעהויבען צו שפרינגען איבער׳ן צי־מער. פלוצלונג האָט ער א כאפ געטהאָן זיין שלאָפענדיגען קאמע־ראד און איהם א שלעפ געטהאָן פאר׳ן פוס. יענער האָט זיך אויפ־געכאפט און געפרעגט:

„וואָס איז? וואָס ווילסטו?"

„מאקס!" האָט ער אויסגעשריען. „דאָרט עסט מען גריבע־

נעם, הייסע ווארעניקעס, עס איז חנוכה! הערסט דעם ריח? שטעק צו דיין נאָז צום שליסעל־לאָך, ווע‏סטו פיהלען."

„לאָז מיך צורוה, איך וויל שלאָפען. בעסער לייג זיך אויך אוועק שלאָפען. די מיסעס קען נאָך אריינקומען בעטען רענט. בע־סער לייג זיך אריין אין בעט."

„און מאָרגען?"

„מאָרגען וועלען מיך זיך ארויסמאכען גאַנץ פריה, איידער זי וועט אויפשטעהן. מיר מוזען איהר אָבציהען וואָס לענגער. א ברירה האָבען מיר."

די צוויי גוטע ברידער האָבען זיך אויסגעצויגען איינע נעבען די אנדערע, אָבער מאָרים האָט ניט געקענט שלאָפען. פערשיעדענע געדאַנקען האָבען זיך געדרעהט אין זיין קאָפּ, אָבער זיי זיינען גע־ווען אזוי צומישט, דאָס ער האָט זיך קיין רעכנונג ניט געקענט אָב־געבען וועגען וואָס ער טראכט. פּלוצלונג האָט ער זיך דערמאָנט אָן א חנוכה־דרעהדל וואָס ער האָט געהאַט א מאָל, ווען ער איז נאָך געווען אקינד. דאָס חנוכה־דרעהדל איז געווען אויסגעשניטען פון האָלץ און איז געווען קירצער אין איין זייט, אזוי דאָס עס פלעגט אימער פאַלען מיט'ן ג' ארויף. זיינע חדר־איינגלעך האָבען גע־גלויבט, אז דאָס איז א מזל'דיגער דרעהדל און האָבען איהם דאָן מקנא געווען. און עס איז טאַקי געווען וואָס מקנא צו זיין! ער האָט דאָן אָבגעוואונען דאָס גאַנצע חנוכה־געלד פון דער שטעדטעל.

לאַנג האָט ער זיך געמאַטערט מיט'ן שלאָף, וועלכער האָט ניט געוואָלט קומען. ער האָט געפיהלט ווי ניט ווילענדיג האָט ער זיך אָנגעהויבען צו ריהרען. ער האָט א קוק געטהאָן אויף זיין חבר און זעהענדיג, אז ער שלאָפט, האָט ער זיך האַסטיג אָנגעטהאָן, איז ארויס אין קאָרידאָר און פון דאָרט אין דער וואוינונג פון דער מיסעס.

דאָרט האָט ער געפונען אַלעמען, די מיסעס, איהרע פיער טעכ־טער און צוויי זיהן, זיצען ארום דעם גרויסען טיש אין עס־צימער. אויפ'ן קאַמין האָט געברענט א חנוכה־לאָמפּ. דער צימער איז גע־ווען העל בעלויכטען פון די גאַז ליכט. די שטימונג איז געווען א יום טוב'דיגע.

„קומט עסען! קומט עסען!“ האָבען זיי איהם אַלע געבעטען און איהם צוגערוקט אַ גרויסען טעלער מיט הייסע וואַרעניקעס.

ער האָט שוין געהאַט אויפגעהויבען די הענד צו דעם טעלער, אָבער ער האָט זיך בעדענקט, אַז עס פּאַסט ניט זיך אַרויסצוצייגען אַזוי הונגעריג. „טהענק יו“, האָט ער העפליך אָבגעדאַנקט. „איך בין ניט הונגעריג, נור איך וויל אייערע וואַרעניקעס ניט פערשעהמען.“

ער האָט זיך בעמיהט צו עסען לאַנגזאַם, אָבער די וואַרעניקעס האָבען זיך ווי געשפּאַרט צו איהם אין מויל. ער האָט געוואוסט, אַז אַלע אויגען קוקען אויף איהם. ער האָט זיך אָבער ניט געקענט העלפען. נאָכדעם אַז ער האָט זיך שוין צוגעוואוינט צו זייערע בליקען האָט ער זיך אויפגעהערט צו שעהמען און האָט אַליין אָנגעהויבען צו זיך צורוקען דעם טעלער מיט גריבענעס, לעבערלעך און פּופּקעלעך.

נאָך דעם עסען האָבען זיך אַלע גענומען שפּיעלען מיט חנוכה־דרעהדלעך. ער, מאָריס, האָט אויך בעקומען אַ דרעהדעל, אָבער ער האָט זיך פלוצלונג דערמאָנט, אַז ער האָט ניט מעהר ווי זעקס סענט אין קעשענע.

זאָל ער איינשטעלען זיינע לעצטע זעקס סענט? און ווי וועט זיין, אַז ער וועט דיזע לעצטע זעקס סענט פערשפּיעלען? וועט ער דאָך דאַן מוזען אויסזאָגען אַז ער האָט מעהר קיין געלד. ער וועט דאַן מוזען זיך אויפהויבען און אַוועקגעהן מיט שאַנדע. אָבער דער שפּיעלערשער אינסטינקט האָט איהם געהייסען שפּיעלען. ער האָט אַוועקגעשטעלט פינף סענט און באַלד איז זיין דרעהדעל געפאַלען מיט׳ן מזל׳דיגען ג׳ אַרויף. ער האָט געוואונען פינף און דרייסיג סענט.

„לאָמיר שפּיעלען צו 25 סענט“, האָט ער פאָרגעשלאָגען פיה־לענדיג, אַז ער האָט וויעדער ביי זיך דעם מזל׳דיגען חנוכה־דרעה־דעל, וואָס ער האָט געהאַט אַמאָל, ווען ער איז נאָך געווען אַ קינד.

אין דעם צווייטען קאָן האָט ער שוין געוואונען אַ גאַנצען הייפעלע זילבער־געלד — נאָהענט צו צוויי דאָלער.

„לאָמיר יעצט שפּיעלען צו דאָלער“, האָט ער געזאָגט. ער איז געווען זיכער, אַז ער וועט געווינען אויף דעם דריטען קאָן.

און נאכדעם האָט ער אויפגעהערט צו צעהלען און צו פיהרען א רעכנונג. ער האָט געשפּיעלט און געשפּיעלט, מיט א פעסטע זיכער־הייט אין דעם מזל פון זיין דרעהרעדל, ביז נעבען איהם האָט זיך אָנ־געקליבען א גרויסער בארג מיט זילבער געלד. ער האָט גענומען פּאקען דאָס געלד אין אלע זיינע קעשענעס, פיהלענדיג די פריידע וואָס א מענש האָט בעת ער זעהט, אז דאָס מזל געהט מיט איהם האנד אין האנד.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

עטליכע שטארקע קלעפּ אין טהיר האָבען איהם פון זיין שלאָף אויפגעוועקט. ער האָט זיך ארומגעזעהן, דאָס עס איז געווען א חלום, נישטאָ קיין זילבער געלד, נישטאָ קיין ווארעניקעס, קיין גריי־בענעס, קיין לעבערלעך — ער איז הונגעריג ווי א הונד.

ער האָט געוואוסט, אז דאָס קלאַפּט די מיסעס.

אין צימער איז געווען ליכטיג. עס איז שוין געווען טאָג און מאקס איז שוין דאָ ניט געווען.

„וואָס הערט זיך עפּעס וועגען רענט?“ האָט א שטימע פון יע־נער זייט טיהר געפרעגט. „איך וואָלט שוין לאנג געקענט פערדינ־גען דעם צימער צו אַן אנדערען. איך קען ניט ווארטען אזוי לאנג.“

„מיסעס, נעקסטען מאָנטאג זיכער“, האָט מאָרים געענטפערט. „איהר דארפט זיך גאָר ניט זאָרגען. איך האָב בעקומען א גוטע שטעלע און וועל שוין מאכען געלד.“

די מיסעס האָט זיך אָבגעטראָגען. אין צימער איז אריין מאקס, רויכענדיג א סיגארעט.

„וואָס א מענש קען זיך פערגינען! סיגארעטס רויכערט ער! און א צייטונג האָט ער נאָך געקויפט! גיב אהער א סיגארעטעל!“

„דאָ האָסטו פינף“, האָט מאקס געענטפערט און איהם אָבגע־צעהלט פינף סיגארעטלעך.

„מאקס“, האָט מאָרים געזאָגט מיט בעוואונדערונג, „דו האָסט געמוזט פלוצלונג רייך ווערען. די מיסעס האָט ערשט אנגעקלאפּט אין טיהר און געבעטען רענט. איך האָב איהר צוגעזאָגט אויף מאָנטאג!“

„אויך גוט. א טאָג אָבגעשטופּט איז א טאָג אָבגעלעבט.“

„אָבער, מאַקס, אַז דו וואָלסט וויסען וואָס מיר האָט זיך גע־חלום׳ט היינטיגע נאַכט. עס האָט זיך מיר גע׳חלום׳ט, אַז איך האָב געוואונען אַ סך געלד, אפשר הונדערט דאָלאַר און האָב זיך אָנגעגעסען מיט וואַרעניקעס, מיט לעבערלעך און פּופּקעלעך. אַה, איך פיהל נאָך יעצט דעם טעם אין מויל.“

„האָסט זיך כאָטש גוט אָנגעגעסען?“

„וואָס דען מיינסטו, איך האָב געזשאַלעוועט? ביי דיר איז עס אַ געלעכטער, אָבער איין חלום איז דאָס פאָרגעקומען אַזוי ווי אויפ׳ן וואָהר. איך פיהל נאָך יעצט דעם טעם פון דעם אין מויל. אַ מערקווירדיגע זאַך וואָס אַ חלום איז.“

„אָבער דערוויילע, וואו נעהמט מען עפּעס אויף צו קייען? איך האָב נים אַן איינציגען סענט.“

„אָהן געלד איז טאַקי שלעכט,“ האָט מאָריס געזאָגט. „אָבער איך האָב נאָך ביי זיך זעקס סענט. גיב מיר אַן עצה וואָס זאָלען מיר מאַכען מיט די זעקס סענט?“

„דו האָסט ניט קיין זעקס סענט“, האָט מאַקס געזאָגט, אָב־קעהרענדיג דעם קאָפּ אַן אַ זייט.

„אויף מיין עהרען וואָרט, איך האָב ביי זיך זעקס סענט.“

„איך וויים בעסער, דו האָסט אַ פּעני ניט“, האָט מאַקס איהם איבערגעשפּאַרט. „אַז איך בין אויפגעשטאַנען, זעה איך, אַז דו שלאָפסט זעהר געשמאַק, האָב איך פון דיינע הויזען אַרויסגענומען די זעקס סענט און געקויפט אַ צייטונג מיט אַ פּעקעל סיגאַרעטס.“

„אַ נכפה זאָל אויף דיר קומען!“ האָט מאָריס אויסגערופען, און מעהר האָט ער וועגען דעם ניט גערעדט.

א מענשעו'ס מזל

אז עס איז ניטאָ קיין מזל העלפֿט קיין נאָז

נאָכדעם ווי בעני דער קאַפּעןמאַכער איז שוין גוט קראַנק געוואָרען פון דער אַרבייט און פון וועניג גאַהרונג, ווייל ער האָט אַלץ געקליבען און געקליבען אויף אַ ביזנעס, איז ער ענדליך, אין אַ גוטער, מזל׳דיגער שעה, געוואָרען אַ ביזנעס מאַן און האָט געקויפט אַ צייטונג־סטענד אויף וועסט בראָדוויי.

די ערשטע פּאָאַר וואָכען, ביז ער האָט איינגעלערענט דעם געשעפט און ביז דער סטענד איז געוואָרען אין גאַנצען זיין אייגענטהום, האָט בעני מיט זיין פרוי און פיער קינדערלעך געוואָהנט אין משערי סטריט. נאָכדעם האָט בעני גענומען אַ וואוינונג אין דער נאָכבאַרשאַפט פון זיין סטענד.

אַריינגעמופט האָט מען אין אָבענד, נאָכדעם ווי די אָרומיגע סטאָרס האָבען זיך צוגעמאַכט. די מאַדאַם, בעני׳ס ווייבעל, איז געווען גאַנץ צופריעדען פון דער וואוינונג. אַ שטיק אין דער נאַכט האָט מען אָבגעאַרבייט אום אויסצושטעלען אַלעס אין אָרדנונג, און מען האָט זיך געלעגט שלאָפען גאַנץ מיער.

די מייסטע צייטונגס־סטענדס אין יענעם געגענד, דאַון טאַון, ווערען געעפענט ערשט נאָכמיטאָג, ווייל דאָרט איז דער מאַרק און די לייטע וואָס קומען אַהין מאַכען געשעפטען האָבען קיין צייט אין דער פריה צו לעזען; נור נאָכמיטאָג, ווען אַ גרויסער טהייל פון די געשעפטען ווערט שוין אָבגעטהאָן, נעהמען זיך די מענשען צו לעזען אָבענד־צייטונגען.

בעני און זיין הויזגעזינד האָבען דעריבער רוהיג געקענט שלאָפען ביז ניין אויפ׳ן זייגער. זיי זיינען געווען גוט אָבגעפרישט פונ׳ם שלאָף. צו פריהשטיק האָט די מאַדאַם געעפענט אַ פענסטער פון פראָנט־צימער עס זאָל אַריין אַ ביסעל לופט.

„בעני, דו הערסט?״ האָט זי געזאָגט אין אַ פּאָאַר מינוטען אַרום.

„ניין, וואָס איז?"

„דו פיהלסט גאָר ניט דעם ריח?"

„וואו דיר ריח, ווען דיר ריח?"

„עס עיפּוש'ט דאָך!"

„וואו עיפּוש'ט?"

„ווי הייסט? דו פיהלסט גאָר ניט?"

„איך פיהל גאָר ניט."

„אויף וואָס האָט דיר גאָט געגעבען א נאָז?"

„איך ווייס אויך ניט צו וואָס. איך פיהל קיין שום געריך."

„און איך זאָג דיר אז איך מיט די קינדער וועלען דאָ דער־שטיקט ווערען. קום אהער, שלומיאל, קום צום פענסטער! זעהסטו אנטקעגען? וואָס איז דאָס פאר א סטאָר?"

„דאָס איז א האָלסייל סטאָר פון לימבורגער קעז. נו, וואָס איז דאָרטען?"

„עס אויר׳ט דאָך!" האָט די פרוי אויסגעשריען שטארק צו־קאָכט. „עס איז דאָך ניט אויסצוהאַלטען! דער קאָפּ שפּאלט מיר שוין. זעה, זעה, דאָס קינד דרעהט מיט'ן קעפּעל. אוי, מיינע צרות! אָט וועט זי אָבברעכען. בעני, וואָס שטעהסטו ווי א גולם? מאַך שנעל צו דעם פענסטער."

בעני האָט צוגעמאכט דעם פענסטער און דערביי האָט ער אָנ־געבלאָזען ביידע נאָזלעכער און פּרובירט צו כאַפּען א שמעק, אָבער ער האָט גאָר ניט געפיהלט.

„זעה אקאָרשט, בעטסי", האָט ער געזאָגט צו זיין פרוי, „אויב עס איז דאָ א קאַץ ערגעץ בעהאַלטען."

„עס איז דאָ אין הויז א גרויסע חיה, א מאָנקי!" האָט זי אויס־גערופען שוין מיט כעס.

א ווײַלע איז געווען שטיל. ביידע האָבען ניט גערעדט. נאָכ־דעם האָט בעטסי אָנגעפאַנגען:

„און וואָס מיינסטו, איך וועל דאָ מיט די קינדער וואוינען? זיי וועלען דאָך קראַנק ווערען."

„עס וואוינען דאָך דאָ מענשען ארום", האָט בעני גע'טענה'ט.

„מסתמא אזעלכע ווי דו, מענשען אָהן נעזער."

בעני איז אוועק זעהר א טרויעריגער אין זיין געשעפט. ער האָט געמיינט אז ער איז שוין אן אויפגעריכטער מענש. פּלוצלונג, נאַ דיר, עס הויבט זיך אָן א נייע צרה מיט זוכען אן אנדער דירה! ווען בעני איז פערבייגעגאנגען דעם קעז סטאָר האָט ער זיך אָב־געשטעלט, אנגעבלאָזען זיינע נאָזלעכער און גענומען ציהען אין זיך דעם אָטהעם. ער האָט אָבער גאָר ניט געפיהלט, אזוי ווי ער וואָלט מאקע קיין נאָז ניט געהאַט.

בעני דרעהט זיך אום מיט'ן פּנים צו זיין וואוינונג און זעהט ווי זיין פרוי שטעהט אין פענסטער און לאכט פון איהם. זי האָט געמוזט פערשטעהן וואָרום ער האָט זיך אָבגעשטעלט נעבען דער סטאָר. בעני'ן פערדריסט עס.

דער געדאנק אז ער האָט א נאָז וואָס שמעקט ניט האָט בעני'ן שטארק געמאטערט. וועהרענד ער האָט אויסגעטראָגען זיינע ציי־טונגען צו די קונדען, האָט ער זיך אָבגעשטעלט ביי יערען מיסט־קאסטען און פּרובירט זיין חוש הריח. ער האָט גאָר קיינמאָל ניט געוואוסט וואָס פאר א קאליקע ער איז אויפ'ן נאָז. ווען ער איז פער־בייגעגאנגען א בלומען־סטענד האָט ער זיך ווידער אָבגעשטעלט, גענומען עטליכע בלומען אין האנד און פּרובירט צו שמעקען — גאָר ניט! עס האָט איין ריח מיט די צייטונגען וואָס ער טראָגט ארום.

עס איז איהם איינגעפאלען א געדאנק צו קויפען עטליכע בלו־מען און ברייגנען אהיים, טאָמער וועט דאָס א ביסעל בערוהיגען זיין פרוי. אָבער ווען ער איז געקומען אהיים האָט ער זי געפונען גיסענדיג עפּעס אין די ווינקלען, אויפ'ן פוסבאָדען און ארום די פענסטער.

„נאַ דיר עטליכע בלומען", האָט ער געזאָגט, וועט דיר ווערען לייכטער."

זי האָט גענומען די בלומען צום נאָז און אויסגערופען:

„אַי, א מענש אָהן א נאָז זאָל גאָר ניט געבוירען ווערען! די בלומען שמעקען דאָך גאָר ניט!"

„נו!" האָט בעני א קוועטש געטהאָן מיט די פּלייצעס. „וואָס גיסטו דאָס איבער'ן הויז?"

„איך בענים די הויז מיט עסיג, עס זאָל פערטרייבען די נודנע־קייט. עס טרייבט מיר צו חלשות.“

בעני האָט גענומען די פלאַש עסיג צום נאָז און גענומען שמע־קען אויפ'ן קול.

„נו?“ האָט בעסי געפרעגט מיט א שמייכעל, „הערסטו עפּעס א ריח?“

„יעס“, האָט בעני געזאָגט, „איך פיהל א פייכטקייט.“

בעטסי האָט זיך צולאַכט און איז גלייך געוואָרען טרויעריג.

* * *

צוויי וואָכען האָבען זיך בעטסי און די קינדער דאָרט אויס־געמוטשעט. עס איז פאַר איהר אונמעגליך געווען מיט פיער פיצלעך קינדער צו געהן זוכען א וואוינונג און זי האָט געמוזט וואַרטען ביז בעני וועט זיך אָבקלייבען א צייט צו זוכען. בעני האָט ענדליך געפונען א וואוינונג אין מעדיסאָן סטריט. דאָס איז פאַר איהם געווען ווי געוואונשען, ווייל די מעדיסאָן סטריט טראַמוויי געהט דורך ניט ווייט פון זיין געגענד.

דיעזען מאָל האָבען זיי ארויסגעמופט אין דער פריה. בעטסי מיט די קינדער מיט דעם וואָגען מעבעל זיינען אָבגעפאָהרען פריהער, בעני איז אונטערגעקומען א ביסעל שפּעטער.

ווען ער איז ארויף אין די צימערען איז שוין אַלעס געווען ארויפגעטראָגען, אָבער קיין זאַך צושטעלט אויף אָן אָרט, און בעטסי איז געלעגען מיט דאָס קלענסטע קינד אויף א פערינע און האָט ביטער געוויינט.

„וואָס וויינסטו?“ האָט בעני געפרעגט פערזאָרגט און פער־וואונדערט. „די וואוינונג דיר ניט געפעלען? דאַכצעך ליכטיגע צימערען פינף שטיק. און נאָך א וואַנע דערצו, וועסט זיך קענען באָדען אַלע חודש ווי די אפּטאַונער.“

„אונגליקליכער מענש!“ האָט די פרוי אויסגערופען מיט א פערצווייפעלטען יאָמער אזוי ווי זי וואָלט איהם בעוויינט א טויטען. „צו וואָס האָט דיר גאָט געגעבען א נאָז?“

„וואָס איז?“ האָט בעני געפרעגט ערשראָקען. „וואָס שמעקט

שוין ווידער? איך האָב אליין פריהער ארומגעזעהן — דאָ איז ניטאָ קיין לימבורגער קעז סטאָר."

„דאָ איז א פאבריק פון זויערע אוגערקעס, גראדע דיר אויפ'ן נאָז. עס שמעקט עסיג פאר צעהן בלאָק ארום — עס איז ניט אויס־צוהאלטען! עס פערכאפּט די נשמה. איך האָב שוין אויפגעגעסען דריי אוגערקעס אום עס זאָל אראָב די סקאָמע אין מויל. שלומיאל, וואו איז געווען דיין נאָז? מעהר וועסטו מיר ניט דינגען קיין וואוי־נונג. איך וועל ארייננעהמען א דיענסט אין הויז און אליין געהן זוכען א וואוינונג."

„איז ווידער מופען?" האָט בעני געפרעגט פערצווייפעלט.

„וואָס רען? דו מיינסט איך וועל דאָ זיצען און קראנק ווערען מיט די קינדער? פּטור געוואָרען פון איין עיפּוש און ארייננעפאלען אין אן אנדער עיפּוש — נא דיר!"

בעני האָט זיך שטילערהייט ארויסגע'גנב'עט פון הויז און איז ארויס אין גאס ארומשמעקען דעם געגענד. יעדע וויילע האָט ער זיך ארומגעקוקט אויב בעטסי קוקט איהם ניט נאָך פון פענסטער. ער געהט און שמעקט, אָבער ער פיהלט גאָר ניט.

„בעטסי איז גערעכט", האָט ער זיך געטראכט. „צו וואָס טאָקע דארף איך האָבען א נאָז אז איך האָב פון איהם קיין נוצען."

בעני איז א צייט ארומגעגאנגען מרה שחורה'דיג. ער האָט בעטסי'ן גלייך אין די אויגען ניט געקענט קוקען. זי האָט צו איהם וויניג גערעדט. נור איינמאָל, פרייטאג, האָט זי איהם עמפּפאנגען מיט א פרעהליכען פּנים און געזאָגט:

„הער, בעני, מיר וועלען שוין דאָ אָבוואוינען דעם מאָנאט. עס איז געבליבען בסך הכל נאָך צעהן טעג. א שאָדען געלד. איך האָב געפונען א פיינע וואוינונג אין גרענד סטריט. עס הייסט מיין שוועסטער האָט עס געפונען פאר אונז. נא דיר די אדרעסע מיט'ן נאָמען פון לענדלאָרד און געה מאך מיט איהם אָב."

„ווער וויים וואָס דאָרטען שמעקט!" האָט בעני געזאָגט פערזאָרגט.

„דאָרט שמעקט שוין ניט. מיין שוועסטער איז דאָרט געווען

און האָט געזעהן די וואוינונג. פינף צימערען מיט א וואנע פאר דריי און צוואנציג דאָלאר. נעה אריבער, מען וועט נאָך אויסכאַפּען".

* * *

עס זיינען אריבער דריי וואָכען. בעני מיט זיין הויזגעזינד האָבען שוין געוואוינט אין זייער נייע דירה אויף גרענד סטריט און זיינען געווען גליקליך.

גליק דויערט אָבער ניט לאַנג.

איינמאָל, ווען בעני איז געקומען פון ביזנעס אהיים, האָט איהם זיין פרוי דערצעהלט א נייעס, אז די שטאָדט רייסט אויף די גאַס, ווייל מען וויל לייגען נייע דראָטען פאר'ן טעלעפאָן.

„איך האָב טאקע געזעהן אז מען גראָבט", האָט בעני געזאָגט.

„בעגראָבען זאָלען זיי ווערען די וואָס טהוען אויף אָלע נייע זאכען!" האָט בעטסי געשאָלטען מיט הארץ. „עס וועט אונז ווידער אויסקומען ענטלויפען. עס הערט זיך שוין גאז. מען קען שוין קיין פענסטער ניט האַלטען אָפען. סעמקע האָט שוין געקראָגען א קאָפּ־וועהטאָג. מאָרגען וועט זיך די גאז נאָך מעהר לאָזען הערען."

„דאָס וועט אָבער לאַנג ניט דויערען", האָט זי בעני געטרייסט. „מען וועט די גאַס צוריק פערשיטען און אויסגלייכען."

בעני'ס טרייסט איז אָבער ניט אזוי גיך מקוים געוואָרען. די גאַס איז אויפגעבראָכען געוואָרען נאָך טיעפער, און דער ריח פון די גאז איז געוואָרען נאָך שטארקער. די ארבייט איז אָנגעגאנגען זעהר לאַנגזאם און די גאַס איז אָפען נאָך יעצט אויך. די פענסטער אין בעני'ס וואוינונג זיינען אימער פערמאכט און צוויי קינדערלעך זיינען קראַנק. א דאָקטאָר האָט געהייסען ארויסמופען און בעני וויים נעבעך ניט וואָס צו טהאָן.

„זעהסטו", זאָגט ער אָפּט צו זיין פרוי, „אז דו מיט דיין שוועסטער האָבען שוין יאָ גוטע נעזוכט טאָ וואָס האָט איהר אויס־געפיהרט? איך זאָג דיר, בעטסי, אז עס איז ניטאָ קיין מזל העלפט ניט קיין נאָז!"

אַ פּיאַנאָ אָדער אַ נעה מאַשין

צוויי גוטע פריינד,ביידע יונגע באַלעבעסלעך, האָבען זיך בע־געגענט אין גאַס.

„וואוהין געהסטו, סעם?“ האָט איינער געפרעגט דעם אַנ־דערן.

„איך געה קויפען מיין ווייב אַ פּיאַנאָ“, האָט סעם געענט־פערט.

„ביזט אַ נאַר!“ האָט אויסגערופען דער ערשטער, וועמעס נאָמען איז געוועזען מאַקס. „שוין אַ האַלב יאָהר אַז דו האָסט חתונה געהאַט, און ווייסט נאָך אַלץ ניט ווי צו בעהערשען אַ ווייב! וואָס הייסט אַ פּיאַנאָ? וועסט זי דאָך איבערפיהרען, וועסט זי צולאָזען מאַכען. ווי נור דו נעהמסט אַריין אַ פּיאַנאָ אין הויז, ווערט שוין דיין ווייב אַ גאַנצע לײדי: זי וועט זיך אָנהויבען עקסטראַ צו פּוּ־צען, צו קליידען, וועט אַרומגעהן איבער דעפּאַרטמענט סטאָרס און זוכען נייע מאָדעס. קיין איד זאָל ניט וויסען פון אַ פּיאַנאָ. עס איז אַ גוטע זאַך פאַר די קאַפּיטאַליסטען, אָבער ניט פאַר אַ נאַש־בראַט וואָס דאַרף אַרומגעהן און מאַכען ביזנעס פאַר פּרעמדע.“

סעם האָט זיך פערטראַכט, און מאַקס האָט ווייטער גערעדט:

„זעהסטו, סעם, איך גיב ניט נאָך אַזוי מיין ווייב'ס ווילען. ביי מיר וואָלט זי גאָר ניט געהאַט די העזה צו בעטען אַ פּיאַנאָ, אַ נעה־מאַשין האָט זי געבעטען, זאָל איך איהר קויפען. ערשטענס, זאָגט זי, איז דאָס אַ ציערונג אין אַ הויז, אַ שטיקע מעבעל, און צווייטענס, איז מיט אַ מאַשין אין הויז קען מען שפּאָרען אַ סך געלד. אין איין יאָהר שפּאָרט מען איין וואָס די מאַשין קאָסט.“

„און דו וועסט איהר קויפען אַ נעה־מאַשין?“

„יעס, און דו?“

„איך וועל קויפען מיין ווייב אַ פּיאַנאָ“.

און די צוויי פריינד האָבען געוואונשען איינע די אַנדערע אַ גוטען טאָג און זיי זיינען זיך צוגאַנגען.

* * *

א האלב יאהר איז אריבער. מאקס און סעם האבען זיך ווײַ־דער בעגעגענט.

„וואס מאכסטו, מאקס?"

„אה, סעם? העלאו, העלאו!"

„איך פרעג דיך, מאקס: וואס מאכסטו?"

„אה, זעהר גוט, זעהר גוט. וואס מאכסטו? ווי געהט עס דיר?"

„מיר — ניש־קשה", האט געענטפערט סעם. „עס האט גע־קענט בעסער זיין."

מאקס האט איהם אנגעקוקט אין די אויגען. ער האט ערוואר־טעט, אז סעם וועט איהם פרעגען עפעס א פראגע, און דאך האט ער ניט געוואלט, אז סעם זאל דאס איהם פרעגען. אום צו פערכאפען סעם'ען דעם וועג, האט ער איהם א פרעג געטהאן:

„סעם, דו האסט, דאכט זיך, געקויפט א פיאנא פאר דיין ווייב. נו, האסטו נאך קיין חרטה ניט?"

„איידער איך וועל דיר ענטפערען", האט סעם געזאגט, „וויל איך אליין דיך פרעגען א פראגע: דו האסט, דאכט זיך, געקויפט דיין ווייב א נעה־מאשין — זאג, ביזטו צופריעדען?"

מאקס האט אראבגענומען די ברילען פון זיין נאז און גענומען ווישען די גלעזלעך, אזוי ווי ער גרייט זיך צו עפעס.

„דו שווייגסט, אה," האט סעם געזאגט. „איך זעה, אז דו ביזט ניט צופריעדען. איך וועל דיר מאכען א פארשלאג, מאקס. לאמיר זיין אפענהערציג, אזוי ווי אמת'ע גוטע פריינד, עהרליכע מענשען. לאמיר איינע די אנדערע דערצעהלען אונזערע ביידענס ערפאהרונגען. דו דערצעהל וועגען דיין נעה־מאשין און איך וועל דערצעהלען וועגען מיין פיאנא."

„אל ראיט", האט געזאגט סעם און אנגעהויבען צו דערצעהלען זיין געשיכטע. „זייט איך האב ארייגגענומען די פיאנא האט זיך ביי מיר אין הויז אנגעפאנגען א נייער לעבען. די ערשטע זאך וואס איך האב בעמערקט איז אז מיין פרוי איז געווארען עקאנא־מיש, שטארק אויסגערעכענט מיט'ן סענט. עס האט זיך איהר גע־וואלט וואס שנעלער אויסצאהלען פאר דער פיאנא. ערשטענס, ווייל פאר יעדע איינצאהלונג וואס זי צאהלט איין פאראויס, קריגט

זי עפעס ארונטער, און צוויטענס, וויל זי וואס שנעלער פון זיך אראבווארפען דעם יאך פון דעם חוב. די פיאנא און די מוזיק־לעד סאנס האבען פון איהר קאפ ארויסגעשלאגען א סך נארישקייטען. זי רעדט יעצט ניט וועגען מיסעס בולקין'ס קליידער און ניט וועגען מיסעס טשערעפאכע'ס בריליאנטענע אויררינגלעך. איהר קאפ איז פערנומען מיט וויכטיגערעס. אויסער דעם האט זי צו מיר אנגע־הויבען פיהלען א מין גרויסע דאנקבארקייט. יעדען מאל ווען איך גיב א קוק אויף דער פיאנא, טרייסט זי מיך און זאגט אז איך זאל ניט זארגען, זי וועט אליין אויסצאהלען פאר דער פיאנא, זי וועט עס פון דער הוצאה אבשפארען. צוליעב דער פיאנא האט זי אנגעהויי־בען צו זיין פארזיכטיג, און ביסלעכווייז איז זי געווארען אן אויס־געצייכענטע עקאנאמישע ווירטהין. נאטירליך מוז איך זאגען אז איך בין העכסט צופריעדען פון מיין פיאנא. יעצט דערצעהל דו."

„נו, נו", האט מאקס א זיפץ געטהאן. „מיט מיר איז שוין געגאנגען מיט'ן פוטער אראב, ווי מען זאגט. זייט איך האב אריינ־גענומען די מאשין אין הויז, איז ניט איך האב רוה און ניט מיין ווייב האט רוה. כסדר קויפט זי מציאות, אלערליי רעשטלעך, שטיקלעך, מציאות, און נעהט קליידלעך, יאקלעך, אונטערוועש, פארטיכער, ציכלעך און נאך אזעלכע זאכען, סאי מען דארף, סאי מען דארף ניט. אלע וואר דערראבס און פאליצעס, און וואו עס איז דא נור א ווינקעל, אדער א קעסטעל, ליגען אנגענעהטע זאכען. מיין ווייב רק זי נעהט און נעהט. זי נעהט אזוי פיעל דאס זי האט נאר קיין צייט ריכטיג צו בעזארגען די קיך. עס טרעפט אמאל, אז איך קום אהיים און דער סאפער איז נאך ניט פארטיג. פרעג איך איהר ווארום קומט דאס מיר ווארטען א הונגעריגער? הויבט זי מיט מיר אן צו טענה'ן אז איך בין א מאן וואס ווייס ניט ווי צו שע ען אן עקאנאמישע פרוי. אט אזא קליידעל ווי זי האט היינט גענמאכט, דארף קאסטען ביי ציגעלע מיגעל קאמפאניע פינף דאלער, און איהר קאסט עס בלויז 78 סענט. האט זי מיר געשפארט פיער דאלאר־מיט 22 סענט — און מיר איז נאך ניט ניחא! הויב איך זיך אן ביי איהר צו בעטען: טהייערע, הארציגע! האסט דאך שוין! אכט אדער ניין קליידלעך, זאל שוין זיין גענוג! גיט זי מיר אוועק א גאב פאר דעם וואס איך וויל ניט אנהויבען צו פערשטעהן אז אויף די

אלע קליידלעך האָט זי מיר איינגעשפּאָרט אפשר 30 דאָלער. „עס וואלגע־ט זיך עפּעס ביי דיר 30 דאָלער?" פרעגט זי מיך — היינט נעה טענה זיך אוים מיט א אידענע!"

„זעהסטו!" האָט סעם אויסגערופען מיט נצחון. „ווען דו וואָלסט געטהאָן אזוי ווי איך און געקויפט דיין ווייב א פּיאנאָ אָנ־שטאָט א נעה־מאשין, וואָלסטו קיין חרטה ניט געקראָגען!"

„אה, זאָג דאָס ניט," האָט מאקס געענטפערט. „עס איז ניט די פּיאנאָ שולדיג אין דעם און ניט די נעה־מאשין. עס איז מזל. עס זיינען דאָ אזעלכע מזל'דיגע מענשען אז ווען זיי פאלען אריין אין וואסער, שווימען זיי ארוים מיט א שטיק געפילטע פיש אין מויל, און עס זיינען דאָ אזעלכע וואָס כאָטש צוריים זיך, נעהמט זיי ניט, ווייל זיי זיינען שלימאזאָלעס. סעם, דו האָסט אזא מזל, דו האָסט אזא ווייב."

„מעגליך," האָט סעם געענטפערט.

אַ קעניג אין אַמעריקאַ

ווי אַזוי מיסטער מענדעל האָט געהאַט דעם מזל צו קיניגען אין קאָלומבוס'עס מדינה צוויי טעג מיט צוויי נעכט.

ליעבער פריינד מענדעל!

שוין אַ לאַנגע צייט אַז איך האָב דיר ניט געשריבען קיין בריעף, פשוט ווייל עס איז ניט געווען וועגען וואָס צו שרייבען, אָבער יעצט האָט מיט מיר פּאַסירט עטוואָס, איז ווערטה צוליעב דעם נעהמען אַ פען אין האַנד און אויסשרייבען דיר די גאַנצע געשיכטע מיט אַלע איינצעלהייטען.

דו ווייסט דאָך די מעשה פון שאול וואהל, דער איד, וועלכער האָט געקיניגט איבער פוילען אַ גאַנצען מעת־לעת. פּונקט אַזאַ זאַך, און נאָך אַ גרעסערע האָט פּאַסירט מיט מיר אין אַמעריקאַ צוויי טעג מיט צוויי נעכט. דו הערסט, אַ ק ע נ י ג, זאָג איך, ניט קיין פּרעזידענט. אַ קעניג אין אַ רעפּובליקאַנישע מדינה. דו פערשטעהסט?

איך שטעל דיך פאָר ווי דו שאָקעלסט דיין קאָפּ און מיינסט, אַז איך מאַך חוזק פון דיר. האָב נור געדולד, ליעבער מענדעל, און דו וועסט זעהן אַז היינטיגע צייטען איז אַלעס מעגליך, אפילו אַז אַ איד וואָס איז ערשט אַ יאָהר פון ביאַליסטאָק, זאָל ווערען אַ מלך אין אַמעריקאַ.

ביי אַ יאָהר צייט האָב איך זיך אָבגעמאַטערט אין ניו יאָרק און זיך ניט געקענט צושלאָגען צו קיין זאַך. אַז איך זאָל דיר נעהמען אויסרעכענען די פערשיעדענע פּרנסות וואָס איך האָב איבער־פּרובירט אין אַמעריקאַ, וואָלט ניט סטייען קיין פּאַפּיער. אָבער נאָכדעם ווי איך האָב זיך אָבגעמוטשעט אַ יאָהר, איז מיר צופעליג אריינגעפאַלען אין האַנד אַ קאַרטעל וואָס מאַכט בעקאַנט אַז מען זוכט אַרבייטער ערגעץ אין אַ קאַנטאָר אין אידישען קוואַרטאַל.

קום איך אַהין, נעפּין איך אַ יונגען מאַן ביי אַ שרייב־טיש. איך זאָג איהם וועגען וואָס איך בין געקומען און ער זאָגט מיר אַז די אַר־

בייט איז ביי א הונדערט מייל פון ניו יארק, אין א בעוואוסטען פאבריק. קיין פאך־מאן דארף מען ניט זיין, די ארבייט איז זעהר א לייכטע און פאר אן אנפאנג וועל איך בעקומען ניין דאלאר א וואך, און מיינע רייזע־קאסטען וועט מען אויך בעצאהלען.

איך האב מיט איהם אבגעמאכט, אז איך זאל קומען אויף מארגען אין זיין קאנטאר און ער זאל מיר אבפיהרען צו דער באהן.

צוזאמען מיט מיר זיינען געפאהרען נאך א צעהן יונגע לייט, אלע אין דער זעלבער לאגע ווי איך. מיר האבען אויפ׳ן וועג ווע־ניג גערעדט. אין אמעריקא איז ניט ווי אין דער היים. דא האל־טען זיך פרעמדע מענשען פון דערווייטענס און עס איז ניט אזוי לייכט צו מאכען בעקאנטשאפט אונטערוועגס. נעבען מיר איז גע־זעסען א פאליאק, האט ער מיר געזאגט, אז ער האט מורא, אז דארט וואו מיר פאהרען ארבייטען איז א סטרייק, און אז מען וויל מיר זא־לען פערנעהמען דעם פלאץ פון די סטרייקער. זאג איך צו איהם: „וואס וועלען מיר צולייגען? מיר וועלען דארט זיין, וועלען מיר זעהן. אפשר איז גאר דארט קיין סטרייק ניטא.“

ווען אונזער טריין, עם הייסט אונזער פאיעזד, איז אנגעקומען אין יענער שטעדטעל, האבען מיר געזעהען אז אויף דער פלאטפאר־מע איז א גאנצער יום טוב. עס איז דארט געוועזען א גרויסער עולם און אויך פאליצייסקע. איך האב פערשטאנען אז דעם פאראד האט מען געמאכט צוליעב אונז. נור מיר זיינען ארונטער פון וואגאן, האט זיך דער עולם אנגעהויבען צו רוקען צו אונז. איינינע פון עולם זיינען צוגעגאנגען און אנגעהויבען צו ריידען צו מיר און צו די יונגע לייט וואס זיינען געקומען מיט מיר. זיי האבען גערעדט אין ענגליש און איך האב ניט פערשטאנען וואס זיי ריידען צו מיר. נו, האב איך געארבייט מיט׳ן קאפ, געזאגט „יעס“ (יא) און „נא“ (ניין), ווי עס איז מיר אריין אין מויל, ניט ווימענדיג אויף וואס איך זאג „יעס“ און אויף וואס „נא“.

איך האב געזעהן, אז די אנדערע לייט וואס זיינען געקומען מיט מיר לאזען זיך איבערריידען. אבער מיין בעל־דברן איז ווי עס שיינט געוועזען א בייזער. איך האב מסתמא ניט געזאגט דעם „יעס“ אדער דעם „נא“ אויפ׳ן ריכטיגען ארט און ער האט זיך אנגעצונדען, און מיר דערלאנגט א בוכצע אין זייט.

דא איז געקומען מיין ישועה. איידער ער האט צייט געהאט צו געבען מיר א צוויימען בוכץ, זיינען שוין פינף פאליציייסקע גע־ ווען ארום מיר און צוויי געבען איהם. די צוויי האבען איהם גע־ נומען אונטער'ן ארעם, אזוי ווי אונטערפיהרער און מיט איהם אוועק. די פינף האבען גענומען ריידען צו מיר זעהר ווייך. פון מיין זאגען „יעס" און „נא" האבען זיי פערשטאנען אז איך הויב זיי ניט אן צו פערשטעהן. זיי האבען צוגעבופען א מאן, וואס איז גע־ שטאנען צווישען עולם ער זאל זיין צווישען אונז א דאלמעטשער. דער דאלמעטשער האט גענומען ריידען צו מיר דייטש, און פון זיין דייטש האב איך פערשטאנען, אז ער איז א קאוונער. קיין אידיש האט ער ניט געוואלט ריידען, כאטש גיב איהם א קריינק, נור דייטש האט ער גערעדט. די פאליסלייטע האבען איהם אויך ווי עס וויזט אוים פערשטאנען מיט גרויסע מאטערנעס. איך בין אבער זיכער, אז ער האט גערעדט ענגליש בעסער ווי דייטש.

איך האב ערקלעהרט דעם צוועק פון מיין קומען און געצייגט א בריעף צו דער פירמע, צו וועלכע איך פאהר. די פאליסלייטע האבען מיר אריינגעזעצט אין א גרויסען אויטאמאביל, איינער האט זיך געזעצט מיט דעם מאשיניסט, און פיער האבען זיך געזעצט אינוועניג מיט מיר. אויפ'ן וועג האבען זיי גערעדט צו מיר זעהר פריינדליך, האבען מיך גערופען „גוד באי", עס הייסט „גוטער ברו־ דער" און געזאגט, אז איך בין „אל־ראיט", עס הייסט א מאלאדיעץ.

דער אויטאמאביל האט מיך צוגעפיהרט צו א גרויסארטיגען האטעל, מיט גרינע פאלמען בוידער פון דרויסען, און מיט דיענער און שווייצארען אין אוניפארמען. „פאר וואס קומט דאס מיר?" האב איך זיך געטראכט. אבער מען האט מיך ניט געלאזט טראכ־ טען. די פאליסלייטע זיינען אוועק און די דיענער האבען מיך אריינגעפיהרט אין א גרויסארטיגען צימער מיט א וואנע דערביי. די וואנע, פערשטעהט זיך, איז בלויז פון א ציערונג וועגען. קיינער באדט זיך ניט אין דעם. דאס האב איך גלייך בעמערקט זעהענדיג ווי ריין דאס איז, גאר אהן א פלעק, אזוי ווי קיינער האט דאס גאר ניט אנגעריהרט. אבער לכבוד מיר האט א דיענער אנגעפילט די וואנע מיט ווארימע וואסער. ער האט מיר געבראכט זייף און טהיי־ ערע האנדטיכער, און אויך ריינע אונטערוועש.

אז איך האָב זיך אָבגעוואַשען און איבערגעטהאָן, האָט מיך אַן אנדער דיענער ארונטערגעפיהרט אונטען אין א גרויסען זאאל מיט טישען. מען האָט מיר דערלאַנגט דאָס פיינסטע עסען, אַזעלכע מאכלים וואָס איך האָב קיינמאָל אין לעבען ניט פערזוכט, און מייערע ווײַנען דערצו. ביים עסען האָב איך שוין נעגומען טראַכ־טען וואָס דאָ טהוט זיך מיט מיר. פאר וועלכען זכות אבות קאָר־מעט מען מיך און מען שטאָפּט מיך ווי א קאַטשקע אויף פּסח?

און אפשר, האָב איך זיך געטראכט צוריק, אפשר האָט אין דער צייט וואָס איך בין ארוים פון ניו יאָרק, אויסגעבראָכען די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן און דער ארבייטער איז יעצט דער אמת'ער בעל הבית פון אַלעס וואָס איז דאָ אויף דער וועלט, און איהם קומט דער שעהנ־סטער צימער אין האָטעל, מיט א וואַנע, און מיט די פיינסטע מאכלים און בעסטע ווײַנען?

די ווײַנען האָב איך גאָר ניט געזשאַלעוועט. איך האָב געגאָ־סען א גלעזעל נאָך א גלעזעל. נאָך דעם עסען האָט מען מיך צוריק ארויפגעפיהרט אין מיין צימער, אָבער איידער איך האָב צייט גע־האָט זיך צו לייגען שלאָפען, האָט מען מיר געזאָגט, אז דער סיטי מעיר וויל מיך זעהן. א סיטי מעיר איז דער בירגערמייסטער פון שטאָדט.

דער סיטי מעיר איז געוועזען א מיטעל־יעהריגער מאַן מיט א בלאָנדער בערדיל און א דייטש. צוזאמען מיט איהם זיינען געקור־מען די אַלדערמען. דאָס זיינען די „גלאַסני". דער סיטי מעיר האָט צו מיר גערעדט דייטש און האָט פאר מיר פאָרגעשטעלט די אַלדערמען יעדען בעזונדער. (זיי זיינען געוועזען ביי אכט שטיק). ער האָט געהאַלטען א קורצע רעדע פאר מיר אין דייטש און האָט געזאָגט, אז ער איז געקומען מיך בעגריסען אין נאָמען פון דער גאַנ־צער שטאָדט, דערפאר וואָס איך האָב ארויסגעציינט מוט און א פעסטען בעשלוס צו בעשיצען די אינדוסטריע פון לאַנד, די פרייהייט פון אמעריקא געגען די סטרייקער און רעוואָלוציאָנערען, וואָס ווילען חרוב מאכען דאָס לאַנד. ער האָט געענדיגט מיט דעם, אז כאָטש פאָרלויפיג בין איך דער איינציגער וואָס האָט זיך אונטערנומען צו בעשיצען די אינטערעסען פון אינדוסטריע און פרייהייט פון קאַפּי־

מאל. דאך האפט ער אז מיין גוטע טהאט וועט דיענען אלס א ביי־שפיעל צו אנדערע ארבייטער.

אבוואהל אין קאפ האט זיך מיר גוט געדרעהט פון דעם וויין, און איך האב דעם סיטי מעיר׳ס דרשה געמוזט הערען זיצענדיג, ווייל איך האב ניט געקענט שטעהן אויף די פיס, דאך האבען מיר זיינע ווערטער א ביסעל קלאר געמאכט די געשיכטע. אהא, טראכט איך מיר, איך בין געווארען א גאנצער יא טעבע דאם! עס איז בע־שערט געווען פאר אמעריקא אז איך זאל קומען פון ביאליסטאק צו ראטעווען די אינדוסטריע פון לאנד. איך האב ביי זיך גענומען פיהלען זעהר גרויס, און דער מעיאר איז אוועק, האב איך זיך אריינ־געלייגט מיט די שטיוועל אין בעט און איינגעשלאפען.

אז איך בין אויפגעשטאנען איז שוין געווען ארום ניין. איך בין געשלאפען דרייצעהן שטונדען. ווי איך האב נור זיך א טשוכע געטהאן האט זיך בעוויעזען א דיענער. ער האט מיר געבראכט פרישע האנדטיכער און מיר געהאלפען זיך ארומוואשען, און א בי־סעל אבפוצען מיינע קליידער. נאכדעם איז געקומען א מאן מיך ארומצוראזירען.

„קומט עסען פריהשטיק און נאכדעם וועט איהר פאהרען צו דער ארבייט“, האט צו מיר געזאגט דער דיענער. מעהר ווי די צוויי ווערטער „ברעקפעסט“ (פריהשטיק) און „וואירק“(ארבייט) האב איך ניט פערשטאנען, אבער דאס איז געווען גענוג איך זאל פער־שטעהן די אנדערע ווערטער.

א פריהשטיק האב איך געהאט פון כל טוב: אפעלסינען מיט צוקער, געבאקטע עפעל מיט זיסע שמעטענע, פיינע קאקא מיט אזעלכע הייסע פאמפושקעס. פיער מאל האט מען מיר דערלאנגט פאמפושקעס און איך האב אלע אויפגעגעסען.

נאך דעם פריהשטיק האט מען מיך ארויסגעפיהרט צום אויטא־מאביל. דארט זיינען געזעסען זעקס פאליסלייטע מיך צו בעגליי־טען. פון פארענט זיינען געפאהרען פאליסלייטע רייטענדיג אויף פערד און פון הינטען איז געפאהרען נאך אן אויטאמאביל און אין דעם איז געזעסען דער סיטי מעיר און נאך א מאן אין א יוניפארם. מען האט מיר שפעטער געזאגט, אז דאס איז געווען דער פאליצײ־מייסטער.

אויפ'ן וועג האָב איך נעהאַט אַ מאָדנעם קבלת פנים. די נאַ־סען זיינען געווען אויסגעשטעלט מיט פּאָליסלייט און מיט סאָלדאַ־טען, און זיי האָבען נעטריבען מענשען פון גאַס, ניט געלאָזט מאַכען קיין רעדלעך, פּונקט ווי אין קריעגס־צושטאַנד. פון די פענסטער פון די הייזער האָט מען אונז בעגריסט אויף פערש ערענע אופנים. פון די אָרימע האָט מען געשריען: „סקעב! סקעב!“ (אַזוי רופט מען איינעם וואָס פערנעהמט אַ סטרייקער'ס פּלאַץ) און פון די רייכע הייזער האָט מען פאַר מיר געשריען הוררא און דאַמען האָבען אויף מיר געוואָרפען בלומען.

ברוך השם, איך בין שוין אין פאבריק און איך מיין אז אַט וועט מען מיך שטעלען צו דער ארבייט. מען פיהרט מיך אריין. די פאבריק איז זעהר אַ גרויסע, און מאַשינען זיינען דאָרט דאָ אפשר פאר זעקס הונדערט ארבייטער. אָבער איך האָב דאָרט קיי־נעם ניט געפונען אויסער דעם בעל הבית אליין. ער האָט געדריקט מיינע ביידע הענד און געזאָגט אז ארבייטען וועל איך ניט דאַרפען. איך דאַרף נור זיצען ביי אַ מאַשין און דרעהען אַ הענטעל אַ האלבע שטונדע אין טאָג, און דערפאַר וועל איך בעקומען ניין דאָלער אַ וואָך נעהאַלט און הונדערט דאָלער אַ מתנה. דער בעל הבית האָט צו מיר גערעדט דורך דעם סיטי מעיר, וועלכער, ווי איך האָב שוין דיר געזאָגט, רעדט דייטש. ער האָט מיר ערקלעהרט אז ער בויט זעהר פיעל אויף מיר, ניט ווייל ער ערוואַרטעט פון מיר ארבייט, נור צו־ליעב דעם מאָראַלישען זיעג, עס הייסט אז דורך מיר וועט ער צוויי־נען דאָס ער קען קריגען ארבייטער להכעיס דער יוניאָן, כאָטש דער־ווייל איין איינציגען ארבייטער, אָבער אויספיהרען וועט ער!

צעהן מינוטען בין איך געזעסען ביי דער מאַשין און האָב אָנ־געהויבען צו נענעצען. ווי דער בעל הבית האָט דערזעהן מיין גע־נעץ, האָט ער מיך אוועקגעשיקט אין זיין פריוואַט־צימער און גע־הייסען זיך צולייגען אויף אַ סאָפע. ער האָט מיר דערלאַנגט אַ פיינעם האַוואַנאַ סיגאַר, און איך בין רויכענדיג איינגעשלאָפען.

עס האָט זיך מיר גע'חלום'ט, אַז איך בין אַ קעניג און איך זיץ אויף אַ טהראָן מיט אַ קרוין אויפ'ן קאָפּ, און דאָס פאָלקט בוקט זיך פאַר מיר און שרייט: „הורראה פאר זיין מאַיעסטעט קעניג פענדל פון ביאַליסטאָק!“

איך בין אַבגעשלאָפען אזוי ביי א פּאָאר שטונדען. מיין בעל־הבית האָט מיך אויפגעוועקט און געזאָגט, אז איך קען שוין געהן אהיים ווייל, איך האָב היינט גענוג געארבייט. אין דרויסען האָט מיך אָבגעווארט דער זעלבער אויטאָמאָביל מיט א בעגלייטונג פון פּאָליסלייטע, און זיי האָבען מיך אָבגעפיהרט צום האָטעל.

עס איז געווען דער זעלבער מארשרוט און איך האָב בעקומען דיזעלבע אָוואציעס, פיינדליכע און פריינדליכע. איך האָב זיך אָנגעפאנגען פיהלען ווי אַן אמת'ער קעניג. דער חלום האָט אויף מיר געמאכט א שטארקען איינדרוק.

א גאנצען טאָג האָב איך געהאַלטען אין עסען, טרינקען און רויכערען גוטע סיגארען. דער פּאָליצמייסטער איז געקומען מיך פרעגען אויב מיר פעהלט עפּעס. „א הערינג!" האָט זיך מיר אויסגערעדט. אין 15 מינוטען ארום האָט מען מיר געבראכט אַן אמת'ען אידישען הערינג, צושניטען מיט פעפער און ציבעלעס און מיט מאסלינעס.

ווידער האָב איך געהאַט א גוטען שלאָף ביי־נאכט. איך בין איינגעשלאָפען מיט דעם געדאנק, אז אמעריקא איז א גאָלדענע מדינה און אז איך פענדל פון ביאַליסטאָק בין דער קעניג פון אמעריקא.

אויף מאָרגען, נאָך פריהשטיק, האָב איך געוואָלט פאָהרען צו דער ארבייט, אָבער דער אויטאָמאָביל איז ניט געקומען. קלעהר איך: מיינע דאגות! איך וועל אָבארבייטען די האַלבע שטונדע נאָכמיטאָג.

אָבער נאָכמיטאָג איז געשעהן א גאנץ אונערווארטעטע זאַך. אַנשטאָט אַן אויטאָמאָביל איז געקומען א פּאטראָל־וואָגען מיט צעהן פּאָליסלייטע. זיי האָבען מיך ארויסגעפיהרט צו דער באהן סטאנציע. דאָרט האָבען זיי פאר מיר גענומען א בילעט און מיך אריינגעזעצט אין וואגאָן, אין א בעזונדער צימער'ל, וואו עס פאָהרען די מיליאָנערען. איינער פון זיי האָט מיר געגעבען א דאָלער אין האנד.

די פּלאַטפאָרמע איז געווען בעלאַגערט מיט מענשען. זיי האָבען געלאַכט און געפייפט ווען זיי האָבען דערזעהן מיך מיט די פּאָליסלייטע. און עס איז מיר געוואָרען קלאָר און דייטליך, אז דעם

„מאַראַלישען זיענ" האָבען נעהאַט די ארבייטער און ניט מיין בעל־הבית. אין הארצען האָב איך זיי אלעמען נעשיקט צו אל די רוחות. האָסטו נעזעהן אַן אקט? פריהער מאכט מען פאר מיר א פאראַד ווי פאר א קעניג און נאָכדעם איז מען מיך משלח אזוי ווי איך וואָלט נעוועזן אַן אָנשיקעניעס.

אָט דאָס, מיין פריינד מענדעל, איז א מענשען'ס מזל אין אמעריקא. היינט ביזטו א קעניג און מאָרגען ניט מען דיר א נדבה און מען ווארפט דיר ארוס.

זיי געזונד!

פון מיר דיין פריינד

פענדל.

א „יהודי" מיט אַ אידען אין איין קאַר

א איד מיט א שעהנע בכבוד'ע באָרד און א פעקעל אין האַנד איז אַרויפגעקראָכען אויף א דריטע עוועניו קאר ביי קאַנעל סטרים, אריינקומענדיג האָט ער זיך אוועקגעזעצט נעבען א רייך־געקליי־דעטען גוט־אָבגעגעסענעם מאַן מיט א אידישע נאָז. יענער, וועל־כער איז געווען א דייטשער איד, א „יאהודי" איז — ווי עס שיינט — געווען אונצופריעדען פון דעם שכן וואָס ער האָט גע־קראָגען, נור ער האָט זיך איינגעהאַלטען און געמאַכט זיך ניט ווייסענדיג. אָבער ווען דער איד האָט ארויסגענומען א רויטע טאַי־שעכטוך און זיך בענוצט דערמיט האָט דער יאהודי זיך א ביסעל אָבגערוקט. דער איד האָט זיך געפיהלט גראַמער און האָט זיך העכער ארויפגערוקט אין זיין זיטץ. דער יאהודי האָט זיך פער־שטעלט מיט א צייטונג דאָס געזיכט און פון דאָרט געוואָרפען בייזע בליקען אויף דעם אידען. דער איד האָט ארויסגענומען א אידישע צייטונג, געלעזען און אויך געוואָרפען בעהאַלטענע בליקען אויף דעם יאהודי.

נעגענאיבער זיי זיינען געזעסען צוויי אידישע ארבייטער און געקייט טאבאק מיט גרוים אפעטיט. ווען זיי האָבען דערזעהן דעם אידען'ס אידישע צייטונג האָבען זיי זיך אין דעם שטאַרק פער־אינטערעסירט. זיי האָבען אויף דער צייטונג דערקענט א בילד, וועלכע איז ערשיענען אין דעמזעלבען טאָג אין אַן ענגלישער צייטונג.

„דאָס מוז זיין די שיני וואָירלד", האָט איינער געזאָגט.

„ניין, דאָס איז די שיני דזשאָירנעל. די זעלבע בילד האָב איך געזעהן אין היינטיגען דזשאָירנעל", האָט געענטפערט דער צווייטער.

„אי וואָנדער, וואַרום די אידען ווילען לעזען נור אידישע צייטונגען?"

„ווייל דאָרט ווערען אדווערטייזט מעהר אָקשען און פּייער־סיילס“.

„זעהסטו, מיקי, אָט יענע גרויסע אדווערטייזמענט, דאָס איז פון א פּייער סייל. סאָלאָמאָן אייזעק פון בעקסטער סטריט האָט אָבגעברענט צום זעכצעהנטען מאָל און, ווייל ער מוז מאַכען פּלאַץ פאר א זיעבצעהנטען פייער פערקויפט ער אוים מיט 50 פּראָצענט ביליגער ווי דער קאָסט־פּרייז“.

„גאָד דעם איט, פּיט, ביזט נערעדט! בי־דזשעבערס, די גרויסע ציילע דאָרט מוז מיינען: עס איז פּאָזיטיוו אונ־זער לעצטער פייער פון סיזאָן“.

„אָה־האָ־האָ, יו סאָן אָף ע גאָן!“ — אוןביידע איירישע האָבען זיך פרעהליך צולאַכט.

דער יאַהודי האָט אָנגעהויבען צו ווערען א ביסעל נערוועז. דער איד האָט געשמייכעלט מיט אַן עכט־אידישען שמייכעל וואָס האָט אויסגעדריקט אי אונטערטעניגקייט אי טראַציגקייט, אי „נר־בין־איך־א־איד“ אי א „איך־האָב־אייך־אין־דער־ערד“. אזוי קען נור שמייכלען א רוסישער איד פון וועמען דער גלות האָט אויס־געקנעטען א גאַנץ בעזאָנדערען מענשען מיט גאַנץ בעזאָנדערע גע־פיהלען. ער האָט אָנגעקוקט נאָך אמאָל זיין שכן דעם יאַהודי מיט דעמזעלבען שמייכעל און יענער האָט איהם צוריק אָנגעקוקט שטאַרק בייז. ביידע האָבען גוט פערשטאַנען איינע די אַנדערע, כאָטש זיי האָבען נערעדט בלויז מיט די אויגען.

דער איד האָט געמוזט טראַכטען: זעהסטו, יאַהודי, ווי מען לאַכט פון אונז!

דער יאַהודי: פון אונז? דאָס לאַכט מען פון דיר!

דער איד: ניין, פון אונז ביידען.

דער יאַהודי: וואָס נעהער איך זיך אַן מיט דיר? איך בין א פּראָגרעסיווער יאַהודי. און דו ביסט א פינסטערער רוסישער איד.

און דער איד האָט אַלץ געשמייכעלט.

„העי, אייק“, האָט איינער פון די צוויי איירישע אויסגערופען, „הוואָט העוו יו גאָט אין דהעט באַנדעל?“ (וואָס האָסטו אין דעם פּעקעל?).

דער איד האָט איהם ניט געענטפערט.

„אייקי!“ האָט ווייעדער אָנגעפאנגען דער איירישער. „לאָז אונז זעהן דיין סחורה. וואָס האָסטו צו פערקויפען? קאָללער באַטענס? סוספענדערס? מעטשעס? (קנעפלעך, הויזען־שלייקעס, צינד־העלצלעך). מיר קויפען אַלעס“.

„אי גאט פאַר יו א מתה משונה ענד ע גוטע קריינק טשיפ, כאָלערע ענד קדחות עט העף פרייז, א וואונד אויף דער צונג פאַר נאָטהינג“ (איך האָב פאַר אייך א מתה משונה און א גוטע קריינק בילינ, כאָלערא און קדחות אויף א העלפט פונ׳ם פרייז, א וואונד אויף דער צונג בחנם.)

„האַרי־אַפּ, גיב עס אהער!“ — האָבען די איירישע געזאָגט.

„איך וועל עס אייך צושיקען מיט׳ן עקספרעס, גיט מיר אייער אדרעסע“.

„ניין, ניין. מיר ווילען עס שוין האָבען! ראַיט היר אין דהיי קאר!“

„א נכפה ווערט! פלענטי אָף טאים. איהר וועט אַלעס קריי־גען מיט דער צייט“.

„מיר מוזען עס שוין האָבען, מיר ווילען ניט וואַרטען“, האָבען די איירישע געשריען.

זיי האָבען פלוצלונג ארויסגעריסען ביים אידען דעם פעקעל פון האַנד און איבער׳ן קאַר האָבען זיך אָנגעהויבען שיטען מגילות מיט המן־קלעפלעך.

„הוריי!“ האָבען די איירישע אויסגערופען. „וואָס איז דאָס אזוינס?“

דער איד האָט געציטערט ווי א בלאַט פאַר כעס און שרעק. ער האָט א קוק געטהאָן אויף דעם יאהודי, נור יענער איז געשטאַנען אין עק קאר מיט׳ן קאָנדוקטאָר. זיי זיינען באַלד ביידע געקומען צום פלאַץ, וואו דער איד איז געשטאַנען.

„וואַרפט זיי ארויס!“ — האָט דער יאהודי געשריען טייטענדיג מיט׳ן פינגער אויף די איירישע. זיי האָבען קיין רעכט צו שטערען דעם פריעדען פון פאַסאַזשירען. וואַרפט זיי אַרויס, עס איז אייער פפליכט!“

דער יאהודי איז געווען רויט פאר כעס און געשריען הויך, נור דער קאָנדוקטאָר האָט אוהם פרובירט איינשטילען.

ער האָט צוזאמענגעקליבען דעם אידענס סחורה, איינגעוויקעלט אין פעקעל און איהם צוריק אומגעקעהרט. דערנאָך האָט ער געבעטען די איירישע זיי זאָלען זיין דזשענטעללייט און פערהאַלטען זיך אנשטענדיג, ווי עס פאסט פאר דזשענטעלליים.

„שטעלט זיי ארוים פון קאר, אָדער איך פערקלאָג אייך ביי דער קאָמפּאניע", האָט דער יאהודי געשריען.

דער קאָנדוקטאָר האָט זיך אָנגעהויבען בעטען ביים יאהודי און איהם פאָרגעלייגט אַן אנדער פּלאַץ. אין מיטען האָט די קאר געסטאָפּט:

„ברוקלין ברידזש!" האָט דער קאָנדוקטאָר אויסגערופען. דער איד איז ארוים פון קאר, נאָך איהם דער יאהודי.

„סיי מיסטער!" האָט דער יאהודי געזאָגט אָנריהרענדיג דעם אידען ביים אָרעם, „ווי טהייער פערקויפט איהר אייערע מגילות?"

דערהערענדיג אַ אידיש וואָרט אויסגערעדט פון אַזאַ הויכע פּערזאָן איז דער איד געוואָרען אויסער זיך פאר שמחה.

„נעהמט זיך אייך וויפיעל איהר ווילט, סער. איך וועל אייך געבען בחנם".

„דאָס וואָס איהר האָט געוואָלט געבען די איירישע? דאָ האָט איהר מיין אַדרעסע. מיין שווינער־פּאָטער לייענט די מגילה און איהר קענט עס מיר מאָרגען ברייגנען. איך וועל אייך בעצאָהלען צו הויז. פערגעסט ניט צו קומען, איך וועל מיט אייך געהן אין דער קאָמפּאניע פערקלאָגען דעם קאָנדוקטאָר. איך וויל איהם געבען אַ לעסאָן".

„פערקלאָגען? אפשר קען מען דערביי מאכען עטליכע דאָלער, נו, וועלען מיר דאָס מאכען אויף דער העלפּט".

„איהר רוסישע אידען בעזיצט ניט אַ האָר זעלבסט־רעספּעקט! איהר האָט נאָר קיין בעגריעף פון עהרען־געפיהל!" האָט דער יאהודי געדונערט. „ביי אייך איז נור געלד און געלד!".

„אָבער", האָט דער רוסישער איד געזאָגט שטיל. „איך מיין דאָך דאָס געלד זאָל מען מאכען פון דער קאָמפּאניע. דעם קאָנ־

דוקטאר וויל איך גארניט טהאן. דער קאנדוקטאר איז א אידיש קינד“.

„א אידיש קינד?“

„יעס, איך דערקען שוין. איך וויים ניט אויב ער איז א יאהודי אדער א איד, אבער איך קען ליינען מיין קאפ דערפאר, אז ער איז א אידיש קינד. דעם בעסטען בעווייז האט איהר, דאס ער האט מורא געהאט ארויסצואווראפען די איירישע פון קאר.

דעם יהודי איז דאס אריין שטארק אין נאז.

„גאנץ מעגליך. עס שיינט אזוי צו זיין. א וואונדער וואס איך האב עס פריהער ניט בעמערקט“.

און די צוויי אידען זיינען זיך צוגאנגנען, דער רוסישער איד טראכטענדיג: א גוטער מענש, נור א ביסעל א שוטה, א דייטש! און דער יאהודי האט זיך געטראכט: די שנארער מוז מען נאך ציוויליזירען. און דאס זיינען געווען צוויי קינדער פון איין שטאם, נור דער מזל האט זיי דערווייטערט.

נײַן טעג

בלעטלעך פון אַן איספּאַרטירטען גדול'ס טאָגעבוך.

דעם ערשטען אויגוסט, אויפ'ן שיף.

„...לאַנד! לאַנד!" הער איך שרייען. איך ווייס ניט אויב קאָלומבוס האָט זיך געפרעהט אזוי ווי איך װען זיינע לייט האָבען צום ערשטען מאָל דערזעהן אמעריקא.

עס שרעקט מיך בלויז דער געדאַנק טאָמער וועט בערל ניט קומען מיך אָבנעהמען פון עלליס איילענד, און איך וועל דארפען בלאָנזשען אין אַ פרעמדער שטאָדט איהם צו זוכען.

אָבער איך קען זיך פערלאָזען אויף בערלען — אַן אַלטער חבר. ער וועט מיך ניט פערגעסען.

די זעלבע דאַטע, אין אבענד.

וואָס מיט מיר האָט זיך היינט אָבגעטהאָן! איך קען קוים גלויבען, אז דאָס אַלעס איז פאָרגעקומען אויפ'ן וואָהר. איך נעה ארוים און קנייפּ זיך די באקען צו זעהן אויב איך שלאָף, אויב איך זעה דאָס אַלעס אין חלום.

איך האָב אַלץ מורא געהאַט טאָמער וועט בערעל ניט קומען מיך אָבנעהמען פון עלליס איילענד. ערשט מיט בערלען זיינען געקומען אפשר אַ פינף מנינים אידען און ווייבער, זיי האָבען צו־זאַמענגעשטעלט פונפצעהן קאָמיטעס פון פונפצעהן פערשיעדענע פעראיינען, און זיי זיינען דאָס געקומען מיך מקבל פנים זיין, און מיך ווילקאָמען אין דער נייער לאַנד.

דאָ זיינען געווען פערטראָטען די ציוני־ציון, סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען, די אַנאַרכיסטען־קאָמוניסטען־טעריטאָריאַליסטען, די חסידישע מארקסיסטען, אידישע דראַמאַטישע און ליטעראַרישע צירקלען און נאָך אַזעלכע. איך האָב זיך געוואונדערט פון וואַנען זיי קענען מיך, און וואָרום מיר קומט אַזאַ כבוד. איך האָב מורא געהאַט טאָמער האָבען זיי אַ טעות, טאָמער דאַרף פון רוסלאַנד אָנ־

קומען טאקע עפּעס אַ ריכטיגער גדול. אָבער זיי האָבען מיך גע־רופען ביי מיין כשר'ען נאָמען. זיי האָבען קיין טעות.

...איך הויב אָן צו גלויבען, אז איך בין ווירקליך אַ גרויסער מאַן. 30 יאָהר אָבגעלעבט אין רוסלאַנד און קיינמאָל געוואוסט ווער איך בין. געשריבען עטליכע עקאָנאָמישע ארטיקלען אין אַ אידישע צייטונג, וואו די רעדאקציאָן פּלעגט מיר אַ סך אויסבע־סערען. געהאַלטען רעדען אין עטליכע שטעדט, און זיך דורכגע־שטופּט דעם לעבען מיט געבען אוראָקען.

...איך מוז ענדיגען. מען האָט מיך פריהער איבערגעריסען אין מיטען.

פון עליס איילענד האָט מיך די קאָמיטע בעגלייט ביז צו דער הויז פון מיין פריינד בערלען. בערל מיט זיין ווייב און פינף קינדער וואוינען אין פינף קליינע צימערלעך. מיר האָט מען אָב־געגעבען דעם פראָנט־צימער.

...דעם גאַנצען אָבענד ביז שפּעט אין דער נאכט האָבען זיך דאָ ארומגעדרעהט מענשען. געווען אויך עטליכע צייטונג־שרייבער. מאָרגען וועט זיין וועגען מיר אין די ענגלישע צייטונגען. אין די אידישע צייטונגען שרייבט מען וועגען מיר גאַנצע שפּאַלטען שוין זייט דריי טעג. איין צייטונג האָט געדרוקט מיין פאָטאָגראַפיע, וואָס בערל האָט געהאַט ביי זיך, און אויבען איז געשטאַנען מיט גאַנץ גרויסע ווערטער: מ אָ ר ג ע ן ק ו מ ט ע ר. דער „ער“ בין איך.

...אָט יעצט, האַלבע נאכט, בין איך מיר געבליבען אליין, און איך קען זיך לייגען שלאָפען.

דעם 2טען אויגוסט, פריהמאָרגענס.

היינט, גאַנץ פריה, האָט מיך בערל געפיהרט אין באָד און איך האָב איבערגעביטען די וועש. נעכטען איז אויף דעם קיין צייט ניט געווען. עס וועלען היינט מסתמא אויך קומען קאָמיטעס.

קומענדיג פון באָד האָט מיר בערל פאָרגעלעזען וואָס די ענגלי־שע צייטונגען האָבען געשריבען וועגען מיר. זיי גיבען מיר אַ סך כבוד, און מאַכען מיך פאַר אַ גרויסען העלד.

דעם זעלבען טאָג, מיטאָגצייט.

געוועזן א קאָמיטע מיר צו מעלדען, אז מאָרגען ווערט געמאכט פאר מיר א גרויסע פאראדע. ערשטענס וועט מען זיך פערזאמ־לען אין א גרויסע האללע און מען וועט לכבוד מיר האלטען רעדען און זינגען. און נאָכדעם וועט מען מיר געבען א באנקעט.

דער קאָפּ דרעהט זיך מיר. וואָס טהוט זיך דאָ? ווער בין איך און פאר וואָס קומט דאָס מיר? אלעס שיינט אזוי ווי א חלום, און צייטענווייז שרעקט איך זיך אז פון דעם שעהנעם חלום זאָל זיך עפּעס ניט אויסלאָזען א מיאוס'ער סוף.

אין אבענד.

געהאט א סך בעזוכער. די ציוני־ציון־סאָציאליסטען־רעוואָלו־ציאָנערען ווארנען מיך איך זאָל ניט האָבען צופיעל צו טהאָן מיט די אנארכיסטען - קאָמוניסטען - טעריטאָריאַליסטען. די חסידישע מארקסיסטען ווארנען מיך גענען ביידע. די „שומרי שבת" זיינען געקומען ביי מיר בעטען אן ארטיקעל פאר זייער „שבת־זשורנאל".

דעם דריטען אויגוסט, נאָכמיטאָג.

...היינט געווען ווענינער בעזוכער. הפּנים אלע זיינען פער־נומען מיט די הכנות צו היינטיגען אבענד.

בערל האָט מיך גענומען צו א מאַן וואָס ניט קליידער אויף פּראָקאַט. איך האָב בעצאָהלט א דאָלער מיט א האלבס, עס הייסט דריי רובעל, פאר א שווארצען פראק מיט שווארצע הויזען. מאָרגען וועל איך דאָס מוזען צוריקקעהרען. דער ראָק האָט אויפ'ן לינקען לאָץ א גרויסען זופּ־פלעק. מיך ארט דאָס ניט, עס איז דאָך ניט מיינער. דאָך האָב איך דארויף דעם סוחר אויפמערקזאם געמאכט, כדי ער זאָל נאָכדעם ניט זאָגען, אז איך האָב דעם פלעק געמאכט.

דעם פערטען אויגוסט, אין אבענד.

געשלאָפען ביז האלבען טאָג. זיך אויפגעכאפּט, זיך איבער־געקעהרט אויף אן אנדער זייט און אָבגעשלאָפען ביז דריי אוהר. ס'א קאָפּ־וועהטאָג — א גרויל. דער מאָגען איז מיר אויך זעהר ניט גוט, און אין מויל איז מיר פּאסקודנע.

וואָס איך בין נעכטען איבערגעקומען! צייטענווייז האָט זיך מיר אָבגעדראכט אז איך בין אריינגעפאלען אין א משוגענע לאנד צווישען משוגענע מענשען. פון אָנפאנג האָט מיך דיזער געדאנק געשראָקען. נאָכדעם האָב איך געטראכט: מיט משוגעים דארף מען זיין משוגע, און דאן איז מען זיכער.

...14 רעדנער האָבען גערעדט אויף דער פערזאמלונג. די רעדען האָבען זיך געצויגען ביז האלבע נאכט. די אמעריקאנער רעדנער זיינען העלדען, גווארדייצעס, זיי קענען אָברייידען צו פיער שטונדען יעדערער.

זיי האָבען אלע גערעדט וועגען מיר. איין רעדנער האָט גע־וואָלט בעווייזען אז איך בין א קעמפפער פאר דער רוסישער פריי־הייט, א צווייטער האָט בעוויזען אז איך בין א לובאוויטשער חסיד, א דריטער האָט געוואָלט דרינגען אז איך בין א ציוניסט, א פערטער האָט זיך איינגעשפארט אז איך בין אן אנארכיסט, א פינפטער האָט גערעדט א שטונדע מיט א פערטעל צו בעווייזען אז איך בין שטאָל און אייזען פאר די מזרחיים. און אזוי ווייטער, און אזוי ווייטער.

דער באנקעט האָט זיך אָנגעפאנגען א פערטעל נאָך 12. איך בין געווען טויט־הונגעריג, און האָב געפאקט אין זיך אויף וואָס די וועלט שטעהט. אָט דערפאר טאקע לייד איך יעצט. ניט בע־דארפט אזוי פיעל עסען.

ביים באנקעט האָבען גערעדט 17 אנדערע רעדנער. עס האָט זיך פערצויגען ביז פיער אוהר פארטאָג. צום סוף האָב איך אויך גערעדט עטליכע מינוטען. איך געדענק ניט וואָס. סיי ווי האָט קיינער א וואָרט ניט געהערט, ווייל זיי האָבען כסדר געהאלטען אין פאטשען בראוואָ.

...איך הויב שוין אָן צו פיהלען אין זיך די אמת׳ע גרויסקייט. א מענש לעבט אָב דרייסיג יאָהר און וויים גאָר ניט אז ער איז א גדול.

קיין מזל געהאט אין דער היים, האָב איך דעם מזל געטראָפען אין אַן אנדער לאנד.

דעם פינפטען אויגוסט.

זיך דורכגעגאנגען א ביסעל אין אידישען קווארטאל.

עס האט זיך מיר געדאכט אז יערערער קוקט אויף מיר, יערע־רער צייגט אויף מיר, ווינקט אויף מיר. משמעות אלע קענען מיך.

דורכגעהענדיג אין איין ארט נעבען א שולע, האב איך געזעהן ווי עס לויפען ארוים קינדער אין די הונדערטע. עס האט זיך מיר געדאכט אז א סך פון די קינדער קענען מיך אויך. אפשר פון דעם בילד וואס איז געווען אין צייטונג.

...בערל זאגט אז עס איז עפעס ניט גלאט, וואס דער „פראָ־גרעס" האט וועגען מיין באנקעט געשריבען בלויז 12 שורות, און וואס דאס „מארגען בלאט" האט א ווארט ניט געשריבען.

נו, אלץ זאלען זיי שרייבען וועגען מיר? איך וועל דאך באלד א גאס ניט קענען דורכגעהן אז זיי וועלען וועגען מיר שרייבען גאנצע שפאלטען יעדען טאג.

איך גלויב, אז זיי שרייבען ניט, טאקע פון מיין טובה וועגען.

...עס איז מיר נור א וואונדער וואס קיינער איז מיר היינט ניט געקומען בעזוכען. מסתמא האבען אלע ביים באנקעט קאליע געמאכט דעם מאגען אזוי ווי איך.

דעם זעקסטען אויגוסט.

געהאט היינט א קאמיטע פון א פרויען־פעראיין וואס מאכט חתונה ארימע יתומות. זיי האבען מיך איינגעלאדען צו ריידען ביי זיי אויף א מיטינג. איך האב פערשפראָכען.

עטליכע שטונדען שפעטער איז געקומען אן אנדער קאמיטע מיר אנזאגען, אז דער פרויען־פעראיין איז א בורזשואזנער, און אז אויב איך וועל רעדען אויף דעם מיטינג, וועט דער פראגרעסיווער עלעמענט פון מיר ווייכען.

...זאל איך בלייבען א לינגער, אדער פערלירען דעם פראגרע־סיווען עלעמענט?

...בערל זאגט, אז איך זאל זוכען ארבייט. וואס דען? איך בין אהער געקומען פערדינען מיין ברויט. וואס בין איך שולדיג, אז זיי שלעפען מיך ארום ווי אויף א צירק?

די אמעריקאנער האבען ליעב א צירק.

דעם זיעבטען אויגוסט.

איך בין אריין אין דער קאפע־הויז, וואו דער פראָגרעסיווער עלעמענט קלייבט זיך אויף.

איך האָב דאָרט געפונען א סך בעקאַנטע, פון די קאָמיטע־לייט וואָס זיינען געקומען מיך מקבל פנים זיין ביי מיין אָנקומען אין עלים איילאנד, זיצען ביי א לאנגען טיש.

איך בין צוגעגאנגען צו זייער טיש. איינער פון זיי האָט פאר מיר געמאכט א פּלאַץ און געפרעגט אויב איך וועל טרינקען א גלאָז טהעע. א צווייטער האָט מיר דערלאנגט א סיגארעטעל.

א דריטער האָט מיר וואָרים געדריקט די האנד — צום אב־שיעד — און געזאָגט, אז ער מוז אוועקגעהן.

איידער איך האָב געענדיגט די גלאָז טהעע, האָבען נאָך דריי פערלאָזען דעם טיש און זיינען ארויסגעגאנגען.

...עפּעס קיינער האָט היינט קיין צייט ניט געהאַט פאר מיר, אלע זיינען געווען אין דער איילע.

...האָב איך זיך פיעלייכט מיט עפּעס איינגע׳רוגז׳ט?

דעם אכטען אויגוסט.

קיין איינציגער בעזוכער איז געקומען דעם גאנצען טאָג. אין די צייטונגען קיין וואָרט מעהר וועגען מיר. אין דעם רעדאקציאָנס־ארטיקעל פון „פראָגרעס" איז דאָ עפּעס א שטאָך־וואָרט געגען מיך. דער הומאָריסט פון „מאָרגענבלאַט" מאכט אויף מיר א וויצעל.

...איך הויב שוין אָן צו גלויבען, אז איך האָב זיי איינגע׳רוגז׳ט.

אָבער מיט וואָס האָב איך זיי געקענט איינ׳רוגז׳ען?

אפשר מיט מיין רעדע אויפ׳ן באנקעט. וואָס האָב איך דאָרט גערעדט?... איך געדענק ניט... לאָמיך זיך דערמאָהנען... יא, איך האָב זיי געדאנקט און געזאָגט אז ביי מיר זיינען קיין פּארטייען ניטאָ... ביי מיר איז דאָ בלויז איין פּארטיי: „דאָס אידישע פאָלק". אין דעם זין האָב איך גערעדט. דערנאָך מעהר גאָרנישט.

...אפשר געדענק איך נישט אקוראַט. אפשר האָט זיך מיר יא ארויסגערעדט עפּעס וואָס האָט וועמען פערלעצט די געפיהלען... איך בין געווען צופיעל בערוישט פון דעם כבוד... ווי זאָל איך געדענקען וואָס איך האָב גערעדט?

דעם ניינטען אויגוסט.

...איך בין ארויס אין נאס, בעמערקט בעקאנטע. אייניגע פון זיי האבען מיך גאר ניט בעמערקט. די וואס האבען מיך יא גע־זעהן, האבען בלויז זיך אבגעשטעלט, א נעהם געטהאן ביי מיר די האנד, און זיך געגאנגען ווייטער...

...מיך וואלט די גאנצע מעשה גאר נישט געארט, ווען זיי וואלטען לכתחילה מיך ניט געמאכט פאר אזא גרול. איך בין אהער ניט געקומען זוכען כבוד. איך בין געקומען בלויז פערדיענען אויף ברויט.

...וואס האבען די מענשען צו מיר געהאט? ווארום האבען זיי מיך פריהער אזוי געהויבען, און יעצט דערווייטערען זיי זיך פון מיר?...

איך בין אריין אין דעם זעלבען קאפע־הויז, וואו עס קלייבט זיך צוזאמען דער פראגרעסיווער עלעמענט. איך האב דארט גע־זעהן פיעלע בעקאנטע, אבער איך האב ניט געהאט דעם מוטה צו געהן צו זיי. איך האב זיך אוועקגעזעצט ביי א פרייעם טישעל, און געטראכט אויב איינער פון זיי וויל מיך זעהן, וועט ער קומען צו מיר.

...פון ווייטען האבען מיר א פאאר מענשען א שאקעל געטהאן מיט'ן קאפ. איך קען זיי ניט. אפשר קענען זיי מיך פון באנקעט, אדער זיי דערקענען מיך פון מיין בילד וואס איז געווען געדרוקט אין „מארגענבלאט“.

...איך בין אבגעזעסען א שטונדע. קיינער האט זיך אפילו נעבען מיר ניט צוגעזעצט. פערבייגעהענדיג האבען א פאאר בע־קאנטע מיך בעגריסט פון דער ווייטענס. איינער האט מיר גע־דריקט די האנד ארויסגעהענדיג און זיך ענטשולדיגט וואס ער האט קיין צייט.

...איך זעה די מענשען האבען שוין אין מיר קיין אינטערעסע. איך וועל מעהר אין יענעם קאפע־הויז ניט געהן. איך מוז פערגעסען מיין גרויסקייט — פערגעסען, ווי מען פערגעסט א שעהנעם חלום.

ניין טעג אין אמעריקא — און אזוי פיעל דורכגעלעבט... — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

מיסטער קאָהען

די געשיכטע וועל איך אייך איבערגעבען אזוי ווי ער אליין, מיסטער קאָהען, האָט עס דערצעהלט.

איך לעז אָפט ווי אידישע שרייבער קריטיקירען יענע אידען וואָס בייטען אוים זייערע נעמען אויף גוי'שע. איהר זאָלט זיי ניט בעשולדיגען יענע אידען. זיי מוזען דאָס טהון. וואָס דאַרפט איהר בעסער — איך בין זעהר ווייט פון אן אסימילאַטאָר, איך בין א הייסער אידישער פאַטריאָט, און איך זאָג אייך, פריהער אָדער שפּע־טער וועל איך אָנגעבען א ביט־שריפט אין געריכט אז זאָל מיר ערלויבען צו ענדערן מיין נאָמען. ניט ווייל איך שעהם זיך מיט אזא נאָמען חלילה! קאָהען איז גראָדע זעהר א שעהנער נאָמען. עס איז א נאָמען מיט וועלכען מען דאַרף שטאָלצירען. עס איז שעהנער פון דעם טיטעל גראַף אָדער מאַרקיז. אבער איך אליין האָב פון דעם נאָמען מעהר צרות ווי כבוד.

איהר קענט זיך אוראי פאָרשטעלען אז איך וואוין צווישען קריסטען, אָדער אז איך פיהר געשעפטען מיט קריסטען, און דאָס איך לייד צרות פון זיי צוליעב דיזען עכט־אידישען נאָמען. זאָג איך אייך אז בתוך אחי אני יושב — איך וואוין צווישען אידען, און מיינע אלע געשעפטען זיינען מיט אידען. און דאָך לייד איך די גרעסטע צרות צוליעב מיין נאָמען „קאָהען". מיך וואָלט ניט הארען הייסען קאָהענאָוויטש, קאָהענאָוויטשינסקי — אבי ניט קאָהען.

די הויפּט־צרה בעשטעהט אין דעם, וואָס עס זיינען נאָך דאָ א סך קאָהענס אין ניו יאָרק. עס איז ניטאָ א טענעמענט־הויז, וואו עס זאָל זיך ניט געפינען א קאָהען, און צוליעב דיזע קאָהענס פיהל איך אז איך בין גאָר ניט איך, נור אן אנדערער. איך ווער צומישט, איך ווער פערלוירען אין דער גרויסער מאסע קאָהענס, בטל בששים רבוא.

באַלד נאָך מיין חתונה, מיט א יאָהר צוריק, בעווייז איך מיך

אין א הויז אויף מעדיסאָן עוועניו, הער איך, אז אין דעמזעלבען הויז, א פלאָר העכער, וואוינט נאָך א קאָהען. קלער איך: מיינע דאגות, וואָס הארט עס מיך! עס זיינען אָבער ניט אריבער קיין צוויי טעג און מיך האָט עס יא אָנגעהויבען צו הארען, און טאקע שטארק צו הארען. און יענעם, דעם אנדערען קאָהען, האָט עס אויך אָנגעהויבען שטארק צו הארען. עס איז געווען טראָבעלס פון פריה־מאָרגענס ביז שפעט אין דער נאכט. אין דער פריה, אז איך געה ארונטער אין האָל ארויסנעהמען מיינע בריעף פון דעם הויז־בריעף־קאסטען, זעה איך, אז דער בריעפטרעגער האָט אריינגעוואָרפען אלע מיינע בריעף אין דעם קעסטעל פון דעם אנדערן קאָהען. נו, איהר ווייסט דאָך, אז איך בין אן אסעקוראנץ־אגענט און איך קען ניט ארויס פון הויז אָהן מיין פּאָסט. געה איך ארויף צו דעם אנדערן מיסטער קאָהען אין הויז איהם בעטען ער זאָל עפענען זיין קעסטעל און מיר ארויסגעבען מיינע בריעף, געפין איך אז ער איז אוועק פון הויז גאנץ פריה, נאָך איידער דער בריעפטרעגער איז געקומען, און האָט מיטגענומען דעם שליסעלע. האָב איך שוין געוואָלט אויפ־ברעכען דעם קעסטעלע, אָבער דער דזשעניטאָר האָט געזאָגט, ער וועט מיך לאָזען ארעסטען פאר פערדערבען פרעמדעס אייגענטהום.

אין אבענד אז איך בין געקומען אהיים בעגעגענט מיך מיין ווייבעל א פרעהליכע, א לעבעדיגע, און זאָגט: „סעם, ביזט א נאַלד! איך דאנק דיר זעהר פאר דעם סורפּרייז. עס איז דער בעסטער פּאָנאָגראַף וואָס דו האָסט געקענט אויסקלייבען." איך קוק זי אָן און פערשטעה ניט וואָס זי רעדט צו מיר. „וואָס פאר א פּאָנאָגראַף?" פרעג איך. „איך פערשטעה ניט," זאָגט זי, „אן עקספרעס־וואָגען האָט אונז היינט געבראכט א פּאָנאָגראַף, האָב איך געמיינט אז דו האָסט געמאכט אן איבערראשונג פאר מיר."

איך דארף אייך קיין פינגער אין מויל ניט אריינלייגען. איהר פערשטעהט שוין אליין, אז דער פּאָנאָגראַף איז געווען פאר דעם אנדער מיסטער קאָהען. געה איך ארויף, נעהם אָב מיינע בריעף און זאָג איהם, אז אויב ער וועט ארונטערקומען צו מיר קען ער אָבנעהמען זיין פּאָנאָגראַף. זאָגט ער: „איהר וועט מוחל זיין ארויפ־טראָגען די סחורה אהער, ווייל איך וועל ניט שלעפען אזא משא." זאָג איך: „עס איז אייער פּאָנאָגראַף, טאָ געהט און שלעפּט איהם."

זאָגט זי ר: „איהר האָט קיין רעכט געהאַט צוצונעהמען דעם פּאַנאָ־גראַף פון דעם עקספּרעסמאַן. עס איז אַלץ איינס ווי גנבה, און פאַר א גנבה קען מען ארעסטען.“ בקיצור, מיר האָבען זיך געקריגט און גנמאכט איינער דעם אנדערען אין טאַטענס־טאַטען אריין, ביז דער דזשעניטאָר האָט זיך אָנגעבאָטען ארויפצוטראָגען דעם פּאָנאָגראַף, און עס האָט מיך געקאָסט צעהן סענט און דעם אנדערען מיסטען קאָהען צעהן סענט.

מיין סאַפּער איז מיר ניט איינגעגאנגען. איך קען ניט עסען אז איך בין אויפגערעגט. מיר האָבען נאָך ניט געענדיגט אונזער מאָהלצייט, אז עס גיט א קלונג, און א קלאַפּ אין טהיר, און עס קומט אריין א קליינער אינגעל פון דער אַפּטייק אויפ'ן קאָרנער, און דערלאַנגט מיר א צעטעל. אין צעטעל איז געשטאַנען: „מיסטער קאָהען! מען טעלעפאָנירט אייך אז אייער שווינגער איז פּלוצלונג קראַנק געוואָרען און זי איז אין א זעהר געפעהרליכען צושטאַנד. קומט זאָפאָרט מיט אייער פרוי.“

אז מיר האָבען דאָס דורכגעלעזען, האָבען מיר פערגעסען אָן אַלע אנדערע צרות. מיין ווייבעל נעבעך האָט אויסגעבראָכען אין א געוויין, וואָרום, איך זאָג אייך דעם אמת, איהר מוטער איז זעהר א גוטע, א נאָבעלע פרוי, און אפילו איך ליעב זי אויך ווי אַן איינענע מוטער. מיר לאָזען איבער דעם סאַפּער אויפ'ן טיש, און מיר לאָזען זיך פאָהרען דאַון־טאַון. די רייזע האָט גענומען ביי דריי־פיערטעל שטונדע. מיר לויפען ארויף אין מיין שוואָגערס הויז אָהן אָן אָטהעם און מיר געפינען מיין שווינגער ביים טיש, א געזונדע, א פרישע. אָבער אז די שווינגער האָט אונז דערזעהן, האָט זי זיך דערשראָקען: „וואָס איז מיט אייך, קינדער?“ האָט זי אויסגעשריען, „איהר זעהט דאָך ביידע אויס אזוי בלאַס און צו־טראָגען. און, דו, מיין טאָכטער, האָסט פערוויינטע אויגען. וואָס איז געשעהן?“

אַלעס האָט זיך אויפגעקלערט. דער טעלעפאָן איז ניט געווען וועגען מיין שווינגער, נור וועגען דער שווינגער פון דעם אנדער מיסטער קאָהען. איך האָב גלייך טעלעפאָנירט צום אַפּטייקער און איהם געבעטען אָנצוזאָגען דעם ריכטיגען מיסטער קאָהען אז זיין שווינגער איז קראַנק.

דעם בריעפטרעגער האָבען מיר אַ ביסעל פערזאָרגט, אַז ער זאָל שוין מעהר קיין טעות ניט קענען מאַכען. אויף מיין בריעפ־קאַסטען האָב איך אָנגעשריבען „סעם קאָהען", און דער אַ דערער האָט אויף זיין בריעפקאַסטען אָנגעשריעבען „בען קאָהען". עס פלעגען אָבער אָפט אָנקומען בריעף וואָס זיינען געווען אדרעסירט סתם „מיסטער קאָהען", דאַן איז שוין געווען אַ נייע צרה. ניט נור דער בריעפטרעגער פלעגט ניט וויסען צו וועמען דער בריעף, נור מיר אליין האָבען אויך ניט געוואוסט, און פלעגען מוזען אַזעלכע בריעף עפענען צוזאַמען. אַ חוץ דעם פלעגען מיר נאָך אַלץ האָבען אַ ביסעל צרות פון טעלעפאָן, און אַ סך צרות פון די עקספּרעס־וואָגענס, וואָס פלעגען ברענגען זאַכען פון פערשיערענע סטאָרס און זעלטען ברענגען אין דעם ריכטיגען אָרט.

עס איז ביי מיר געבליבען איך זאָל פון דיזען הויז ארויס־ציהען און זיך אויסזוכען אַ הויז, וואו איך זאָל זיין דער איינציגער קאָהען.

אָבער אַזאַ זאַך איז ניט אַזוי לייכט ווי איהר מיינט. אמת, עס זיינען דאָ אַ סך הייזער וואו עס איז ניטאָ קיין קאָהען. אָבער ניט אין יערען הויז האָב איך געקענט געפינען די וואוינונג וואָס איך האָב געדאַרפט. דאָ איז געווען צו טהייער און דאָרט איז געווען צו הויך ארויפצוגעהן; דאָ איז געווען אָהן בעהייצונג און דאָרט עפּעס אַן אַנדער פעהלער.

ווי נור איך פלעג דערזעהן דעם בעקאַנטען „רומס טו לעט" (צימערען צו פערמיטהען), פלעג איך די ערשטע זאַך אַ קוק טהון אין די בריעפקעסטלעך פון קאָרידאָר צו זעהען אויב עס איז דאָ אַ נאָמען קאָהען, און ערשט דאַן פלעג איך וויסען אויב איך דאַרף אָנקוקען די וואָהנונג אָדער ניט.

נאָכדעם ווי איך און מיין ווייבעל זיינען ארומגעגאַנגען אַ פּאָר וואָכען, האָבען מיר ענדליך געפונען אַזאַ וואוינונג, וואָס מיר האָבען געוואָלט, אויף דער וועסט סייד, און אָהן אַ קאָהען אין דער הויז. מיר האָבען מיט מזל אריינגעמופט, און זיך געפיהלט אַזוי ווי אידען וואָס האָבען זיך נאָך אַ פּאָגראָם ארויסגעריסען פון רוסלאַנד.

אָבער נאָך איידער מיר האָבען זיך איינגעאָרדענט, האָבען זיך אָנגעפאַנגען נייע צרות פאַר אונז.

דעם ערשטען פריהמאָרגען, אז איך בין אראָב אונטען ארויס־צונעהמען מיינע בריעף, האָב איך געפונען מיין קעסטעל לעדיג. דאָס איז מיר געווען זעהר קשה. איך ערהאַלט יעדען טאָג צום ווענינסטען א צוואנציג, דרייסיג בריעף, און בעפאָר איך האָב ארויסגעצויגען פון מעדיסאָן עוועניו האָב איך געלאָזט וויסען דעם פאָסטמייסטער אז מען זאָל מיר אָבשיקען אַלע בריעף אויף מיין נייער אדרעסע אויף דער וועסט סייד.

צוויי טעג זיינען אריבער און קיין איינציגער בריעף איז מיר אנגעקומען. אין אָבענד האָב איך אָבגעוואַרט דעם בריעפטרעגער און איהם געפרעגט פארוואָס איך האָב קיין בריעף ניט. „איהר זייט מיסטער קאָהען?" פרעגט ער מיך. „יעס. סער," ענטפער איך. „אָבער איהם האָט דאָך פון דאנען ארויסגעצויגען נאָך יאָנקערס. מיר שיקען אָב אַלע אייערע בריעף אהין, אויף אייער נייער אדרעסע!"

דאָס איז פאר מיר געווען גענוג. עס איז מיר גלייך קלאָר געוואָרען, אז איידער איך האָב אריינגעצויגען אין דעם הויז, האָט דאָ געוואוינט אַן אנדער מיסטער קאָהען, און יענער קאָהען האָט עס פאר זיין ארויסציהען געמעלדעט אין פאָסט־אָפיס אז ער ציהט ארויס און געבעטען אז מען זאָל איהם זיין פאָסט אָבשיקען נאָך יאָנקערס.

און מיט דיזען קאָהען איז שוין געווען א שווערע הלכה, ווייל גראדע צום אונגליק איז זיין ערשטער נאָמען אויך געווען „סעם". צוויי סעם קאָהענס אין איין שטאָדט. און עס האָט גענומען א לאַנג צייט ביז מיר האָבען זיך איינגעאָרדענט מיט די בריעף אז מיר זאָלען וויסען וועלכער סעם קאָהען בין איך און וועלכער איז דער אנדערער.

אָט אזא מזל האָב איך דאָס צוליעב מיין נאָמען! איך מוז דעם נאָמען ענדערן. משנה שם — משנה מזל.

אַ פּראַקטישע זאַך

אָנפאַנגס דיעזען זומער, ריכטיגער געזאָגט, אין פריהלינג, האָט אין ברום סטרים, ניט ווייט פון עללען סטרים, זיך בעוויזען אַ פעדלער מיט זויערע אוגערקעס וועלכע ער האָט פערקויפט פון אַ פוש־קאַרט. געוועהנליך, אַז עס קומט אָן אַ נייער פעדלער אין אַ בלאָק ווערט ער בעגעגענט ניט מיט פריינדליכע בליקען פון די אַנדערע פעדלער און סטענד־קיפּער. וואָרום, דעם אמת געזאָגט, מען מאַכט אַזוי אויך ניט קיין גרויסע גליקען, און דאָ קומט אַ נייער מענש און קוקט אויך אַרויס אויף קונים. דער פעדלער מיט די זויערע אוגערקעס האָט אָבער געהאַט מעהר אורזאַכע ניט בעליעבט צו ווערען, דען ער איז געוועזן פון יענע זאָרט פעדלער וואָס רייסען פשוט פאַר די פּאָלעס. עס רעדט זיך בלויז אַזוי. פאַר די פּאָלעס האָט ער קיינעם ניט געריסען, אָבער ער האָט געהאַט אַזעלכע קונצען וואָס פלעגען צווינגען מענשען איהם געבען צו לייזען. איינער פון די קונצען איז געוועזן אליין צו עסען אַן אוגערקע. לאַנגזאַם פלעגט ער עס עסען אין מיטען גאַס, די אוגערקע בעלעקען, און זיך פערקרימען, מאַכען האַוואַיעס דערביי, אַזוי ווי ווען איינער עסט אַ זויערס וואָס איז שטאַרק אַפּעטיטנע. דאָס פלעגט נאַטירליך אויפרייצען דעם אַפּעטיט ביי אַנדערע, דען ווי אַזוי קען אַ אידיש קינד צוזעהן ווי איינער עסט אַ זויערע אוגערקע און עס זאָל זיך אויך ניט ווועלען?

אַלע פעדלערס און סטענד־קיפּערס פון דעם בלאָק האָבען פיינד געהאַט דעם פעדלער און זיי האָבען גערעדט צווישען זיך, און אפילו העכער ווי צווישען זיך, אַז אוגערקעס קאָנסערווירט מען מיט בליי, אָדער מיט אַן אַנדער גיפט, און עס איז אַ סכנה צו עסען. בלויז איין פריינד האָט דער פעדלער געהאַט, און דאָס איז געוועזן אַ ווייבעל, וואָס האָט געהאַלטען אַ סאָדע וואַסער סטענד אויפ'ן קאָרנער. זי האָט איינגעזעהן, אַז זויערע אוגערקעס העלפען צו איהר געשעפט. מענשען עסען אויף אַן אוגערקע, ווערען דאָרשטיג,

און פערטרינקען מיט סאָדאַ־וואַסער. דער פּעדלער האָט אויף בעמערקט, אַז נאָכדעם ווי אַ מענש טרינקט אויס אַ גלאָז סאָדע־וואַסער, פערבייסט ער ווידער מיט אַן אוגערקע. אין אידישען קוואַרטאַל, פערשטעהט איהר מיך, האָט מען ליעב זיך צו וואויל־טאָגען.

איינמאָל האָט זיך דער פּעדלער צורעדט מיט דער ווייבעל און געפרעגט:

„וואָס איז דער מעהר, וואָרום זעה איך קיינמאָל ניט אייער מאַן?"

„מיין מאַן, אָה!“ האָט די סאָדאַ־וואַסער־ווייבעל געענטפערט מיט אַ זיפץ — מיין מאַן איז שוין דריי יאָהר אויף יענער וועלט — אַזאַ יונגע בלום! אַזוי פריה אָבגעשניטען פון דער וועלט“.

זיי האָבען זיך איינע די אַנדערע אָנגעקוקט. איין געדאַנק האָט צו דער זעלבער צייט ביי זיי אַ בליץ געטהאָן אין מח.

וואָס ווייטער איז געוועזן קען מען איבערגעבען אין עטליכע ווערטער: זיי זיינען יעצט איין קערפּער, איין האַרץ, איין זעעלע, אָבער זיי האָבען צוויי בעזונדערע געשעפטען; זי פערקויפט סאָדאַ־וואַסער און ער זויערע אוגערקעס. ווען זיינע קונדען ווערען דאָר־שטיג געהען זיי צו איהר לעשען זייער דאָרשט, און ווען איהרע קונדען ווערט נודנע אויפ'ן האַרצען פון די סאָדע וואַסער געהען זיי צו איהם עסען אַ זויערע אוגערקע.

אַלץ פאַר׳ן שטיקעל בּרויט

אַ גרייז אין ציַיטונג

עס איז שוין לאַנג געזאָגט געוואָרען, אַז די ציוויליזאַציאָן מיט איהרע נייע ערפינדונגען, האָט געבראַכט נייע צרות, נייע אונגליקען.

אמאָל פלעגען די שריפטזעטצער אין אַ דרוק זעטצען איינציגע בוכשטאַבען, היינט זיינען געקומען די נייע לינאָטייפּ מאַשינען, וועלכע גיסען אויס גאַנצע שורות מיט אַ מאָל, און אנשטאט וואָס פריהער פלעגען ארויסקומען פעהלער אין איינציגער בוכשטאַבען, קומט איצט ארויס טעות'ן אין גאַנצע שורות.

ווי אָפּט בלייבען מיר שטעהן אין מיטען, פערוואונדערט, צומישט, לעזענדיג אַן אַרטיקעל, אָדער אַ שטיקעל נייעס אין אַ ציַיטונג, זעהענדיג אַז עס פעהלט עפּעס, אז מען האָט אונז איבער־געהאַקט אין מיטען פּסוק און פערפיהרט אין בויבעריק. מיר זעהען אַז עס קלעפּט זיך ניט איין שורה צו דער צווייטער און מיר לאָזען אויס אונזער כעס צום שרייבער.

עס איז ניט דעם שרייבער'ס שולד, רבותי, אויך ניט דעם זעצער'ס שולד. דאָס איז אַ פערביטענע שורה, זוכט און איהר וועט אפשר די שורה געפינען ערגעץ ווייטער, אין אַן אַנדער אָרט, אפשר אין אַן אַנאָנסע. דאָס איז די שולד פון דעם שטן וועלכער טאַנצט ארום אין יעדע דרוקעריי און ברענגט אַלערליי אונגליקען און גרייזען.

דאָ ניט לאַנג האָבען מיר געלעזען אַז אַ מין בעריכט וועגען אַ פּראָטעסט־מיטינג.

„דער רעדנער האָט געהאַלטען אַ פייער־
„און מען האָט זיך געזעצט עסען נאָ־
„מעלקעס און פערטרונקען מיט ביער.“

ווי קומען גאָמעלקעס מיט ביער אויף אַ פּראָטעסט־מיטינג? האָבען זיך דאָן פיעלע לעזער געוואונדערט. אָבער די קלוגע האָבען פערשטאַנען, אַז דאָ זיינען געווען צוויי פערבלאָנדזעטע שורות וואָס האָב בעלאַנגט ערגעץ אַנדערש.

אן אנדער בעריכט אין אן אנדער צייטונג האט דערצעהלט פאלגענדעס:

„רעווערענד גרונם איז רעעלעקטעד גע־
„פערשיקט אויף 5 יאהר אין סינג־סינג
„מיט א גרויסע מאיאריטעט און אלע
„האבען איהם געוואונשען אריכת ימים.“

אין א בעשרייבונג פון דער לויה פון א גרויסען לאדוש־בעאמטען, איז ארויסגעקומען אט דיזער מיש־מאש:

„אלע האבען געוויינט און מען האט דעם
„ארון אראבגעלאזען אין פרישען קבר
„זיינע לומפעריייען זיינען שוין פיעל מאל
„בעשריבען געווארען אין אונזער בלאט און
„זיין בילד געפינט זיך אין ראגס גאלערי.

עס פערשטעהט זיך, אז אין דיזע אלע פעלע האבען זיך צומישט שורות פון גאנץ פערשיעדענע זאכען.

אבער דיזע אלע צומישעניששען זיינען ניט אזוי געפעהרליך ווי דער פלאנטער, וואס איז איינמאל ארויסגעקומען אין א קליינע אונשולדינגע אנאנסע, אין וועלכער עס איז אריינגעפאלען א שורה פון א ראמאן. די אנאנסע האט זיך אזוי געלעזען:

„פערלאנגט א מאן אין א גראסערי
„מיט א גרויסען שטרויענעם הוט
„נאכצופרעגען אין—121טע סטריט.“

עס פערשטעהט זיך, אז די שורה „מיט א גרויסען שטרויענעם הוט“ האט בעלאנגט צום ראמאן, וואס איז געגאנגען אין דער צייטונג. אבער די וואס האבען געוואלט האבען די שטעלע האבען געמיינט, אז דער גראסערימאן דארף האבען דוקא אזא ארבייטער וואס זאל טראגען א שטרויענעם הוט.

עס איז געווען אין רעכטען מיטען ווינטער, זעהר קאלט, און די גאסען זיינען געווען פול מיט שנעע. דער גראסערימאן איז געזעסען אין זיין קרעמעל און געווארט אויף איינעם, וועלכער וועט זיך אברופען אויף זיין אנאנסע. ער האט לאנג נים געדארפט ווארטען. עס איז געקומען א מאן אין א גרויסען שטרויענעם הוט און געפרעגט אויב ער קען האבען די שטעלע.

דער גראָסערימאַן, וועלכער האָט ניט נאָכגעזעהן אין צייטונג ווי זיין אנאָנסע איז ארויסגעקומען, האָט דעם מאַן מיט'ן שטרויענעם הוט בעטראכט פאר א ביסעל געריהרט פון מוח, און ער האָט איהם געזאָגט, אז ער האָט שוין אן ארבייטער. דער מאַן מיט'ן שטרויענעם הוט איז אוועק, און באלד איז געקומען אן אנדערער, אויך מיט א שטרויענעם הוט, און געוואָלט אננעהמען די שטעלע.

דער גראָסערימאַן האָט זיך ניט איינגעהאלטען פון א שמייכעל און געזאָגט, אז ער דארף שוין ניט. אין הארצען האָט ער געטראכט: הפנים יענער איז ניט דער איינציגער משוגענער.

עס האָט ניט לאנג געדויערט, און עס זיינען געקומען צוויי יונגען אויף א מאָל, ביידע מיט גרויסע שטרויענע קאפעלושען אויף זייערע קעפּ. איינער האָט געטראָגען אן אלטע פּאנאמא מיט א פענסטערעל אין דער זייט, און דאָס פענסטערעל איז געווען פער־שטעלט מיט א שטיקעל וואטע; דער צווייטער האָט געטראָגען א שפּיציגען הוט פון גראָבע שטרוי, אזעלכע וואָס מען זעהט ביים ים זומער־צייט.

צוויי שטרויענע קאפעלושען מיט א מאָל! דאָס האָט דעם אָרימען קרעמער נאָך מעהר פערוואונדערט, און ער האָט געזוכט די צוויי יונגען שנעל אָבצו'פטר'ן.

אָבער איידער ער האָט צייט געהאַט זיי משלח צו זיין אויף א העפליכען שטייגער, האָט זיך בעוויזען נאָך א מאַן מיט א שטרויענעם הוט.

דאָ איז דער גראָסערימאַן געוואָרען גוט צומישט און זיך אָנגעהויבען פרעגען, אויב ער זעהט ניט דיזע קאָמעדיע אין חלום.

ער האָט די צוויי יונגען און דעם מאַן געהייסען איבערלאָזען זייערע אדרעסען, און ער האָט זיי פערשפּראָכען, דאָס ער וועט זיי שרייבען אויב זיי דארפען מאָרגען קומען צו דער ארבייט. דאָס איז שוין אן אלטער מיטעל ווי פּטור צו ווערען פון אן אָרימאַן, אן אנשיקעניש.

אין פינף מינוטען ארום — ווידער א שטרויענער הוט!

דער גראָסערימאַן איז שוין געוואָרען א ביסעל אונרוהיג און האָט גענומען דענקען וועגען דעם גאנץ ערנסט: פון וואנען האָבען

זיך דאָס נעקענט נעהמען אזוי פיעל משונעים מיט שטרויענע קאַפעלושען? אפשר זיינען זיי אַלע אויף איין מאָל אַנגעקומען פון א ווארימער לאַנד? און ווארום זוכען זיי אַלע דיזע שטעלע? וואָס פאַר א סמיכת הפרשה האָט א שטרויענער הוט מיט א גראָסערי סטאָר? איז דאָס א שפּיצעל פון א שונא, וועלכער וויל איהם משוגע מאכען? — ער האָט דעם מאַן געלאָזט א ווייַלע וואַרטען, ווייל ער האָט נעהאַט אָבצוצעהלען עטליכע הערינג. נאָכדעם ווי ער איז פערטיג געוואָרען מיט'ן מסחר, האָט ער ניט געוואַרט ביז דער מאַן מיט דעם שטרויענעם הוט וועט איהם זאָגען וואָס ער וויל, נור ער האָט איהם גלייך אָבגעשיקט, זאָגענדיג, אז ער דאַרף שוין ניט.

א ביסעל שפּעטער איז אריינגעקומען אַן עלטערער מענש, שוין אָהן א שטרויענעם הוט, נור מיט א פּעקעל אין האַנד, און געזאָגט:

„איך וואָלט וועלען האָבען די שטעלע ביי אייך. איך בין א מאָל אליין געווען אין די גראָסערי־ביזנעס, — אָבער איך קען ניט פערשטעהן ווארום איהר פאָדערט, אז מען זאָל קומען מיט א גרויסען, ברייטען שטרויענעם הוט אויפ'ן קאָפּ. דאָך אויב איהר ווילט דוקא א שטרויענעם הוט, טאָ האָט איהר עס."

דער אַלטער מאַן האָט נעעפענט זיין פּעקעל און פון דאָרט ארויסגענומען א הויכען שטרויענעם הוט, מיט א טהאָל אין מיטען.

„ווער האָט אייך געזאָגט, אז איך דאַרף האָבען אַן ארבייטער דוקא מיט א שטרויענעם הוט?" האָט דער גראָסערימאַן געפרעגט מיט אימפּעט.

„וואָס הייסט, ווער?" האָט דער אַלטער געפרעגט פערוואונ־דערט, „אזוי האָט איהר דאָך אדווערטייזט אין דער צייטונג."

און ער האָט ארויסגענומען די צייטונג און געצייגט דעם גראָסערימאַן זיין אַנאָנסע.

דער גראָסערימאַן, וועלכער האָט ניט געוואוסט פון די אונ־גליקען וואָס טרעפען אין דרוקערייען, האָט ארויסגערופען זיין פרוי פון די וואוין־צימערען, היטער זיין קרעמעל, און האָט איהר געהייסען פערבלייבען און אכטונג געבען, און אליין איז ער אוועק־געלאָפען אין אָפיס פון דער צייטונג. ער איז אריינגעקומען א בייזער און געשריען און געליאַרעמט.

אָבער ער איז אוועק בערוהיגט, דען דאָרט האָט מען איהם די זאַך קלאָר געמאַכט. מען האָט איהם ערקלערט, אז פון אזוינע פעהלערען קען זיך אפילו א מלאך אויך ניט בעוואָרענען, און מען האָט איהם פערשפּראָכען צו דרוקען זיין אנאָנסע נאָך אמאָל, אָהן יענע שורה מיט דעם שטרויענעם הוט.

קומענדיג צו זיין געשעפט, האָט ער דאָרט געפונען ווארטען א דריי מנינים מענשען, אַלע מיט שטרויענע היטלען פון אַלע פאַסאָנען, מיט שפּיצען, מיט בערג, מיט טהאָלען, און אויך שטרויענע צילינדערס מיט לופט־לעכער אויף די אויבערשטע און אונטערשטע עטאַזשען.

זיין פרוי האָט איהם מקבל פּנים געווען מיט קולות, דערפאַר וואָס ער האָט זיך געזאַמט און געלאָזט אזוי פיעל מענשען ווארטען אויף איהם. די לייטע זיינען איהם בעפאַלען. יעדער האָט געשריען דאָס ער איז געקומען פריהער. דער גראָסערימאַן האָט זיך דערשראָקען און האָט מיט א ציטערנדע שטימע זיך געבעטען ביי זיי, מען זאָל איהם ניט צוריסען א לעבעדיגען, און ער האָט ווידער געמוזט אָנקומען צום אַלטען מיטעל, צו נעהמען פון זיי די אדרעסען, און זיי פערשפּרעכען צו לאָזען וויסען שפּעטער, וועמען פון זיי ער וועט בעשליסען צו נעהמען אויף דער שטעלע. און אויף אזא אופן איז ער פון זיי איינציגווייז פּטור געוואָרען.

מיט דעם האָט זיך אָבער זיין מאָס צרות ניט געענדיגט. שטרויענע קאַפּעלושען האָבען זיך נאָך געשאָטען ביז שפּעט אין אבענד, און אויף מאָרגען ביז די צייטונג איז ערשיענען מיט דער ריכטיגער אנאָנסע.

ער וועט האָבען צו געדענקען יענעם טאָג זאָלאַנג ער וועט לעבען.

דאַרום, ליעבע לעזער, ווען איהר זעהט עפּעס אין א צייטונג א זאַך וואָס זעהט אויס זעהר משונה׳דיג, דאַן בעשולדיגט ניט דעם שרייבער, אויך ניט דעם זעצער, נור די ציוויליזאַציאָן מיט איהרע נייע ערפינדונגען.

„וואונדערבאַר"

אין קריסטיע סטריט איז דאָ אַ קליינע קרעמעל מיט אַ צוגעמאַכטע טהיר, וועלכע זעהט אויס זעהר פערדעכטיג. איבער דער טהיר הענגט אַ גרויסע שילד אין ענגליש מיט דער אויפשריפט: „קריסטליכע מיסיאָן פאַר אידען". אבער אַ גרויסע צאָהל איינ־וואָהנער פון יענעם געגענד קענען ניט לעזען די ענגלישע אויפשריפט און די קרעמעל מיט די אידישע אויפשריפטען אויף'ן פענסטער בלייבט פאַר זיי אַ געהיימניס.

דאָס שויפענסטער איז פול מיט אידישע אויפשריפטען, וועלכע ווערען געביטען זעהר אָפט. די אויפשריפטען ענטהאַלטען אזעלכע מאַטאָס ווי „שמע ישראל" און אַנדערע הייליגע אידישע זאכען צוזאמענגעמישט מיט אזעלכע שמד־שטיק ווי: „קומט, קינדער, יעזוס רופט אייך", „יעזוס איז אייער משיח" און אנדערע אזעלכע טריף־פסול.

די עבודה־זרה־קרעמעל פוסטעוועט. זעהר וועניג מענשען קומען אַהין אריין. אמאָל, אמאָל פערבלאָנדזעט דאָרט אַ גרינער חטאת'ניק. אינוועניג אין דער קרעמעל זיצט אַן אַלטע מויד, ביי אַ יאָהר פינף־און־פיערציג, און אפשר פינף־און־זעכציג. אַ יונגער־מאַן וואָס רופט זיך „דאָקטאָר" זיצט אויך דאָרט און שרייבט. אָט אזוי פערברענגען זיי דאָרט טעג, וואָכען, חדשים און תקופות אין איינזאמקייט און נודנעקייט — אַלץ פאַר'ן שטיקעל ברויט!

איינמאָל האָבען די שכנים בעמערקט אויף דער קרעמעל אַ נייעם אויפשריפט מיט פאָלגענדען נוסח:

אַ קינד איז צו אונז געבוירען,
אַ זוהן איז צו אונז געגעבען
געוואָרען און זיין נאָמען איז
וואונדערבאַר.

דאָס איז אַן איבערזעצונג פון אַ פסוק ישעיה וואָס די מיסיאָ־נערען גיבען אָן אַלס אַן אָנדייטונג אויף דער געבורט פון יעזוס'ן.

אָבער די שכנים פון דער קרעמעל אין קריסטיע סטריט האָבען דאָס אָנגענומען פאַר אַ נייעס. זיי האָבען זיך בלויז געוואונדערט צו וואָס מען מאכט בעקאַנט אזא פאַקט אין אַ שוי־פענסטער פאַר אַ גאַנצע שטאָדט מיט מענשען.

„וואָס זאָגט איהר צו דעם?" האָט איין אידענע געזאָגט צו אַן אַנדערער, זי בעגעגענענדיג אין גאַס. „וואָס זאָגט איהר צו דער אַלטער משומדת'טע אין דער מיסיאָן — זי איז דאָך געלעגען געוואָרען!"

„וואָס רעדט איהר?" האָט די אַנדערע אידענע געפרעגט ער־שטוינט.

„אָט דאָס וואָס איהר הערט! אָט ערשט געה איך ארויס, לעז איך ביי זיי אויפ'ן פענסטער אויפגעשריבען מיט גרויסע ווערטער: אַ קינד איז צו אונז געבוירען, אַ זוהן איז צו אונז געגעבען געוואָרען און זיין נאָמען איז וואונדערבאַר."

„טאַקע וואונדערבאַר!" האָט אויסגערופען די אַנדערע אידענע, „אַזאַ אַלטע שקאַפּע! זי איז דאָך שוין קרוב לששים."

שותפים

ביידע זיינען גוט בעוואוסט אויף דער איסט סייד, דען ביידע זיינען סעקרעטערע אין איינינגע אידישע פעראיינען.

אז מען זאגט „סעקרעטער“ איז שוין פערשפארט צו זאגען „קבצן“. אלע ווייסען אז מיט דעם ווארט סעקרעטער מיינט מען שוין אויך: קבצן, דלפן און טארבע. אבער די טארבע איז א זיידענע און דער דלות איז א פערשטעלטער, א בעהאלטענער. אלע ווייסען אז א סקרעטערס נעהאלט איז ניט פיעל, אז דורכשניטליך קריעגט ער פון א פעראיין 50 דאלאר א יאהר, און מען דארף האבען א סך אזעלכע פעראיינען אום צו קענען האבען א וואוינונג מיט טרוקען ברויט. אבער אונזערע אויגען זעהען דעם סעקרעטער אימער אין א שווארצען פראק און אין א צילינדער־הוט און דיזע פערבלענדען אונז די אויגען און מיר פערגעסען אז אונטער דעם שווארצען פראק איז ניטא קיין גאנצע העמד, און אז אונטער דעם צילינדער איז דא א קאפ מיט דאגות.

די צוויי סעקרעטערע וועגען וועלכע מיר ווילען היינט דא רעדען, וועלען מיר אנרופען בראכמאן און קלאגמאן. זיי זיינען שותפים.

שותפים זיינען זיי געווען זייט זיי זיינען נעקומען אין אמעריקא. זיי האבען געוואוינט ביי איין מיסעס. געשלאפען אויף איין מאטראץ אויפ׳ן פוסבאדען, און זיינען אימער געווען צוזאמען, ביז זיי האבען אראבגעבראכט זייערע ווייבער פון דער היים, און אויך דאן האבען זיי געפיהרט זייערע געשעפטען צוזאמען. ביידע האבען געהאנדעלט מיט אקציען אויף מינען וואס זיינען אויף דער וועלט ניט געווען, מיט פליגען־פאפיער, מיט ניפט פאר קאקראז־טשעס (טאראקאנעס), און מיט אלערליי „גליקען“ און ביידע האבען געהאט גלייכע קרחת צום עסען. די איינציגע שטיצע אין לעבען איז ביי זיי געווען די שטעלע פון סעקרעטער וואס זיי האבען אין

איינינע פעראיינען, און דאָס איז זיי קוים גענוג געווען אויף א לעבען.

אלס סעקרעטערע זיינען זיי אויך שותפים אין א געוויסען גראד, נעמליך: זיי האָבען איינעם און דעמזעלבען שווארצען פראק און אויך איינעם און דעמזעלבען צילינדערהוט. זייערע פעראיינען קומען זיך צוזאמען אין פערשיעדענע אבענדען, און איינמאָל נעהט דער שווארצער מיט'ן צילינדער צו בראָכמאנ'ען און דעם אנדער מאָל צו קלאָגמאנ'ען. זיי זיינען ביידע איין גרויס, איין לענג און איין ברייט, נישט מעהר, דער צילינדער איז אביסעלע צו גרויס פאר קלאָגמאנ'ען. און אז קלאָגמאן דארף אנטהון דעם צילינדער, לעגט ער אונטער א שטיקעל פאפיער הינטער דעם שוויץ־באנד.

ווען איינער פון די צוויי שותפים קומט פון א מיטינג, איז די ערשטע זאך וואָס ער טהוט, פארזיכטיג אויפהענגען דעם פראק אויף א הענגער און דעם צילינדער לעגט ער אוועק אין א קעסטעל. נאָכדעם אז דער צווייטער שותף דארף געהן צו א מיטינג קומט ער נעהמען דעם אנצוג, אָבער איידער ער נעהמט איהם צו, קוקט ער די זאכען גוט ארום, און אויב ער געפינט עפּעס א פלעק אָדער א קנייטש, זשאַלעוועט ער קיין מוסר.

אָט אזא מין געשפּרעך הערט מען צווישען זיי:

„איך האָב דיר געזאָגט, אז א צילינדערהוט דארף מען ניט פוצען מיט א בערשטעל, נור מיט א טוך, און אין דיזער זייט דארף מען פוצען — צו זיך און ניט פון זיך, אז ניט ווערט די זייד צו־קנייטשט. און זעה, אויפ'ן לאַץ פון ראָק איז דאָ א פלעק."

„עס איז א וויין־פלעק, דאָס האָסטו געמאכט, ברודער־לעבען. ביי אונז האָט מען גאָר ניט געטרונקען אויפ'ן מיטינג. דאָס איז פון דער סעודה וואָס דיין חברה האָט געהאט לעצטען מאָל. זעהסטו, אָט דאָס איז א פלעק פון פעטס, עס איז אויך דיינער."

„א ביסעל אמאָניא מיט וואסער וועט דאָס ארויסנעהמען," טרייסט איהם דער אנדערער, וועלכער פיהלט יעצט אז ער אליין איז טאקע שולדיג.

„בענזין איז פיעל בעסער, אָבער פאוואָליע, זאָלסט צו שטארק ניט רייבען. דאָס איז זעהר אַן איידעלער שטאָף."

אָט אזוי גלעטען און צערטלען זיי דעם פראק מיט'ן צילינדער,

אזוי ווי דאָס וואָלטען געווען ביי זיי בני יחידים. זיי ווייסען, אז די גאַנצע פּרנסה זייערע העננט אָב אָן דיזען „יוניפאָרם".

אָבער דאָ נים לאַנג האָט פּאסירט אזא געשיכטע. ביידע סעקרעטערע האָבען געהאט ספּעציעלע מיטינגען וועלכע זיינען גראָדע אויסגעפאַלען אין דעם זעלבען אבענד, און דער לאַנג־ערוואַרטעטער קריזיס איז געקומען.

וואָס טהוט מען?

ביידע שותפים האָבען זיך געבראָכען די קעפּ, אָבער האָבען זיך קיין עצה געקענט געבען. עס איז ביי זיי געבליבען אז זיי זאָלען נעהמען א „יוניפאָרם" אויף דיזען אבענד אויף פּראָקאַט.

„עס וועט קאָסטען א דאָלאַר און א האלב," האָט בראָכמאַן געזאָגט, „און פאַר א ספּעציעלען מיטינג קריג איך גאָרנישט."

„75 סענט וועל איך ביישטייערן," האָט געזאָגט קלאָגמאַן, „מיר זיינען דאָך שותפים!"

אונזערע רעדנער

אויב איהר זייט א מענש וואָס געהט אָפט אויף מיטינגען, אויף מאסענפערזאמלונגען, אויף בעגריסונגס־אבענדען און אויף אב־שיעדס־אבענדען, וואו עס רעדען „בעריהמטע“ רעדנער, איז אייך פיעל מאָל אויסגעקומען צו הערען פון א רעדנער דעם זעלבען וויטץ, די זעלבע מעשה׳לע און דעם זעלבען משל וואָס ער האָט שוין געזאָגט און דערצעהלט אויף פריהערדיגע מיטינגען. נעהמט איהר זיך די מיה נאָכצוגעהן א רעדנער אַן אבענד נאָכאנאנד, א פּאָאר חדשים כסדר, וועט איהר איינזעהען אז זיין רעפּערטואר, זיין „סטאק“, האָט זיך אויסגענומען און אַלעס וואָס ער זאָגט, האָט ער שוין פריהער געזאָגט און איבערגעזאָגט.

ביי א ניו יאָרקער רעדנער, וואָס מוז רעדען יעדע וואָך אויף אכטצעהן מיטינגען, דורכשניטליך אויף דריי מיטינגען אין איין אבענד, איז רעדען קיין פּאָעטישע קונסט, נור א מין ארכיטעקטור, א בוי־קונסט.

האָט איהר ווען בעטראכט די קליינע קאָלירטע קלעצלעך מיט וועלכע קינדער שפּיעלען זיך? די קלעצלעך זיינען פון פערשיעדענע גרויס און זיינען געפארבט מיט פערשיעדענע צייכנונגען פון פענסטער און טהירען. קינדער שטעלען צוזאמען פון דיזע קלעצלעך אַלערליי בנינים. זיי לעגען א קלעצעל אויף א קלעצעל ביז עס ווערט א פונדאמענט. נאָכדעם מאכען זיי די ווענד פון דער געביידע. נאָכדעם קלייבען זיי זיך אויס קלעצלעך אויף וועלכע עס זיינען אויסגעמאָלט פענסטער, טהירען און א קוימען און שטעלען דיזע קלעצלעך אריין וואו זיי פאלט איין, און אזוי ווערט פארטיג דער בנין. ווען דער בנין ווערט פארטיג, צוואווארפען איהם די קינדער און בויען א נייע געביידע, אויף אן אנדער סטיל.

דאָס זעלבע איז מיט די רעדען פון אונזערע פּאָפּולערע רעדנער. די רעדען ווערען צוזאמענגעשטעלט פון פערטיגע קלעצלעך. דער רעדנער האָט ביי זיך אין סטאק א צוואנציג

אנעקדאָטען, דארין א פינף אָדער זעקס מעשה'לעך פון קעלמער און פון דובנער; א פּופּצעהן ציטאַטען פון שעקספּיר, געטהע און שילער ארויסגענומען פון ציטאַטען־בוך; א דוטצענד פּסוקים פון תנ"ך; א פיער—פינף תלמודישע לעגענדען; א זיעבען—אכט אויסגעארבייטע וויינענדיגע „שטיקלעך"; א צעהנדליג פער־שיעדענע „אגיטאציע"־שטיקלעך צוגעפּאסט צו פערשיעדענע אנ־געלעגענהייטען, — און אָט פון דיזע קלעצלעך בויט אויס דער רעדנער זיינע רעדען, יעדען מאָל איבערשטעלענדיג די טהיילען פון דער געביידע אין אַן אנדער פאָרמע.

פונקט אזוי ווי יענער חזן וואָס האָט פערשריעבען זיינע „נאָטען" אויף זיין איינענעם שטיינער, ג' פּעמים באַם־באַם; ז' פּעמים טאַ־ראַ־ראַ; ט' פּעמים אוי־אוי, אזוי פערשרייבט דער רעדנער זיינע „ספּיטשעס". אָט איז די פאָרמע ווי די רעדען ווערען געפּלאַנט אין פאָראויס:

דינסטאג אבענד, צוגעזאָגט רעדען אויפ'ן באַל פון יעהופּע־צער ליטעראַרישען סוירקעל. אנפאַנגען מיט דער מעשה פון דעם תלמוד ס ט דער ציעג. איבערזאָגען דאָס שטיקעלע פון שילער. צו־פיהרען דאָס צו דער מעשה מיט'ן פריץ, וואָס האָט אויסגעלערענט א בער לעזען שע ספּיר. ווארטען ביז דער עולם וועט אויפהערען צו לאַכען. אויב דער עולם לאַכט ניט, דערצעהלען די מעשה מיט דער רביצין'ס גאַמ־קעס. זיך אָבשטעלען און פערטראַכטען. נאָכדעם דערצעהלען די מעשה פון נחום איש גם זו און ענדיגען מיט דעם אַז די קאַפּיטאַליסטען ליגען אין געהאַקטע וואונדען.

מיטוואָך אבענד, צוגעזאָגט רעדען ביי דער ערעפנונג פון תלמוד תורה אין בראָנזוויל. אנפאַנגען מיט די ווערטער: „עס איז אוינע אַלטע געשיכטע". א שטיקעל וויינעדיגעס וועגען גלות. דער־צעהלען דעם דובנער'ס משל אויף דעם אפּיקורס וואָס האָט ניט גע־גלויבט אין משיח'ן. דערצעהלען די מעשה פון רבי עקיבא מיט זיינע 24,000 תלמידים. ענדיגען כי מבראָנזוויל תצא תורה.

דאָנערשטאג אבענד, צוזאָגט רעדען ביי דעם בענעפיט פון א קראנקען ארבייטער אין פּיפּלס טהעאַטער. אנפאַנגען „די בעפרייאונג דער ארבייטער קלאַסע איז די זאַכע דער ארבייטער זעלבסט". דער־צעהלען די מעשה מיט'ן פריץ וואָס האָט אויסגעלערענט א בער לעזען

שעקספּיער. וואַרטען ביז דער עולם וועט אויפהערען לאַכען. אויב דער עולם לאַכט ניט, דערצעהלען די מעשה מיט דער רביצין'ס גאַטקעס. זאָגען אַז קאַרל מאַרקס און לאַסאַל זיינען געווען דעם ארבייטער'ס גרעסטע פריינד. ענדיגען מיט אַ שטיקעלע אגיטאַציע.

שבת־צו־נאַכט צוגעזאָגט רעדען ביי דעם ציוניסטישען באַזאַר. אַנפאַנגען מיט „עס איז איינע אַלטע געשיכטע", שילדערען דעם גלות. אַריינדרעהען די מעשה מיט'ן מלמד און זיין ציעג. דערצעהלען דעם דובנער'ס משל אויף דעם אפּיקורס וואָס האָט ניט געגלויבט אין משיח'ן. אַ וויינענדיגעס שטיקעל. אויב דער עולם וויינט ניט, דערצעהלען זיי די מעשה פון די בלינדע אלמנה מיט דער בייבי. זיך אַליין אויך צו־וויינען. דאָס וועט זיכער העלפען. נאָכדעם ענדיגען אז די בלינדע אלמנה איז די כנסת ישראל, ובא לציון גואל.

אין דעם בוך זיינען דאָ אזעלכע פּלענער פאר רעדען לכל ימות השנה.

אלע האבען געטרויערט

מיט א פאאר מאנאטען צוריק איז אין ניו יארק געשטארבען א איד א גביר, וועלכער איז א מיטגליעד פון פיעלע פעראיינען. צו זיין לויה זיינען געקומען א סך מיטגליעדער. עס איז געוועזען איינע פון די גאנץ גרויסע לויות וואס מען זעהט אין ניו יארק. נאכדעם ווי א סך פון די בעגלייטער זיינען אבגעפאלען אויפ'ן וועג, זיינען דאך געוועזען ביים בית־עולם אן ערך פון טויזענד מענשען.

בעת די הספדים און די צערעמאניעס אויפ'ן בית־עולם האט מען בעמערקט א יונגענמאן וואס האט געוויינט מעהר ווי אלע. יעדע ווייל? האט ער זיך געכאפט פאר'ן הארצען, אזוי ווי ער פאלט אין חלשות, און יעמאנד פלעגט איהם מוזען אונטערכאפען. דער יונגערמאן איז געווען א ווילד פרעמדער, קיינער האט איהם ניט געקענט, אפילו די משפחה־לייט פון דעם פערשטארבענעם.

„אך, אזא וואהלטהעטער, אזא בעל־צדקה!“ האט מען דעם יונגענמאן געהערט זאגען, „ער האט מיר געטהאן א סך טובות. מיין לעבען האט ער פיעלע מאל געראטעט, און ער האט מיר אימער פערזאגט איך זאל קיינעם ניט אויסזאגען. צדקה בסתר האט ער געגעבען. אזוי יונג פון דער ערד אוועק! אוי, איך האלט ניט אויס!“

ווידער האט ער זיך אנגעכאפט מיט ביידע הענד פאר'ן הארצען און זיך גענומען שאקלען אזוי ווי ער האלט ביים אומפאלען. ווידער האט איהם איינער פון די מלוים אונטער־געהאלטען, ארומגעהמענדיג איהם מיט ביידע הענד.

פלוצלינג האט זיך איינער געכאפט, אז עס פעהלט איהם זיין זייגער. ער האט דאס גלייך געמעלדעט צו א פאליסמאן וואס איז דערביי געשטאנען. דער פאליסמאן האט גענומען זוכען צווישען די פערזאמעלטע און זיי ארומפרעגען.

באלד האט זיך אבגערופען נאך איינער פון די בעגלייטער און געזאגט, אז עס פעהלט איהם זיין טייסטער מיט זעכציג דאלאר אסיגנאציעס און עטליכע טשעקס אויף פיער הונדערט דאלאר.

ביסלעכווייז האָט מען זיך ארומגעזעהן אז דאָ האָט געארבייט א געשיקטער קעשענע־גנב, ווייל נאָך צעהן אידען האָבען געמעלדעט אז מען האָט זיי בע'גנב'עט. מען האָט זיך דאן דערמאָנט אָן דעם פרעמדען יונגען מאן וואָס איז דאָ ארומגעגאנגען, געוויינט און יעדע ווייל גע'חלש'ט אין די אָרעמס פון פערשיעדענע פערזאָנען. אָבער דער יונגער מאן איז פערשוואונדען געוואָרען — ווי אין וואסער אריין. נאָכדעם איז די לויה געוואָרען נאָך מעהר טרויעריג.

אויך מיר אַ איד

אין אַ בעוואוסטען מילכיגען רעסטאָראַן אויף 14טע סטריט וועלכער איז געגרינדעט פון אַ פרומען קריסט, איז אריינגעקומען אַ איד מיט אַ לאַנגער שווארצער באָרד און מיט אַ פּאָאר לאַנגע פּאות. אויפ׳ן קאָפּ האָט ער געטראָגען אַ צילינדער־הוט. ער האָט געמאכט דעם איינדרוק פון אַ בעוואוסטען ראבינער.

די מענער און פרויען וואָס זיינען געזעסען אין דעם רעסטאָראַן (צווישען זיי זיינען געווען אויך אידישע קינדער), זיינען געווען פערוואונדערט צו זעהן אַזאַ אידען אין דיעזען רעסטאָראַן. דער איד מיט דער באָרד האָט זיך אָבער נים וויסענדיג געמאכט און ווען אַ שעהנע קעלנערין האָט איהם געפרעגט וואָס ער וויל עסען, האָט ער קאָלטבלוטיג געענטפערט „העם ענד בינס" (שינקע מיט בעבלעך). די שעהנע קעלנערין האָט גנב׳יש אַ שמייכעל געטהאָן. אַ אידישער יונגער מאַן וואָס איז געזעסען ביים זעלבען טיש און געגעסען מילך מיט ביסקיטס, האָט זיך שיער נים אראָבגעקייקעלט פון זיין שטוהל.

דער טרפה׳נער מאכל איז געבראכט געוואָרען. דער איד מיט דער באָרד און פּאות האָט גענומען פּאקען אין זיך אַזוי ווי ער וואָלט געווען געוואוינט צו דעם מכל ימיו.

דער אידישער יונגער מאַן וואָס איז געזעסען ביים זעלבען טיש האָט ביי זיך געטראכט: דאָס מוז געוויס זיין אַ רב׳על וואָס פּאקט זיך אָן מיט טרפה מאכלים ווען קיינער זעהט נים. איך מוז איהם נאָכגעהן און אויסגעפינען וואו ער וואוינט און ווער ער איז.

ער איז איהם נאָכ׳ן עסען נאָכגעגאנגען. ווייט געהן האָט ער נים געדאַרפט. דער איד מיט דער באָרד און פּאות האָט זיך פער־קעהרט אין דריטע עוועניו און איז אריין אין וואָדעוויל הויז. דאָס איז אַלזאָ נים געווען אַ איד, נור אַ בילינער וואָדעוויל אקטיאָרעל וואָס שפּיעלט די ראָלע פון אַ אידען פאר 12 דאָלאר אַ וואָך.

אַזוי ווי ער דאַרף די ראָלע שפּיעלען יעדע שטונדע, פּוילט ער זיך יעדען מאָל זיך איבערצוגרימירען און ער געהט עסען אין זיין פולער אויסשטאַטונג.

דעמענטיאַ אַמעריקאַנאַ

דעמענטיאַ אַמעריקאַנאַ

(דער סדר היום פון בערל בוראַק וועלכער האָט זיך אַמעריקאַניזירט און
הייסט הײַנט באַרני ברוקס).

זיעבען אוהר אין דער פריה: אויפגעשטאַנען, זיך אָבגע־
וואַ ען, מיט איין האַנד פערקנעפּעלט די קליידער און מיט דער
אַנדערער האַנד פערקעמט די האָאַר.

10 מינוטען נאָך זיעבען: זעצט זיך ביים פרישטיק. האַלט
אַ צייטונג אין איין האַנד, אַ גאָבעל אין דער צווייטער און אַ סיגאַר
אין מויל. ער עסט, רעדט צו דער ווייב, זופּט קאַפּע, רויכערט און
צעהלט די מינוטען וויפיעל ער האָט נאָך צייט צו כאַפּען זיין
עקספּרעס טריין (שנעלצוג).

20 מינוטען נאָך זיעבען: ער שפּרינגט אויף פון טיש,
קעהרט אום אַ טאַ ע קאַפּע אין איילעניש, זאָגט „גוד באַי", פליהט
אַרונטער די טרעפּ, זאָגט גוטמאָרגען צום הויזקיפּער און טרעט אָב
אַ קאַטץ דעם עק.

האַלב נאָך זיעבען: ער לויפט אַרויף אויף דער האָכבאַהן.
דער שנעלצוג איז שוין דאָ. ער שטופּט זיך מיט אַלע כחות, אכטעט
ניט עלטערע מענשען און פרויען. ער וויל פערכאַפּען אַ סיט, בלייבט
אויסגעשטעלט. ער היינגט זיך אָן אַ רימען און שילט די קאָמפּאַניע
און פערדאַמט זיי אַלס מאָנאָפּאָליסטען וואָס ווילען בערויבען די
גאַנצע וועלט. ער קוקט אויפ׳ן זייגער און איז זעהר אונרוהיג. ער
מוז זיין פונקט אַכט אוהר אין זיין אָפיס.

צעהן מינוטען נאָך אַכט: ער קומט אין אָפיס אַ ביסעל
אַנגעבלאָזען. ער האָט פערשפּעטיגט גאַנצע צעהן מינוטען. אין
איילעניש האָט ער גענומען ניט די ריכטיגע טריין. ער גיט אַ זיפץ,
פעררויכערט אַ סיגאַר און זעצט זיך אוועק לעזען צייטונגען. ער
לעזט אַזוי דריי און אַ האַלבע שטונדען נאָכאַנאַנד און רויכערט
אויס אַכט סיגאַרען.

האַלב נאָך עלף: ער רופט אַריין זיין בוכהאַלטער און דער־צעהלט איהם אַ שעהנעם וויץ. דערנאָך רופט ער צו די מיידעל וואָס אַרבייט אויף דער שרייב־מאַשין און דיקטירט איהר אַ בריעף. דער־ווייל ווערט צוועלף און ער איילט זיך כאַפּען עטוואָס צובייסען.

פינף מינוטען נאָך צוועלף: ער קומט אַריין אין אַ „קוויק לאָנטש רום" (אַ רעסטאָראַן מיט פּערטינע לייכטע עסענס), וואָס איז געמאַכט ספּעציעל פאַר שטאַרק בעשעפטיגטע מענשען. ער לאָזט זיך ברענגען אַ גלאָז מילך, אַ פּאָאַר פּאַטענטירטע קיכלעך, אַ גע־באַקטען עפּעל, אַ גלאָז אייז־וואַסער און עסט בנשימה אחת מיט אַ פולען מויל. איידער ער שלינגט אַראָב דעם לעצטען ביסען, שפּרינגט ער אויף פון שטוהל, גיט דעם קעלנער אַ פּערטעל דאָלאַר טרינק־געלד און בעצאָהלט ביי דער קאַסע 15 סענט פאַר זיין מאָהלצייט.

צעהן מינוטען נאָך צוועלף: ער לויפט אַריין אין באַרבער־שאַפּ. עס האָט איהם אָבגעגאָלטען דאָס ער האָט געפונען אַ ליידיגען שטוהל. ער רופט צו אַ שטיוועל־פּוצער וועלכער פּוצט זיינע שיך, וועהרענד דער באַרבער ראַזירט איהם דאָס געזיכט.

פינף און צוואַנציג מינוטען נאָך צוועלף: ער דערמאָנט זיך אַז ער האָט פערגעסען אַריינצוואַרפען אין בריעפקאַסטען אַ בריעף וואָס זיין ווייב האָט איהם געגעבען. ער לויפט צוריק דריי בלאָק און ווען ער קומט צום בריעפקאַסטען דערמאָנט ער זיך אַז ער האָט דער בריעף איבערגעלאָזען אויף זיין שרייב־טיש אין אָפּיס. ער לויפט אַריבער דער אַנדער זייט פון גאַס און ווערט שיער ניט אומגעוואָרפען פון אַ וואָגען. נאָך אַ האָאַר און ער וואָלט צוריבען געוואָרען אויף שטיקער. ער קומט בשלום אויף דער אַנדער זייט פון גאַס און שטעלט זיך דאַן אָב בעטראַכטען ווי אַן אַלטע פּעדלערקע שטעהט ביים וועג מיט אַ גרויסען קאָרב עפּעל און האָט מורא אַריבערצוגעהן. ער שטעהט אַזוי אָב פינף מינוטען און געהט אַוועק לאַכענדיג ביי זיך אין האַרצען פון די שרעקעדיגע מענשען.

פינף און דרייסיג מינוטען נאָך צוועלף: ער איז שוין נעבען זיין אָפּיס. דערווייל דערזעהט ער אַ גרויסע מאַסע מענשען אַרומגעקליבען אַרום צוויי קליינע צייטונגס־פערקויפער וואָס האָבען צווישען זיך אַ פויסט־קאַמפּף. ער שטעלט זיך אויך אָב צו זעהן דעם קאַמפּף און פערליערט נאָך צעהן מינוטען.

א פיערטעל צו איינס: ער לויפט אריין מיט גרויס אימ־פעט אין זיין אפיס. עפענט אויף עטליכע צעהנדליג בריעף און גיט זיי איבער צו זיין בוכהאלטער ער זאל זיי דורכלעזען. דערנאך רעדט ער מיט איינינע ביזנעס לייטע און אגענטען ביז האלב נאך איינס.

פינף און דרייסיג מינוטען נאך איינס: ער געהט אריין צו א ביזנעס מאן אין דער זעלבער געביידע. זיי ריידען ביזנעס און פערקריכען אין פאליטיקס. דאן געהען זיי אוועק אין א סאלון און ענדיגען די פאליטיקס ביי א פאאר גלעזלעך וויין און עטליכע סיגא־רען. אזוי געהען אוועק עטליכע שטונדען.

האלב נאך פיער: ער גיט זיך א הויב מיט איילע. ער מוז נאך עפעס טהאן אין אפיס. ער קומט אריין ווען די מיידעל וואס ארבייט אויף דער שרייב־מאשין שטעהט שוין ביים שפיגעל און פוצט זיך צו אום צו געהן אהיים. דער בוכהאלטער האט שוין גע־שלאסען די ביכער פאר דעם טאג. ער טראקטירט דעם בוכהאלטער מיט א סיגאר און דערצעהלט איהם נאך א וויץ.

פינף מינוטען צו פינף: ער לויפט כאפען א שנעלצוג צו פאהרען אהיים. ער קלאפט זיך אב א פוס אן דעם אייזערנעם דאם, אין זיין גרויסע איילע אריינצוקוועטשען זיך אין וואגאן. אבער ער קומט בעצייטענס אהיים. נאך אבענד ברויט לייגט ער צו קאלטע קאמפרעסען צום פוס און אויף מארגען לויפט ער ווידער ארום „פריש, געזונד און משוגע“.

דער יצר הרע האָט געזיעגט

וווילסטו זיך אויסבעסערען,
דאַן בעסער אויס צוערשט די וועלט.

מיט געוואַלד ווערסטו געבוירען, מיט געוואַלד לעבסטו און מיט געוואַלד שטאַרבסטו.

און מיט געוואַלד ביזטו דיין גאַנצען לעבען ביין יצר הרע אין די הענד.

דאָס איז די געשיכטע פון אַ יונגען מאַן, אַ בחור, וואָס האָט געזוכט צו ווערען גוט און פרום, און האָט ניט געקענט. די גאַנצע וועלט האָט זיך איהם געשטעלט אין וועג, און ניט געלאָזט גוט און פרום זיין.

פון יוצא וועגען לאָמיר דעם בחור אַ נאָמען געבען מאַקס. דען ווי קען מען שרייבען אַ מעשה אָהן אַ נאָמען? די מעשה מיט מאַקס׳ן איז געוועזן אַזוי: ער האָט זיך איין מאָל פאַר אַלע מאָל בעשלאָסען צו ווערען אַ מענש, עס הייסט אַ שטאַטעק. דער אָפטער געהן אין טהעאַטער און אין אָפּערא, די שפּעטע אבענדען אין קאַפע־הייזער און קלובען, די לאַנגע שפּאַציר־גייִנגע אויף בראָדוויי און אַנדערע גאַסען וואָס שלאָפען קיינמאָל, האָבען איהם מיער געמאַכט, ניט אַזוי אין קערפּער ווי אין גייסט. ער האָט אַ לאַנגע צייט נאָכגעדענקט וועגען זיין אונרעגעלמעסיגען לעבען, און איז געקומען צו דער איי־בערצייגונג אַז ווייטער קען דאָס אַזוי ניט געהן, אַז ער מוז מאַכען אַן ענדערונג אין זיין אויפפיהר. ער מוז פּטור ווערען פון די בלויע רינגען ארום די פערשלאָפענע אויגען. ער מוז לויז ווערען פון דעם שטענדיגען קאָפּוועהטאָג. ער מוז אויפהערען צו וואַרפען געלד אַזוי ווי שפּענער. ער מוז ווערען אַ מענש!

ער האָט אָנגענומען פאָלגענדע רעזאָלוציאָנען:

1) צו קומען אהיים רעגעלמעסיג יעדען אבענד און עסען נור דאָס וואָס די מאמע־ האָט געקאָכט.

2) מאַכען אַ קורצען שפּאַציר נאָך אבענד ברויט.

לעזען אָדער שפּיעלען שאַך ביז צעהן.

4) זיך לייגען שלאָפען פּונקט אום צעהן, שפּעטסטענס אום האלב נאָך צעהן.

5) אויפשטעהן אום זעקס און זיך גלייך אָנטהאָן, ניט ליעגען גלאט אזוי אין בעט.

געזאָגט — געטהאָן. טאקע אין דעם אבענד פון יענעם טאָג וואָס ער האָט געמאכט זיינע רעזאָלוציאָנען איז ער געקומען אהיים גלייך פון דער ארבייט. אָבגעגעסען, געמאכט א שפּאציר, געלעזען א גוטען בוך ביז צעהן.

צעהן מינוטען נאָך צעהן איז ער שוין געלעגען אין בעט, און געוואַרט אויפ׳ן שלאָף.

געוואַרט און געוואַרט אָבער דער שלאָף איז ניט געקומען.

מיינט ניט אז עס האָט זיך איהם ניט געוואָלט שלאָפען. ער איז אימער געווען שלעפעריג, אפילו ביי טאָג אויך. אין מיטען טאָג, אז ער פלעגט נור האָבען די געלעגענהייט, פלעגט ער כאַפּען א דרעמעל, זיצענדיג אין א שטוהל. ער פלעגט שלאָפען פאַהרענדיג. ער איז געווען אזוי זשערנע אין שלאָף, דאָס א דרעמעל פינף מינוטען איז ביי איהם געווען א געווינס.

אָבער ביי נאכט איז עפּעס אַנדערש. איהר ניו יאָרקער וועלכע וואוינט אין טענעמענט־הייזער ווייסט גאַנץ גוט אז ביי אונז איז פערקעהרט: ביי טאָג איז שטיל, און ביי נאכט קאָכט עס, און עס ליארעמט און עס טאַראַראַמעוועט.

א קאָנצערט פון אכט פּיאַנאָס, צוועלף פאָנאָגראַפס, א באַנדזשאָ, און א קאָרנעט האָבען איהם ניט געלאָזט שלאָפען.

יעדע פּיאַנאָ און יעדער פאָנאָגראַף האָט געשפּיעלט אַן אַנדער ניגון. פון לופט שאַפט זיינען געקומען די טענער, פון אויבען, פון אונטען, פון איבעראל. טענער פון „איל טראָבאדור“, „פּארסיפאל“, „שולמית“, „דובינושקא“, „מאַר ליעזע“, „מן המצר“, „ישראליק קום אהיים“, „דהי מען אין דהי מון“, „מעררי ווידאָו“, און נאָך אַלטע און נייע טענער האָבען זיך געטראָגען צו זיין אויער, געענבערט זיין מוח און איהם ניט געלאָזט שלאָפען.

ער האָט זיך איבערגעדעקט דעם קאָפּ מיט דער קאָלדרע, זיך

אריינגעשטיקט די שפיצען פון א טאשענטוך אין די אויערען. די מוזיק האָט ער אַלץ געהערט.

האַלב נאָך צעהן — א טייך שוויים האָט איהם בענאָסען, און ער שלאָפט נאָך אַלץ נים.

א פיערטעל צו עלף — ער שלאָפט נים.

עלף — דריי פיאַנאָס זיינען שטיל געוואָרען. פאָנאָגראַפס שפּיעלען בלויז זעקס. דער קאָרנעט און באַנדזשאָ האָבען אויפגע־הערט. דערפאר האָט איינער אָנגעהויבען צו זינגען.

דער שלאָף האָט זיך אין גאַנצען אָבגעטהאָן פון איהם. די בי־סעלע שלעפערינקייט וואָס ער האָט פריהער געפיהלט ארום די אויגען איז אין גאַנצען פערשוואונדען געוואָרען.

האַלב נאָך עלף — די פיאַנאָס האָבען אויפגעהערט. די פאָנאָ־גראַפס האָבען אויך אויפגעהערט. נאָר פון א העכערען שטאָק הערט זיך א געזאַנג. —א מיידעלשע שטימע מיט דער בעגלייטונג פון א פיעדעל.

א פיערטעל צו צוועלף — א פאָנאָגראף האָט ווידער אָנגע־הויבען צו שפּיעלען — דעם בלינדען חזן׳ס א ניגון.

פונקט צו צוועלף האָבען זיך צושריען צוויי קינדער אויף אמאָל, איינע אויבען, די אַנדערע אונטען. א פרוי אין דער נעקסטער וואוי־נונג האָט אָנגעהויבען צו זינגען אַן אַלט אידיש ליעדעל א ביסעל פערענגלישט:

„סליפ, מאַי בייבי, סליפ!
יור פּאַפּאַ וויל גאָו טו שקלאָוו,
הי וויל ברינג יו אַן עפּעלע,
וויל בי אַ געזונד אין קעפּעלע,
סליפ, בייבי, סליפ!

„סליפ, מאַי בייבי, סליפ!
יור פּאַפּאַ וויל גאָו טו שקלאָוו,
הי וויל ברינג יו ניסעלעך,
וויל בי אַ געזונד אין די פיסעלעך,
סליפ, בייבי, סליפ!

נאָכדעם ווי די בייביס זיינען רוהיג געוואָרען, איז געוואָרען שטיל אין הויז. אָבער דורך דער שטילקייט האָט ער געהערט א צוזאַמענמישונג פון מענערשע שטימען, וועלכע זיינען געקומען פון לופט שאַפט. דאָס האָבען גערעדט מענשען אין דעם זשאַרגאָן פון קאָרטען־שפּיעלער און גערעדט האָבען זיי שטאַרק פערקאָכט.

„איך פּעס.“

„וואָס מיר פּעס? איך עפּען“.

„אויף וואָס? שוין ווידער א פּעט הענד?“

„און א פּאַאר אונטערס איז דיר ווייניג?“

„דערציעהל מיר ניט קיין באָבע מעשות. איך קען דיך שוין בעסער.“

„אויב אזוי וועל איך עס גאָר אונטעררייזען“ — איז געקומען פון א קוויטשיגע שטימע.

„דיין פּאָר־פלאָש שרעקט מיר גאָר ניט אָב.“

„אומזיסט אייער ארבייט. עס איז א מיקסד דיל“, איז געקומען פון א באַריטאָן שטימע. „איך האָב זעקס קאָרטען.“

„מיקסד דיל דיין באָבען!“ האָט די קוויטשיגע שטימע זיך געהערט עטליכע אָקטאַוועס העכער.

„מיקסד דיל איז א מיקסד דיל“, האָט זיך געהערט פון עטליכע שטימען אויף אמאָל.

נאָכדעם א ליארעם, א טומעל און א געפּילדער.

האַלב נאָך צוועלף איז ווידער א מינוט שטילער געוואָרען, און מאַקס, דער בעל תשובה, האָט געמיינט אז יעצט וועט ער שוין קענען איינשלאָפען —

ערשט האָבען זיך אָנגעהויבען הערען טריט אין האָל, און אויך שטימען. די שטימען האָט ער דערקענט, דאָס איז געווען פון א יונגע פּאַאר פאָלק פון דריטען פלאָאר.

באַלד האָט מען אָנגעהויבען געהן און געהן.

דאָס האָט מען אָנגעהויבען צו קומען פון טהעאַטער.

אין עטליכע מינוטען ארום האָט זיך געהערט דער קלאַפּען פון טעלער, גאָפּעל און מעסער. די וואָס האָבען זיך אויסגעהונגערט אין טהעאַטער האָבען גענומען עטוואָס צובייסען.

און נאָר אָהן א ווארנונג האָט זיך א יונגע ווייבעל צווונגען. זי האָט נאָכגעמאַכט מעטראַזיני'ן.

א יונגער מאַן פון אַן אַנדער שטאָק האָט גענומען זינגען א ליער פון „בן עמי".

נאָכקלאַנגען פון טהעאַטער און פ̇ון אָפּערא האָבען זיך באַלד גע־נומען הערען פון אַנדערע וואוינונגען, אויך פון איבער'ן הויף.

איינער האָט ערגעץ אָנגעדרעהט א פאָנאָגראַף, און עס האָט זיך געלאָזט הערען „וועסטא וויקטאָריא" מיט אַלע ברעקעלעך.

דער זיינער האָט געשלאָגען איינס.

ביסלעכווייז איז ווידער שטיל געוואָרען.

פּלוצלונג האָט עס אָנגעהויבען עפּעס צו סקריטשען אין הויף, אָבער ווי סקריטשען!

מאַקס איז אזש נור פון בעט אויפגעשפּרונגען. ער איז צוגעלאָ־פען צום פענסטער און ארויסגעקוקט אין לופט שאַכט.

פונקט גענגענאיבער, ביי אַן אָפענעם פענסטער, איז געשטאַנען א מיטעליעהריגע פרוי און ארויסגעהאַנגען גרעט אויפ'ן וואַש־שטריקעל. יעדען מאָל וואָס זי האָט א ציה געטהאָן די שטריק, האָט עס א סקריטשע געטהאָן פון די רעדלעך אז עס האָט געריסען פאַר די אויערען.

„מיסעס, אזוי שפּעט!" האָט מאַקס צו איהר אויסגערופען, עפענענדיג זיין פענסטער.

„איך האָב זיך היינט פערשפּעטיגט מיט די וועש", האָט די פרוי געענטפערט, „און מאָרגען בעלאַנגט די שטריק צו מיסעס קאָרקע. זי האָט שוין איינגעווייקט איהרע וועש צוליעב דעם."

עס זיינען אריבער פופצעהן מינוטען. דער סקריטשען האָט אויפגעהערט, אָבער מאַקס האָט געפיהלט אז זיינע נערווען צופּלאָ־צען אין איהם, פון דער אנשטרענגונג.

האַלב נאָך איינס — ער הערט ווידער טריט אין האָל. מען געהט און מען זינגט, און מען טאַנצט אונטער. קענטיג פון א באַל.

פיערציג מינוטען נאָך איינס — נאָך אַן עופּה'לע האָט זיך צושריען. באַלד נאָכדעם האָבען זיך צושריען צוויי ערוואַקסענע מענשען, א פרויען־שטימע האָט געשריען: „נעהם און געה ארום

א ביסעל מיט דאָס קינד. ניש'קשה, ביזט א טאטע, נישט קיין פרעמדער". א מענער־שטימע האָט דערויף געענטפערט: „טשעפּע זיך אָב, לאָז מיך שלאָפען!"

צוויי אוהר איז אונזער בעל תשובה אויפגעשפּרונגען פון בעט. „אין דער ערד מיט אַלע גוטע פּלענער!" האָט ער אויסגערופען, גענעבען א שפּיי און גענומען זיך אָנטהאָן.

ווען ער איז אַרויס פון הויז האָט דער זייגער געשלאָגען צוויי.

ער איז אַוועק נאָך דעם נאָהענטסטען קאַפע־הויז, און זיך געהייסען געבען א גלאָז טהעע מיט א סיגאַר.

און באַלד האָט מאַקס געטראָפען א פּאָאר בעקאַנטע, מען האָט זיך צורעדט, און ער איז ווידער געווען דער זעלבער מענש ווי פריהער.

פינף אוהר פאַרטאָג איז ער געקומען אהיים, זיך אויסגעטהאָן, אריינגעלייגט אין בעט, און איז איינגעשלאָפען געוואָרען ווי א סנאָפּ. — — — — — — — — — — — — — — — —

„אומזיסט איז מיין מיהע!" האָט ער געזאָגט צו זיך אויף מאָרגען, ווען ער איז אויפגעשטאַנען מיט'ן גרויסען טאָג. גאַנץ ניו יאָרק שלאָפט ניט, באָמערען ארום די גאַנצע נעכט, הוליענען, און טאַנצען אָב זייער וועלטעל. היינט גאָה זיי א צדיק איינער אליין אין א שטאָדט פון איבער א פיער מיליאָן רשעים!"

און מאַקס האָט מיט א וועהטאָג אין הארצען זיך צוריקגע־קעהרט צו זיין פריהערדיגען לעבען, און געגען זיין ווילען איז ער צוריק אריינגעשלעפּט געוואָרען אין דעם שטראָם פון דעם גויס־שטאָדטיגען קעסעל גרוב, און דער יצר הרע, דער גרויסער וועלט־זיעגער, האָט זיך צוגעשריבען נאָך א קליינטשיגען זיעג.

באמבעס

די מעשה איז געשעהן אין 1899, און יערען יאהר זייט דאן, ווען עס קומען די ימים נוראים, ערמאנער איך זיך אן יענער זעלטע־נער פּאסירונג וואס איז פארגעקומען גראדע צווישען ראש השנה און יום כפור, א פאסירונג וואס האט אויפגערודערט גאנץ ניו יארק.

אונזער געשיכטע פאנגט זיך אן מיט דעם וואס א מוהל, מיט'ן נאמען רעווערענד צימעסאוויץ, האט פערלוירען זיין תפילין־זעקעל אויף א קאר. ווי אזוי קומט א מוהל צו פערלירען זיין תפילין־זעקעל? דאס איז גאר קיין קשיה ניט. דער מוהל איז געפאהרען פון א ברית, און איז געוועזן א ביסעל — ווי זאגט מען עס אויף אן איידעלען אופן? — נו, אויף א שמחה של מצוה נעהמט יעדער איד א ביסעלע, ובפרט א מוהל. אין א גרויסען שטיק פּאפּיר האט ער געהאט איינגעוויקעלט: זיין טלית־זאק, און אין דעם זיין תפילין־זעקעל, זיין מוהל־מעסער'ל, זיין קעסטעלע פּולווער, און נאך קליינינקייטען. אין ניו יארק זעהט מען זעהר זעלטען א טלית־זעקעל אין גאס. געוועהנליך אז א אידען קומט אויס צו טראגען זיין טלית אין גאס פּאקט ער איהם אזוי איין אין א פּאפּיר כדי עס זאל אויסזעהן ווי א פּעקעל סחורה. ניו יארק איז דאך עפּעס ניט גלופסק און ניט קאבצאנסק. אט אזוי זעהט איהר יערען שבת ווי עס מארשירען ארויס פון שוהל די צוויי דורות, די טאטעס מיט די קינדער, דער נייער דור נעהט פּאראויס מיט די טליתים, איינגע־פּאקט אזוי ווי מען קומט ארויס פון א גאלאנטעריי געשעפט, און דער אלטער דור געהט נאך, און איז דאכט זיך צופריעדען מיט זיך און מיט דער גאנצער וועלט —

וואס טהוט גאט? מאכט ער אז פון רעווערענד צימעסאוויץ'עס פּעקעל גליטשט זיך ארויס דער תפילין־זעקעל צוזאמען מיט דעם מוהל־מעסער'ל, מיט דער קעסטעלע מוהל־פּוידער. און אז די קאר קומט צו דער גאס וואו אונזער רעווערענד צימעסאוויץ דארף אויס־שטייגען, בעמערקט ער גאר ניט, אז זיין פּעקעל איז לייכטער גע־ווארען.

אין פינף מינוטען ארום נאָכדעם ווי רעווערענד צימעסאָוויץ איז ארויס, האָט דער קאָנדוקטאָר פון דער קאר בעמערקט ליגנען אויף א ביינקעל א מערקווירדיגען סאמעטענעם זעקעלע, אויף וועלכען עס זיינען געווען אויסגעשטיקט פערשיעדענע צאצקעס מיט רויטע פאָדים. אינווענינ אין זעקעלע האָט ער געפונען עפּעס שווארצע קעסטלעך וועלכע לאָזען זיך ניט עפענען, און ארום זיינען געווען ארומגעוויקעלט שווארצע לעדערנע רימענס. דער קאָנדוקטאָר האָט קיינמאָל אין זיין לעבען אזעלכעס ניט געזעהן. נאָך מעהר האָט איהם פערוואונדערט דער מעסער, וועלכער איז געווען זעהר שארף, און די קעסטעלע רויטע פוידער.

אונזער שטאָדט ניו יאָרק, און מסתמא אויך אנדערע שטערט אין היינטיגער ציוויליזירטער וועלט, איז פערזאָרגט מיט א השבת אבדה אָפּיס, וואוהין עס ווערען געבראכט אלע זאכען וואָס מענשען פערגעסען, אָדער פערלירען אין עפענטליכע פּלעצער. דער קאָנדוק־טאָר האָט די אלע מציאות צוזאמענגעפּאקט אין א צייטונג און האָט זיי אריינגעטראָגען אין יענעם אָפּיס. ווען דער פערוואלטער פון יענעם אנשטאלט האָט דערזעהן די זאָנדערבארע ארטיקלען, איז ער געוואָרען בלאס, און ציטערנדיג ווי א בלאט, האָט ער געשריען:

„באָמבעס! דינאמיט! די שווארצע האנד! אנארכיסטען! פּאָליס! פּאָליס!“

אמאָל אין א נאָווינע טרעפט עס (אָבוואָהל זעהר, זעהר זעלטען) אז א בירגער שרייט „פּאָליס“ און עס בעווייזט זיך טאקע א פּאָליס־מאן. דער פּאָליסמאן האָט בלויז איין בליק געטהאָן אויף די זאכען, און עס איז ביי איהם געווען זיכער, אז די שווארצע קעסטלעך זיינען באָמבעס און די פוידער איז דינאמיט.

אין אונזער שטאָדט ניו יאָרק, און פיעלייכט אויך אין אנדערע ציוויליזירטע שטערט, געפינט זיך א „ביורא אָוו קאָמבאָסטיבלס“, וואוהין עס ווערען געבראכט אלערליי באָמבעס און געפעהרליכע פייער־ווערק. דאָרטען ווערען דיעזע סכנות׳דיגע צאצקעס כעמיש אנאליזירט, און די געפאהר פון דיעזע זאכען ווער טריכטיג אָבגע־שאצט.

דער פּאָליסמאן האָט געוואוסט, אז אהין דארף ער טראָגען די געפעהרליכע שווארצע באָמבעס. עס איז א ביסעל א געפעהרליכער

עסק, נור דערויף איז דאָ פּאָליציייסקע דיסציפּלין. ער האָט געררו־פען נאָך צוויי פּאָליסלייטע. דעם זעקעלע באָמבעס מיט דער קעס־טעלע פּוידער, און אפילו דעם מעסער׳ל האָט מען אריינגעלייגט אין אַ כלי מיט וואַסער. דאַן זיינען אַלע דריי ארויף אויף אַ פּאַטראָל־וואָגען. צוויי האָבען געהיט די כלי, און איינער האָט אָנגעטריבען די פערד. און אזוי האָבען זיי געבראַכט די זאַכען אין דער ביוראָ אָוו קאָמבאָסטיבלס.

דער טשיעף פון דער ביוראָ האָט צוגענומען די זאַכען און אַ שאָקעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ, אזוי ווי אַן ערפאַהרענער מענש, וואָס ווייס שוין זיין געשעפט.

די פּאָליציי איז דערווייל געוואָרען זעהר טהעטיג. צו יענער צייט איז גראַד געווען עפּעס אַ שטיקעל אַנאַרכיסטען־בהלה. עפּעס האָט מען אין פּעטערסאָן ענטדעקט אַ פערשווערונג פון אַנאַרכיס־טען אויסצו׳הרג׳ענען אַלע מלכים און פּרעזידענטען פון דער גאַנ־צער וועלט. עס האָט זיך אפילו דערנאָך ארויסגעוויזען, אַז דאָס איז אַ נאַרישער בלאָף, אָבער ניט אזוי גיך לאָזט אָב די פּאָליציי אַזאַ בלאָף. די בעסטע דעטעקטיווס זיינען ארויסגעשיקט געוואָרען פון ניו יאָרקער הויפּט קוואַרטיר צו כאַפּען דעם אַנאַרכיסט אָדער די אַנאַרכיסטען וואָס האָבען אונטערגעוואָרפען, אָדער פערלאָרען די באָמבעס אויפ׳ן קאַר. עס איז ביי זיי גאָר קיין צווייפעל געווען, אַז דיעזע געפונענע זאַכען אויף דער קאַר האָבען אַ שייכות מיט דער פּעטערסאָנער פערשווערונג אויסצו׳הרג׳ענען אַלע מלכים און פּרע־זידענטען פון דער וועלט.

יעדען מאָל ווען עס קומט פאָר אַזאַ אַנאַרכיסטען־בהלה, לאָזען זיך אראָב די דעטעקטיווס אויף יאַגד אויף דער איסט סייד. אין אידישען קוואַרטאַל, ווייסען זיי, געפינען זיך אַ סך אַנאַרכיסטען, מיט באָמבעס ווערט געהאַנדעלט אויף האַנד־וועגלעך, און דינאַמיט קריגט מען אין אַלע שפּייז קרעמלעך. עס האָט שוין אַמאָל געטראָ־פען אַז אַ קלוגער דעטעקטיוו האָט פערנומען אַ גאַנצען וואָגען מיט המן־טאַסען וואָס אַ בעקער האָט אויסגעפיהרט צו זיינע קונדען. ער האָט שיער געקראָגען פאַר זיין העלדענטהאַט אַ מעדאַל, נור עס האָט זיך ארויסגעוויזען אַז דאָס זיינען ניט געווען באָמבעס. דיעזען מאָל זיינען די דעטעקטיווס געווען פאָרזיכטיגער. זיי האָבען

זיך ניט געאײַלט מיט מאַכען רעוויזיעס, און אויך ניט מיט מאַכען אַרעסטען. זײַ האָבען געזוכט צו האַנדלען מיט טאַקט. זײַ האָבען פאָטאָגראַפירט עפּעס אַ 200 פּעדלערס און סטענדקיפּערס אויף העסטער, לודלאָוו און עסעקס סטריטס, און זײַ האָבען געהאַלטען אַ שטענדיגע אויג אויף געוויסע ביליגע קאַפּע־הײַזער, וועלכע זײַנען בעוואוסט אַלס „נעסטען פון די רויטע". בקיצור, די פּאָליציי האָט געאַרבייט, און די צײַטונגען האָבען געשריבען לאַנגע קאָלומס, און גאַנץ ניו יאָרק האָט געלעבט אין גרויס שרעק.

דערוויײַל איז אָנגעקומען יום כפור, און מיט איהם דער יום כפור באָל. יעצט ווייס מען שוין ניט וואָס עס איז אַזוינס אַ יום כפור באָל, ווארום פון די אַמאָליגע אַנאַרכיסטען וואָס פלעגען זיך צוזאַמענקלײַבען טאַנצען, עסען חזיר־סענדוויטשעס און פערטריג־קען מיט זויער־מילך אום יום כפור, זײַנען אַ סך געוואָרען רײַכע אידען און גוטשטעהענדע מיטגליעדער פון שוהלען. זײַ געהען יעצט יום כפור אין שוהל, קויפען עליות און שנדר'ן. די קליינע ביסעלע, וואָס זײַנען געבליבען טריי זייערע פּרינציפּען האָבען ניט גענוג געלד צו מאַכען בעלער. אָבער דאַן, אין יענע יאָהרען, איז דער יום כפור באָל געווען אַ וויכטיגע פּאַסירונג יעדען יאָהר. דארום, אַז עס איז געקומען יום כפור, האָבען זיך אַ סך דעטעקטיווס אַ לאָז געטהאָן צום באָל. זײַ האָבען זיך געמישט מיט'ן עולם, געגעסען צופוילטע סענדוויטשעס, געקנאַקט פּינאָטס, געגעסען וואורשטלעך בעשמירט מיט צוואָרעך, און פערזופּט מיט ביער אין וועלכע מען האָט פריהער דערטרונקען אַ שרץ — און דאָס אַלץ צו בעווייזען אַז קיין גאָט איז ניטאָ אויף דער וועלט.

די דעטעקטיווס האָבען אָבער גאָרנישט אויסגעפונען. מען האָט אַלזאָ געוואַרט אויף דעם רעפּאָרט פון דער ביוראָ אָוו קאָמ־באַסטיבלס.

דער שעף פון דיעזער ביוראָ איז זעהר געהויבען בײַ זיך. ער פיהרט זיך מיט גאוה און אַרבייט זעהר לאַנגזאַם. די באָמבעס מיט די פּוידער, מיט'ן מעסער'ל האָבען זיך בײַ איהם געוויקט אין וואַסער אַ גאַנצע וואָך צײַט. יעדע שטונדע פלעגען קומען צו לויפען דעטעקטיווס און צײַטונג־שרײַבער און פרעגען וואָס איז געוואָרען פון דער כעמישער אונטערזוכונג. און דער שעף פון דער ביוראָ

פלעגט זיך ענטפערען גאַנץ קאַלטבלוטיג „נאַט יעט, נאַט יעט“ — עס הייסט, אַז ער האָט נאָך די אונטערזוכונג נים געמאַכט.

ענדליך, ענדליך האָט ער שוין אַרויסגענומען די זאַכען פון וואַסער און געמאַכט זיין כעמישען אַנאַליז. די רעפּאָרטערס זיינען געשטאַנען און געוואַרט, און זיך ביי איהם געבעטען ער זאָל זיי זאָגען אויב דאָס זיינען געווען באָמבעס, אָדער נים, ער זאָל כאָטש זאָגען איין וואָרט, יאָ, אָדער ניין. דער שעף פון דער ביוראָ אָוו קאָמבאָסטיבלס האָט געענטפערט, אַז ער מוז מאַכען זיין רעפּאָרט דירעקט צום שעף פון דעטעקטיוו ביוראָ. און פון זיין אַנטוואָרט האָבען די רעפּאָרטערס געמאַכט אַ פּשט, אַז דאָס זיינען טאַקע געווען באָמבעס.

ווי איבערראשט איז אָבער געוואָרען דער שעף פון דער דע־טעקטיוו ביוראָ ווען ער האָט צוריק בעקומען די שווארצע קעסט־לעך, שוין צואווייקטע, צובראָכענע, מיט'ן מעסער'ל און די קעס־טעלע אין וועלכע עס איז געווען דער פּוידער, און צו דעם אַ קורצען רעפּאָרט: „קיין דינאַמיט, קיין עקספּלאָדירענדע שטאָף, אַבסאָלוט אונשעדליך.“

אָבער אין די אויפגעריסענע שווארצע קעסטלעך האָבען זיך געפונען שטיקער פּארמעט מיט בוכשטאַבען פון וועלכע עס זיינען נאָך פערבליבען סמנים. „עס מוז זיין עפּעס אַן אַלטע שפּראַך, און דאָס זיינען אַנטיקוואַרען“, האָט זיך געטראַכט דער קאָפּ פון אַלע דעטעקטיווס. ער האָט אָבגעשיקט די זאַכען צו אַ פּראָפעסאָר פון מוזעאום אין סענטראַל פּארק וועלכער איז אַ בעוואוסטער געלעהר־טער. דער פּראָפעסאָר האָט די זאַכען נאָכגעקוקט און איז געקומען צו דעם בעשלוס, אַז דאָס בעלאַנגט צו אידען. ער האָט געשיקט נאָך אַ ראַבינער, וואָס וואוינט אויף דער וועסט סייד. דער ראַבינער האָט אַ קוק געטהאָן און געזאָגט:

„יאָ, די זאַכען זיינען מיר אַ ביסעל בעקאַנט. דיעזע שווארצע קעסטלעך בעלאַנגען צו די אָרטאָדאָקסישע אידען. דער מעסער מיט די פּוידער זיינען מיר שוין בעסער בעקאַנט.“

דער ראַבינער האָט דעם פּראָפעסאָר ערקלערט אַלעס וואָס ער האָט געוואָלט וויסען, און אויף מאָרגען איז אין אידישען קוואַרטאַל שוין געווען רוהיג, און די דעטעקטיווס האָבען זיך אויך אָבגערוהט.

JNG 28

LIBRARY
JAN 19 1994
UNIVERSITY OF TORONTO

3 1761 03595 6168